STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03289

YUZEF PILSUDSKI

Pinchas Shwartz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. שוואַרץ

יוזעף פילסודסקי

זיין באַציונג צו דער יידן־פראַגע און זיין קאַמף קעגן „בונד“

(1905—1893)

וואַרשע 1936

Druk. A. Rozensztajn, W-wa, Mławska 5. Tel. 11-53-62

Printed in Poland

~~1179259~~ У 680, с.1

P. Szwarc

Józef Piłsudski

jego stosunek do kwestji żydowskiej i jego walka z Bundem

nakładem autora

פאָרוואָרט

פאַר די לעצטע 10 יאָר איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע און צאָלרייכע פּילסודסקי-ליטעראַטור: צענטליקער גרויסע ווערק, אָן אַ שיעור גרעסערע און קלענערע פאָרשונגען, הונדערטער בראָשורן. אָבער נאָר איינצלנע פון זיי האָבן אַ גרעסערן ווערט. ניין צענטל פון די אַלע פּובליקאַציעס זענען ביליקע פּאַנעגירישע שאַפונגען. אין גאָר געציילטע פאַלן האָבן די מחברים פון די דאָזיקע ווערק אַרויסגעוויזן אַ וואָסערע נישט איז אָביעקטיווקייט צום סאָציאַליסטישן פּעריאָד פון פּילסודסקיס פּאָליטישער טעטיקייט.

דער טיטל פון אונזער בוך — און נאָכמער זיין אינהאַלט — וועט זיין פאַרן לעזער אַ סורפּריז: זעלטן-ווער ס'האָט געוואוסט, אַז דער פאַרשטאָרבענער מאַרשאַל פּילסודסקי האָט אין סאָציאַליסטישן פּעריאָד פון זיין לעבן זיך אַזויפיל באַשעפטיקט מיט דער יידן-פראַגע. פיל ווייסן וועגן דעם, אַז מיט צענטליקער יאָרן צוריק האָט פּילסודסקי געהאַט באַגעגענישן מיט פאָרשטייער פון „בונד", אנטיילגענומען אין קאַמף פון דער פּ. פּ. ס. קעגן „בונד". כמעט קיינער האָט אָבער נישט געוואוסט, אַז דער דאָזיקער קאַמף האָט אין יענע יאָרן פאַרנומען אין זיין טעטיקייט אַזאַ גרויס אָרט און זעלטן ווער ס'האָט געוואוסט, אַז יוזעף פּילסודסקי איז יאָרנלאַנג געווען די נשמה, דער אָנפירער פון דאָזיקן קאַמף.

דעמדאָזיקן פּעריאָד איז געווידמעט אונזער בוך. דער מחבר האָט זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען פון אונטערן שטויב פון אַרכיוון אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזן אַרויסבאַ-

קומען: פילסודסקיס ארטיקלען וועגן דער יידן-פראגע און וועגן „בונד“, רעזאָלוציעס פון צוזאמענפאָרן פון פּ. פּ. ס. און אזוי ווייטער.

דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע ארבעט, ווייל די אר-כיוון זענען דערהיילע פעסט פארריגלט און דער מחבר האָט זיך געמוזט באפרידיקן בלויז מיט יענע דאָקומענטן, וועלכע זענען שוין געוואָרן פארעפנטלעכט, אָדער וועלכע זענען אים געווען צוגענגלעך. זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין צו באדאנקען די מי פונם לייטער פון פּ. פּ.-סישן ארכיוו לעאָן וואסילעווסקי, וועמענס פאכמענישע אנווייזונגען האָבן מיטגעהאָלפן אויפצוקלערן נישט איין סוד, וואָס איז פארשיפרירט אין די דאָזיקע דאָקומענטן.

ווי דער לעזער וועט זען, איז די געשיכטע פון די באציונגען פון פילסודסקין מיט די ברינדער און פירער פון „בונד“ אין א גרויסער מאָס אויך די געשיכטע פון די באציונגען צווישן „בונד“ און פּ. פּ. ס. אלס אזעלכער אין יענעם פעריאָד. היינט, ווען דער רוב דעמאָלטיקע שטרייט-פראגן האָט זיך שוין אריבערגעקליבן אויפן גע-שיכטלעכן עולם-האמת, איז שוין מעגלעך א קוק צו טאָן אויף זיי מיט דער גאנצער אָביעקטיווקייט, אָפּשאצן זיי ווי ווייט מעגלעך אלזייטיק. צוליב פילסודסקיס פאָליטישער טעטיקייט אין די שפּעטערדיקע יאָרן — בעת דער וועלט-מלחמה און אין אומאָפּהענגיקן פוילן — איז די באלויכ-טונג פון יענעם ערשטן פעריאָד זייער נוצלעך און באלערנדיק.

דער קאמף צווישן פּ. פּ. ס. און „בונד“ אויף דער שוועל פון אַוועקגעגאנגענעם און היינטיקן יאָרהונדערטער האָט שוין איצט, ווי געזאָגט, פארלוירן פיל פון זיין ליידנשאפט, און פיל זאכן, וועלכע זענען נאָך דעמאָלט באצווייפלט געוואָרן, זענען שוין היינט אנערקענטע און פעסטע אמתן. אָבער אין די ווינקלען פונם היינטצייטיקן

Free Public Library, Newark, N. J.

פּאָליטישן לעבן הערן מיר נאָך פון צייט צו צייט אָפּקלאַנגען פון יענע שטרייטן, דאָ און דאָרט ווערן נאָך אָפּטמאָל אָפּגעפּרעגט אַ רייע פּרינציפּן, וועגן וועלכע דאָס לעבן האָט שוין אומצווייידייטיק געפּסקנט. אין דער הינזיכט קען די געשיכטלעכע דערפאַרונג נישט איין פּרט אויפקלערן און באַלויכטן.

דאָס בוך באַשטייט פון דריי טיילן, פון וועלכע די ערשטע און די לעצטע דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי ביילאַגעס, וואָס האָבן דעם ציל מיטצוהעלפן דעם לעזער זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין דער אייגנטלעכער טעמע.

די ערשטע טייל פּרווט געבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון יוזעף פּילסודסקיס געשטאַלט — צי קען מען רעדן וועגן אַ גרויסן געביט פון וועמענס נישט איז טעטיקייט, אויב מען האָט נישט פאַר זיך די פּערזאָן, וואָס האָט געפירט דידאָזיקע טעטיקייט? איצט, נאָכן טויט פון מאַרשאַל פּילסודסקי, ווען ס'ווערט אַלץ שטילער דער טאָגטעגלעכער אַקטועלער פּאָליטישער קאַמף אַרום זיין פּערזאָן, איז שוין מעגלעך צו געבן אַ פולע כאַראַקטעריסטיק פון זיין פּערזענלעכקייט, און דאָס פּרווון מיר צו טון אין דער ערשטער טייל פונם בוך.

דער מחבר האָט זיך באַמיט וואָס מער ?יך צו שטיצן אויף מאַטעריאַלן און אינפאָרמאַציעס פון מענטשן, וואָס זענען געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט פּילסודסקין. ס'איז צוליב דעם אויסגעקומען פיל זיך צו בריבלען אין דער טעגלעכער פּרעסע, איבער וועלכער ס'זענען נאָך דערווייל צעוואָרפן די צאַפּלדיקסטע דערינערונגען פון פּילסודסקיס נאָענטע — אויף דעם וועג גייען איצטער אויך אַלע אַנדערע פּילסודסקי־ביאָגראַפן.

אין גאַנג פון דער אַרבעט איז נישט איינמאָל אויסגעקומען זיך אָפּצורופן צו די לעבעדיקע עדות פון אַ רייע געשיכטלעכע געשעענישן און זיך צו שטיצן אויף

זייערע אויפקלערונגען און אינפאָרמאַציעס. אין יעדן ענלעכן פאַל גיבן מיר געגוי אָן די קוועלע פון אַזעלכע מינדלעכע אינפאָרמאַציעס.

די דריטע טייל פונם בוך אנטהאַלט עטלעכע וויכ־טיקערע דאָקומענטן און אַרטיקלען, וואָס פּילסודסקי האָט געשריבן אין פאַרשידענע יאָרן וועגן דער יידן־פראַגע און וועגן „בונד". אונז שיינט, אַז מיר טוען רעכט, וואָס מיר באַגנוגענען זיך נישט בלויז מיט די ציטאַטן, וועלכע זע־נען אויסגענוצט אין די ערשטע צוויי טיילן פון בוך, נאָר מיר גיבן אויך די דאָזיקע דאָקומענטן אַלס גאַנצע. דער אויפמערקזאַמערער לעזער וועט אַזוי־אַרום צו יעדער צייט האָבן אַ מעגלעכקייט אַליין אָפּצושאַצן דעם באַהאַנדלטן שטאָף.

אין גאַנג פון דער אַרבעט איז דעם מחבר אויסגעקומען צו בעניסן פון דער פריינטלעכער הילף פון אַ רייע פּער־זאָנען, וועמענס נעמען איך דערמאָן דאָ מיט דאַנקבאַר־קייט — אין דער ערשטער ריי די לייטערס פון די אַרכיוון פון פּ. פּ. ס. און „בונד", די ה"ה ל. וואַש־לעוויסקי און פּ. קורסקי.

ביים באַאַרבעטן פאַרשידענע פראַגמענטן פון בוך האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן — אָפטמאָל אויסגעהיטן פון טעותן און גרייזן — די פאָלגדיקע חברים און בירגער: דר. קאַרל איינאַוויגלער (לעמבערג), לעאָן גאָטליב (ניו־יאָרק), פּראָפ. טאָקאַזש (וואַרשע), דר. יאַסני (לאָדזש), נח פּרילוצקי (וואַרשע), פּרוי פּראָפ. ראַדלינסקאַ (וואַרשע), יאַן רוטקעוויטש (וואַרשע), דר. י. שאַצ־קי (ניו יאָרק) א. אַ.

זאָל מיר צום סוף דערלויבט זיין צו דערמאָנען אין אַכפּערונג דעם נאָמען פון אַרקאַדי קרעמער, וועמען דער טויט האָט צוגענומען פון צווישן די לעבעדיקע. ס'איז נישט מיין שולד, וואָס איך האָב נישט באַוויזן אויסצונוצן

אַלע זיינע אינפאָרמאַציעס, וועלכע ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן וועגן דאָזיקן ענין — זיי האָלטן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונזער בוך.

ליידער! דער גרויזאַמער טויט האָט צעשטערט דעם דאָזיקן פּלאַן.

פּ. שוואַרץ

וואַרשע, אין פעברואַר

יוזעף פילסודסקי
(פאָטאָגראַפירט אין יאָר 1902).

I.

שטריכן

צו אַ כאַראַקטעריסטיק

1

ג ע נ ע א ל א ג י ע

יוזעף פילסודסקי איז געבוירן געוואָרן דעם 5 דעצעמבער 1867 אין קליינעם דערפל זשולאָוו אין שוויענציאַנער געגנט (64 קילאָמעטער פון ווילנע) אין אַ קליינעם פּריצישן הויף.

זיינע עלטערן — סיי דער פאָטער און סיי די מוטער — שטאַמען פון אַלטע ריטערלעכע משפּחות, וואָס האָבן במשך פון דורות געשפּילט אין דער ליטע אַ באַדייטנדיקע ראָל.

ווי ס'גיבן איבער די ביאָגראַפן, ציט זיך פּילסודסקיס יחוס־בריוו ביזן צענטן יאָרהונדערט — ביז די ליטווישע פירשטן דאָווש פּרונג, וועלכע האָבן געהערשט אין ליטע נאָך פאַר דער משפּחה פון די געדימינס.

דעם פוילישן נאָמען פּילסודסקי האָט זיך צוגעגעבן איינער פון דאָווש פרונגס אוראייניקלעך באַרטלאָמיי גיניאַטאָוויטש (געבוירן אין יאָר 1536). דער דאָזיקער נאָמען האָט זיך גענומען פון אַלט־ליטווישן וואָרט „פּילסודאַ” — אַזוי האָט זיך גערופן דאָס גוט, וואו די גיניאַטאָוויטשעס האָבן דאַן געוואוינט. נאָך איידער באַרטלאָמיי גיניאַטאָוויטש האָט זיך אַ נאָמען געגעבן פּילסודסקי, האָט די פאַמיליע שוין טאַקע געטראָגן דעם אַלט־ליטווישן פאָרנאָמען פּ י ל ס ו ד אַ. יוזעף פּילסודסקי איז אין 26־טן דור אַן אור־אייניקל פון דער דינאַסטיע דאָווש פּרונג און אין אַכצנטן דור — פון באַרטלאָמיי גיניאַטאָוויטש־פּילסודסקי.

פון דער באָבעס זייט האָט פּילסודסקי געהאַט אַ צומיש פון

פראַנקאַניש בלוט. פּילסודסקים באָבע ציט איר יחוס־בריוו פון דער אירלענדישער אַריסטאָקראַטישער משפּחה ב ו ט ל ע ר, וועלכע האָט איינגעוואַנדערט קיין פּוילן אין אָנהויב פון זיבצענטן יאָר־הונדערט. וואָס שייך די דאָזיקע בוטלערס, ציען זיי זייער אָפּשטאַם פון ה ו י ך ־ פ ר אַ נ ק אָ נ י ע, פון וואַנען זיי האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ע נ ג ל אַ נ ד אין יאָר 1337, דערווערבנדיק זיך דאָרטן דעם טיטל פון ג ר אַ פ ן אָ ף ס אַ ל י ס ב ו ר י.

די פּילסודסקים און די בוטלערס זענען במשך פון דורות אַריין אין שידוכים מיט די גרעסטע משפּחות פון לאַנד, צווישן אַנדערע — אויך מיט דער משפּחה, פון וועלכער ס'איז אַרויס דער מ ל ך ס אָ ב י ע ס ק י. אַ ריי עלטער־זיידעס פון דער היינטיקער משפּחה פּילסודסקי האָבן אין פאַרשידענע ציטן זיך אויסגעצייכנט אויף די שלאַכטפעלדער און „אַזוי־אַרום —ווי ס'דריקט זיך אויס איינער פון פּילסודסקים ביאָגראַפן — גייט איבער דער זעלנער־דישער גייסט אין דידאָזיקע משפּחות פון דור צו דור"*).

אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען יוזעף פּילסודסקי איז געווען אַן אַנגעזעענער אַרבעטער־טוער — און דערדאָזיקער פּעריאָד וועט באַהאַנדלט ווערן אין אונזער אַרבעט — זענען דידאָזיקע אַלע פּרטים נישט געווען באַקאַנט דער ברייטער עפנטלעכקייט און ווייניק ווער האָט זיך מיט זיי אינטערעסירט. איצט איז וועגן אָפּשטאַם פון יוזעף פּילסודסקי אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ליטעראַטור, אַ רייע מענטשן פאַרנעמען זיך מיט פאָרשן אַלע קלענסטע פּרטים פון דאָזיקן אָפּשטאַם און יוזעף פּילסודסקים אַ קרוב ס ט ע פ אַ ן פּ י ל־ ס ו ד ס ק י האָט אפילו באַוויזן אויפצוזאַמלען אַן אַרכיוו פון עטלעכע טויזנט דאָקומענטן וועגן דעם. נאָכמער: צווישן די פאַר־שידענע פאָרשער פון דערדאָזיקער פראַגע זענען שוין אפילו אַנט־שטאַנען גאַנץ ערנסטע סכסוכים, אין וועלכע ס'האָט עטלעכע וואָכן

*) י אַ ן מ אַ ל ע ש ע וו ס ק י: „ווען די פּילסודסקיס האָבן גע־וואוינט אין אופּינער פּאָוויאַטיי"... („אילוסטראָוואַני קוריער צאָ־דזשעננייי" פון 9 יוני 1935).

פאר פילסודסקיס טויט גענומען א וואָרט אויך פרוי פילסודסקא אליין*).

מיר שטעלן זיך אָפּ איבער דידאָזיקע אלע פּרטים אביסל אויספירלעכער צוליב דעם, וואָס ירושה־איינגשאפטן און אָפּשטאַם האבן אַ גאַנץ ענגע שייכות און אַ דירעקטע ווירקונג אויפן גאַנצן לעבנס־וועג פון מענטש. מיר ווילן דערביי אויך פאַרצייכענען דעם איינגעבוירענעם סערוויליזם פון אונזערע אַריסטאָקראַטיש־קאָנסערוואַטיווע קרייזן, וועלכע מאַכן אַן אויספיר, אַז „פילסודסקי איז ווירקלעך אַ דינאַסט אין זיין אַרט" און אַז „געבוירענע פירער קאַנען אַרויסקומען נאָר פון אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, און נישט פון יענע, וועמענס זיידעס זענען פויערן, וואָס האָבן געקריגן געשמיסן אויף קאָזלעם אין שטאַל"**).

אין דער היינטיקער ליטע רעדט מען אין דער מאַסע וועגן פילסודסקין, ווי וועגן אַ „מוסו זשמאָגוס" („אונזער מענטש"), ווי וועגן אַן „אייגענעם". אגב, געפינט מען דאָרט נישט ווייניק מענטשן מיטן נאָמען פילסודסקי, ס'איז אָבער נישט אַזוי לייכט פעסטצושטעלן זייער קרובהשאַפט מיטן פאַרשטאָרבענעם פוילישן מאַרשאַל.

---

*) אַלע אָנגעגעבענע און אַ ריי וויטערדיקע ביאָגראַפישע פּרטים שטיצן מיר אויף די פאָלגנדיקע מאַטעריאַלן:

וו. פאָבוג־מאַלינאָווסקי: „יוזעף פילסודסקי" וואַרשע, 1935); ה. צעפּניק: „יוזעף פילסודסקי" (וואַרשע, 1934); „שעדלעכע פסעודאָ־היסטאָריע פון מאַרשאַלס אָפּשטאַם, לעבן און אַרבעטי" („קוריער פּאָראַנני" פון 31־טן מערץ 1935, אַן אינטערוויו מיט פרוי פילסודסקאַ און אַ בריוו פון סטעפּאַן פילסודסקי); יאַן מאַלעשעווסקי: „ווען די פילסודסקיס האָבן געוואוינט אין אופּינער פּאָוויאַט"... („אילוסטראָוואַני קוריער צאָדזשענניי" פון 9 יוני 1935); טאַדעאוש קאַטעלבאַך: „מוסו זשמאָגוסי — יוזעף פילסודסקיי („גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" פון 18־טן מערץ 1934); אַנטאָני וויעטשאַרקעוויטש: „דער היינטיקער זשולאָוו און זיין אַמאָליק לעבן" („קוריער פּאָראַנני" פון 18 מערץ 1934).

**) וול. סטודניצקי: „צי איז ער געווען דער גרעסטער?"... („וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקעי" נומער 23 פון יאָר 1935).

צו א קאָונער נאָטאר האָט זיך לעצטנס אפילו געמאָלדן אַז אַרבעטער מיטן נאָמען יוזעף פּילסודסקי. זעט אויס, אַז דער נאָמען איז דאָרט שטאַרק פאַרשפּרייט און נישט זעלטן אויך צווישן די אמתע ליטווינער.

א מענטש וואָס האָט געַנוי געפאָרשט די זאַכן, שרייבט וועגן דעם:

„דער ליטווישער פּויער, וועלכער הערט דאָך כסדר און לייענט וועגן פּילסודסקין, דעם פּוילישן מאַרשאַל, טראַכט נישט צו קאָמפּליצירט. ער זאָגט זיך פּראָסט־פּשוט: עמעץ, וואָס טראָגט אַזאַ נאָמען, מוז זיין א ליטווינער. ער פילט, אַז אין דער באַציונג פון די ליטווינער צו פּילסודסקין איז פאַראַן עפּעס, וואָס מען קען בשום־אופן נישט פאַרשטיין. דער ליטווישער פאָלקס־אינטעליגענט פאַרשטייט, נאַטירלעך, מער. אָבער אויך פאַר אים איז „די מעשה מיט פּילסודסקין" נישט אינגאַנצן קלאָר„*).

פּילסודסקי אַליין, ווי באַוואוסט, האָט אויך זיך געהאַלטן פאַר א שטיקל ליטווינער. פּילסודסקיס סענטימענט פאַר דער ליטע האָט נישט איינמאָל געהאַט א דעצידירנדיקע באַדייטונג אין זיין אַלגעמיינער פּאָליטישער טעטיקייט. וועגן פּילסודסקיס ליטווישער אָפּשטאַמונג דאַרף געדענקען יעדער איינער, וואָס וויל פאַרשטיין פיל פון פּילסודסקיס שפּעטערדיקע פּאָליטישע שריט.

---

*) טאַדעאוש קאָטעלבאַך: „מוסו זשמאָגוסיי — יוזעף פּילסודסקיי" („גאַזעטאַ פּאָלסקאַיי" פון 18 מערץ 1934).

אַ ר ק אַ ד י   ק ר ע מ ע ר

גרינדער און פירער פון „בונד״ — בילד פון די לעצטע יאָרן.

2

ערשטע נייגונגען

דער קליינער זשיוק — אזוי האָט מען אים גערופן קליי־נערהייט (יוזעף, יוזשיוק, זשיוק) און דער דאָזיקער נאָמען איז שוין שפּעטער ביי אים געבליבן אויך אין פּאַרטיי־לעבן — האָט פון די יינגסטע יאָרן אָן ארויסגעוויזן א שטאַרקע נייגונג צו הערשן, צו זיין א פירער.

זיין שוועסטער, פרוי קאַדענאַץ, האָט דערציילט פּיל־סודסקיס מיליטערישן אַדיוטאַנט, דעם הייגטיקן גענעראַל וויעניאַווא־דלוגאָשעווסקי, אַז שוין אַלס יינגל פון 10 יאָר האָט פּילסודסקי געטרוימט צו זיין דער פירער פון גאַנצן פּאָלק.

גענ. וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי דערציילט עס איבער:

„אַלט זייענדיק עפּעס מער פון 10 יאָר, איז דער קליינער יוזעף אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען צוזאַמען מיט זיינע עלטערן און חברים נעבן דעם ווילנער ביסקופּן־פּאַלאַץ. פּלוצלינג האָט ער פאַרהאַלטן די גאַנצע חברה און זיי דערקלערט מיט אַן אומבויגזאַמער זיכער־קייט און פּאַטאָס:

— איר וועט זען, ס'וועט קומען א צייט, ווען איך וועל שטיין אויפן דאָזיקן באַלקאָן און דאָס פאָלק וועט זיך שטויסן אַרום דאָ־זיקן פּאַלאַץ, וועט מיך טריומפאַל באַגריסן און אומענדלעך יובלען לכבוד מיר"*).

---

*) גענ. וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי: „מאַרשאַל פּילסודסקי אין פּריוואַטן לעבן און אין לאַגערן" („אילוסטראָוואַני קוריער צאָדזשעננייי" פון 2 יאַנואַר 1931).

נ א פ א ל ע א ן איז געווען דעם קליינעם זשיוקס אינטערעסאנטסטע לעקטור און ק א ש ט ש ו ש ק א — די ליבסטע טעמע פון זיינע געשפרעכן מיט דער מוטער. אפטמאל פלעגט ער זיך אפרייסן פון די צעשפילטע חברים און זיך אוועקזעצן איבערן בוך „די געשיכטע פון נאפאלעאן באנאפארטע" פון עפעס א פארגעסענעם מחבר (אין דער פוילישער איבערזעצונג פון ראגאלסקי). אפטמאל פלעגט ער ממש צווינגען זיינע חברים צו לייענען צוזאמען מיט אים פארשידענע קאפיטלעך פון דאזיקן בוך. ער פלעגט זייער אפט זאגן דער מוטער, אז ער וויל זיין „אזא העלד, ווי קאשטשושקא". אין זיינע שפעטערדיקע יארן האט ער אין דער הינזיכט זיך נישט געביטן. דעם 21 אפריל 1921 האט ער געזאגט דעם פראפעסאר פ ר י ד ר י ך צ א ל, דעם מיטגליד פון דער דעמאלטיקער קאדיפיקאציע־קאמיסיע אין פוילן:

— זעט, איך האב צוויי געטער: איינער איז נאפאלעאן, דער ערשטער און דער צווייטער איז די אסטראבראמער גאטס מוטער.

פילסודסקי אליין האט אמאל דערציילט:

„ווען כ'האב געהאט ניין אדער צען יאר, האב איך ביי זיך באשלאסן, אז ווי כ'וועל נאר ענדיקן 15 יאר און במילא דערגרייכן, לויט מיין דעמאלטיקער מיינונג, די העכסטע רייפקייט, וועל איך מאכן אן אויפשטאנד און ארויסטרייבן די „מאסקאלעס" פון פאדבזשעזשע"*).

פילסודסקי איז בכלל געווען פון די יינגסטע י א ר ן א ן א ראמאנטיקער. דערדאזיקער שטריך פלעגט אין די קינדער־יארן זייער אפט קומען צום אויסדרוק אין די פארשידענע קינדער־שפילערייען. אזוי, למשל, דערציילט זיין קרובה און חברטע פון די קינדער־יארן, פ ר ו י נ א ר ו ט א ו ו י ט ש (א שוועגערין פון דערמארדעטן פוילישן מלוכה־פרעזידענט נארוטאוויטש), אז פילסודסקי האט אין די ערשטע גימנאזיע־יארן זייער ליב געהאט צו אינסצע־

---

*) מ י ט ש י ס ל א ו ו ב. ל ע פ ע צ ק י: „יוזעף פילסודסקי אין סיבירי" (ווארשע, 1936, זייט 11).

ניזירן בעת די שפּילערייען מיצקעוויטשעס ראָמאַנטישע ריטער־פּאָעמע „ק אָ נ ר אַ ד וו אַ ל ע נ ר אָ ד'' — די פּאָעמע וועגן גרויסמייסטער פון טעווטאָנישן אָרדן (קרייצריטער), וועלכער האָט צום סוף פון פערצנטן יאָרהונדערט געפירט מלחמות מיט פּוילן און ליטע (פאַרלירנדיק אין יאָר 1393 בערך 30 טויזנט מענטשן אין אַ שלאַכט, איז קאָנראַד וואַלענראָד אַראָפּ פון זינען און געשטאָרבן). דאָס שפּיל פלעגט אַראַנזשירט ווערן אַזוי, אַז פון שטולן פלעגט מען אויפשטעלן אַ טורם, איינע פון די מיידלעך פלעגט זיין די העלדין פון דער פּאָעמע אַ ל ד אָ נ אַ, וואָס ווערט פאַרמויערט אין טורם און דער קליינער זשיוק פלעגט אויף זיך פאַרוואַרפן עפּעס אַ פעלערינע און שפּילן די ראָל פון קאָנראַד וואַללענראָד.

בכלל־גענומען האָט דער קליינער זשיוק ליב געהאַט צו שטיפן, שפּילן, רייטן, טאַנצן, שווימען. אין עלטער פון 10—11 יאָר, איז ער איינמאָל שיר נישט דערטרונקען געוואָרן.

פּילסודסקיס עלטערער ברודער ב ר אָ נ י ס ל אַ וו, וועלכער איז שפּעטער, אין יאָר 1887, געווען פאַרמישט אין אַטענטאַט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ'' אויפן צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן (אויך זשיוק איז געווען פאַרמישט אין דאָזיקן ענין און ער איז דערפאַר פאַרשיקט געוואָרן אויף 5 יאָר קיין סיביר) — מאָלט אַזוי דעם כאַראַקטער פון זיין יינגערן ברודער:

„מיט זשיוקן — דערציילט ער — האָבן מיר אין די קינדער־יאָרן אָפט זיך געקריגט. זשיוק איז געווען איינגעשלאָסן אין זיך, טיילמאָל — אַ וואָרטשנדיקער, אַ טראָציקער און אַ פאַרעקשנטער. ער האָט ליב־געהאַט טון צו־להכעיס''.*)

פּילסודסקיס ביאָגראַף פּאָבוג־מאַלינאָווסקי, דערציילט וועגן דאָזיקן כאַראַקטער־שטריך פון יינגן פּילסודסקי נאָך עטלעכע אויספירלעכע פּרטים.

---

*) וו אַ צ ל אַ וו ש ע ד ראָ ש ע וו ס ק י: „פון די שול־יאָרן פון מאַרשאַל פּילסודסקיי (קינדער־זשורנאַל „פּלאָמיקיי", נומער 11 פון 15 נאָוועמבער 1933). שעדראָשעווסקי ברענגט אַ ווערטלע־כע ציטאַטע פון בראָניסלאַוו פּילסודסקיס טאָג־בוך, געשריבן אין די יינגלשע יאָרן.

דער קליינער זשיוק — דערציילט ער — האָט אָפט אָפגעטון דעם ברודער שפּיצלעך. באַזונדערס גרויסע צרות האָט ער אָפּגעטון דעם ברודער אין באַצוג צו מיידלעך. יעדעס מיידל, וואָס פלעגט געפעלן דעם ברודער, פלעגט ער איִם „צונעמען פון אונטער דער נאָז". ס'פלעגט קומען צו אָפטע קאָנפליקטן.

„טיילמאָל אין אָונט — דערציילט פּאָבוג־מאַלינאָווסקי — ליגנדיק אין בעט, פלעגט ב ר אָ נ י ש פּרווון אויפקלערן די „נישט־אָנגענעמע סיטואַציע"; דער פאַרלויף פון געשפּרעך פלעגט ווידער זיין אָפּהענגיק פון זשיוקס הומאָר. ס'פלעגט געשען, אַז ער פלעגט אָפּרייסן דעם געשפּרעך מיט איין קורצן זאַץ. נאָך אָפטער פלעגט ער עפענען די נשמה אין דער גאַנצער בריִיט, פלעגט רעדן וועגן די „חסרונות" פון זיין כאַראַקטער און ער פלעגט פעסטשטעלן, אַז ערשט איצט זעט ער, ווי שלעכט צי נישט קלוג ער האָט געהאַנדלט".*)

*) וו ל. פ אָ ב ו ג ־ מ אַ ל י נ אָ וו ס ק י: „יוזעף פּילסודסקיי (וואַרשע, 1935, ערשטער באַנד, זייט 44) פּרווּ פּילסודסקי קווע־סטיאָנירט דעם דאָזיקן אָפּזאַץ פון פּאָבוג־מאַלינאָווסקיס ווערק. „ס'איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין — האָט זי זיך אויסגעדרוקט אין אַ צייטונגס־אינטערוויו — פון וועלכע קוועלן הי' מאַלינאָוו־סקי האָט גענומען די ידיעות וועגן דער טעמע פון די ייִנגלשע נאַכט־געשפּרעכן אין שלאָפצימער צווישן יוזעף און בראָניסלאַוו פּילסודסקי, ווייל אַזעלכע קוועלן, וואָס זאָלן זיין צוגענגלעך פאַר פאָרשער איז נישטאָ" („קוריער פּאָראַנניי" פון 31 מערץ 1935). לויט אונזערע ידיעות, איז טאַקע ריכטיק, אַז ס'זענען נישט פאַראַן וועגן דעם קיין שום קוועלן, וואָס זאָלן זיין צוגענגלעך פאַר פאָרשער. ביי די ווילנער משפּחה־מיטגלידער פון מאַרשאַל פּיל־סודסקי איז אָבער פאַרבליבן 3 העפטלעך פון בראָניסלאַוו פּיל־סודסקיס אַ טאָג־בוך פון די קינדער־יאָרן. דער פריער ציטירטער שעראָשעווסקי האָט טאַקע, מסתמא, גענומען זיינע ידיעות פון יע־נעם טאָג־בוך (שעראָשעווסקי — ווי דער לעזער האָט געזען — נעמט דעם גאַנצן אָפּזאַץ אין גענזנפיסלעך). ער ווייזט אָן גאַנץ בפירוש אין זיינע דערמאָנטע אַרטיקלען, אַז ער ציטירט בראָני־סלאַוו פּילסודסקיס זכרונות. מעגלעך, אַז אויך פּאָבוג־מאַלינאָווסקי האָט געשעפּט זיינע אינפאָרמאַציעס פונם זעלבן קוואַל. אין זיין בוך געפינען מיר אָבער נישט וועגן דעם קיין שום אָנווייזונגען.

מערב־ווייניקער ענלעך מאָלט דעם כאַראַקטער פון קליינעם זשיוק געג. ווייניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי אין זיין שוין דערמאָנטן אַרטיקל:

„כ'האָב נישט געהאַט דאָס גליק — שרייבט דאָרט געג. ווייע־ניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי — צו זיין אַ חבר פון קליינעם פּילסודסקיס שפּילן און שטיפעריען, ער איז זיכער געווען אַן אויסערגעוויינ־לעך יינגל, און מיט זיין עקשנותדיקן און צו־להכעיסדיקן כאַראַק־טער, מיט זיין ווילן אָנצופירן און צו קאָמאַנדירן מיט אַלעמען אַרום, האָט ער מסתמא באַדייטנדיק באַשווערט דאָס פּריוואַטע לעבן פון זיינע עלטערן און פון גאַנצן הויזגעזינט. דעם דאָזיקן פּעריאָד פון זיין לעבן קען איך בלויז פון די רייד פון זיינע ברידער, און פון דעם, וואָס ס'האָט מיר דערציילט זיין שוועסטער, פרוי זולאַ קאַדענאַץ."*)

אויך פּילסודסקיס אַ קרובה, פרוי מילעוויטש, גיט אַן ענלעכע כאַראַקטעריסטיק פון פּילסודסקין אין זיין יוגנט:

„ער איז דעמאָלט געווען — דערציילט זי — אַ יינגל, און מעגלעך, אַז ער האָט שוין דאַן געהאַט געענדיקט די גימנאַזיע. כ'געדענק, אַז ער האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין אַ קנאַפּער רעדער, אַ וואָרטשנדיקער"**).

פּילסודסקי אַליין האָט נישט איינמאָל אין זיין לעבן גערעדט וועגן דער צולהכעיסדיקייט, וועלכע איז איינגעוואָרצלט אין זיין כאַראַקטער. ער פלעגט וועגן דעם רעדן אין לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן — ווען ער איז שוין געווען אַ מלוכה־מאַן — און ער פאַר־צייכנט דאָס אויך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע ער האָט גע־שריבן נאָך אין בלי־פּעריאָד פון זיין אַרבעט אין דער פּ. פּ. ס. (די דאָזיקע ביאָגראַפיע ברענגען מיר אין דער דריטער טייל פון אונזער בוך).

*) געג. ווייניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי: „מאַרשאַל פּילסודסקי אין פּריוואַטן לעבן און אין לאַגערן" („אילוסטראָוואַני קוריער צאָדזשענניי" פון 2 יאַנואַר 1931).

**) טאַדעאוש קאַטעלבאַך: „פּאַלאָנגער זכרונות וועגן סטעפאַניאַ ליפּמאַן" („גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" פון 19 מערץ 1935).

ליטעראַריש - פובליציסטישע נייגונגען ווייזט זשיוק אַרויס שוין אַלס 13־יאָריק ייִנגל. דעם 10 יאַנואַר 1880 הייבט ער אָן „אַרויסגעבן" אַ געשריבענע „טאָג־צייטונג" אונטערן נאָמען „די זשולאָווער טויב" („גאָלאָמב זשולאָווסקיי) מיט כראָניק פון פאַרשידענע לענדער, לידער, משלים, אַרטיקלען א. ד. גל. אין די אַרכיוון געפונען זיך עטלעכע צענדליק נומערן פון דער „צייטונג", וועלכע דער קליינער זשיוק האָט אַליין געשריבן און רעדאַגירט, אַרויסגעבנדיק יעדן טאָג אַ נייעם נומער (אין איין עקזעמפלאַר, פאַרשטייט זיך*).

אין עלטער פון 15 יאָר, ווייזט פילסודסקי אויך אַרויס אַן אינטערעס פאַר געזעלשאַפטלעכן לעבן. צוזאַמען מיט זיין ברודער בראָניסלאַוו און נאָך עטלעכע ייִנגלעך גרינדעט ער אין ווילנע אַ זעלבסטבילדונג - קרייז „ספּאָיניאַ", צו וועלכן ס'געהערן 25 גימנאַזיע - שילער און 15 יינגע סטודענטן.

דער „גאָלאָמב זשולאָווסקי" איז געווען פילסודסקיס ערשטע פובליציסטישע טריבונע און די „ספּאָיניאַ — זיין ערשטע געזעלשאַפטלעכע אַרענע**).

---

*) פ—ק ל—י: „דאָס 13־יעריקע ייִנגל — זשיוק - פילסודסקי אַלס פּאָעט און רעדאַקטאָר פון „גאָלאָמב זשולאָווסקיי („אילוסטראָוואַני קוריער צאָדזשענניי פון 19 אויגוסט 1935). לויט די ידיעות, וואָס ס'איז אונז געלונגען אויפצוזאַמלען, זענען נישט אַלע פרטים פון אָנגעוויזענעם אַרטיקל ריכטיק. אַזוי, למשל, איז נישט זיכער, צי אַלץ, וואָס איז אַריין אין „גאָלאָמב זשולאַווסקיי, איז בלויז יוזעף פילסודסקיס קינדער־שאַפונג, ווייל טייל זאַכן זענען נישט געשריבן מיט זיין האַנט און טייל זאַכן זענען פשוטע אויסצוגן פון באַקאַנטע שרייבער.

**) אַ רייע פרטים, וואָס זענען אָנגעגעבן אין דאָזיקן קאַפיטל, שטיצן זיך אויף פּריוואַטע אינפאָרמאַציעס. אויסער די שוין־אָנגעוויזענע קוועלן, האָט דער מחבר ביים שרייבן דעם דאָזיקן קאַפּיטל זיך נאָך געשטיצט אויף די פאָלגנדיקע מאַטעריאַלן: ע ל ג אַ ק ע ר ן: „מאַריאַ פילסודסקאַיי (וואַרשע, 1935); וו ל. ר י נ צ א: „זשיוק אין זשולאווי („קוריער פּאָראַנניי פון 19 מערץ 1935); פ ר י ד ר י ך צ אָ ל: „פון מיינע דעריי נערונגען וועגן מאַרשאַלי („טשאַסיי פון 24 דעצעמבער 1935).

3

דער וועג צום סאָציאַליזם

ווער אין אייראָפּע ס'האָט געוואָלט קעמפן אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט פאַר דער פרייהייט פון דער מענטשהייט, צי בלויז אַפילו פאַר דער פרייהייט פון זיין אייגן פאָלק — דער האָט ווילנדיק־נישט־ווילנדיק געמוזט קומען צום סאָציאַליזם.

צו 17 יאָר איז פילסודסקי געוואָרן אַ סאָציאַליסט. ער האָט אָנגעהויבן לייענען רוסישע פאָלקיסטישע ליטעראַטור און מאַרקסן. דאָסזעלבע מיידל, מיט וועלכער ער האָט אַמאָל אינסצעניזירט קינדעריש־פאַנטאַסטישע וואַלענראָד־שפּילן, איז שוין איצט געווען אַ דערוואַקסענע פריילין, און ער האָט איר פאָרגעלייענט קאַרל מאַרקסנס „קאַפּיטאַל".

פילסודסקי מיינט, אַז זיין קומען צום סאָציאַליזם איז געווען אַ מאָדע־זאַך.

„כ'בין אָפן מודה—שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — אַז דאָס איז געווען אַ מאָדע, ווייל אַנדערש איז מיר שווער אָנצורופן די דעמאָלטיקע עפּידעמיע פון סאָציאַליזם, וועלכע האָט באַהערשט די מוחות פון דער יוגנט, וואָס איז געווען געשטימט רעוואָלוציאָנער אָדער כאָטש אָפּאָזיציאָנעל. די דאָזיקע עפּידעמיע האָט אַזוי ווייט פאַרשפּרייט איר הערשאַפט, אַז קיינער פון מיינע אינטעליגענטערע און ענערגישערע קאָלעגן האָט אין זיין אַנטוויקלונג נישט אויסגעמיטן דורכצוגיין דורכן סאָציאַליסטישן עטאַפּ. איינע זענען שוין געהאַט געוואָרן סאָציאַליסטן, אַנדערע זענען אַריבער אין אַנדערע לאַגערן, נאָך אַנדערע האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעזאָגט פון יעטוועדע געזעלשאַפטלעכע אַספּיראַציעס, אָבער יעדער

פון זיי איז — ווער לענגער, ווער קירצער—געווען א סאָציאַליסט".

אַזאַ מאָדע איז עפּעס מער, ווי בלויז מאָדע. אַזאַ מאָדע, אַזאַ „עפּידעמיע" איז תּמיד אַ רעזולטאַט פון אַנטשפּרעכנדיקער סאָציאַל־פּאָליטישער קאָניונקטור. און די סאָציאַל־פּאָליטישע קאָניונקטור אין איראָפּע איז טאַקע געווען אַזאַ, אַז דער סאָציאַליזם איז געווען די אייגציקע אידייע, וואָס האָט געטראָגן אויף איר פאָן די לאָזונגען פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פרייהייט אַלס אירע אינטעגראַלע באַשטאַנד־טיילן, און דער יינגער אויפמאַרשירנדיקער אַרבעטער־קלאַס איז געווען (און געבליבן!) דער איינציקער כּח, וואָס וויל און קען די דאָזיקע לאָזונגען ערלעך רעאַליזירן.

פּילסודסקיס גאַנצע געזעלשאַפטלעך - פּאָליטישע איינשטעלונג — אַ רעזולטאַט פון סאָציאַלן אָפּשטאַם און דערציונג — האָט באַלד לכתּחילה איבערגעוואויגן אויף דער זייט פון די נאַציאָנאַלע אידעאַלן.

„און ווען — באַשטעטיקט ער דאָס אין דער אויטאָביאָגראַפיע — כ'האָב זיך פאַרטראַכט וועגן פאָלק, מיט וועלכן ס'האָט מיך געבונדן אַלץ, וואָס פרייט און אַלץ וואָס טוט וויי, אַלץ, וואָס טראַכט אין מיר און אַלץ, וואָס פילט, פלעג איך קומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיינע קינדערישע טרוימען און חלומות פאַלן זיך צוזאַמען מיט מיין יוגנטלעכער וועלט־אַנשויונג. אַ סאָציאַליסט אין פּוילן מוז שטרעבן צו אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד, און די אומאָפּהענגיקייט איז אַ חשובער תּנאי פאַרן זיג פון סאָציאַליזם אין פּוילן".

ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס ס'וואָלט געווען מיט יוזעף פּילסודסקין, ווען ער וואָלט נישט דורכגעמאַכט די שווערע איבערלעבונגען פון זיין ערשטן אַרעסט מיט אַלע זייערע טראַגישע אומשטענדן. אַ פאַקט איז, אַז די 5 יאָר סיביר זענען פאַרן 19־יאָריקן פּילסודסקי געווען יאָרן פון ענדגילטיקער זעלבסטבאַשטימונג.

„ערשט דאָ — שטעלט ער אַליין פעסט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — ווען כ'האָב געקענט רואיק טראַכטן וועגן אַלעם, וואָס כ'האָב איבערגעלעבט, בין איך געוואָרן דאָס, וואָס כ'בין".

די באַטאָנונג אויף די איבערלעבונגען, איז דאָ נישט קיין

צופאַל. זיי האָבן געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל אין פּילסודסקיס אידייאישער זעלבסבאַשטימונג. פּילסודסקי און זיין עלטערער ברודער בראָניסלאַוו זענען פאַרשיקט געוואָרן — איינער אויף 5 יאָר קיין מזרח־סיביר און דער צווייטער אויף 15 יאָר קאַטאָרגע קיין סאַכאַלין — אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַטענטאַט פון ערשטן מאַרט (אַלטער סטיל) 1887 אויפן צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן. דער טראַגיזם פון דאָזיקן פאַל איז באַשטאַנען דערין, וואָס יוזעף פּילסודסקי — און טיילווייז אויך בראָניסלאַוו — זענען פאַרראַטן געוואָרן דורך דעם אָנטיילנעמער אין דערמאָנטן אַטענטאַט קאַנטשער, וועלכער האָט געהערט צו די פּאַקטישע אָרגאַניזאַטאָרן פון אַטענטאַט, בעת זיי, די פּילסודסקיס, האָבן דאָ בלויז געשפּילט די ראָל פון אַ וועקצייג אין די הענט פון די אמתע אָרגאַניזאַטאָרן*).

---

*) די געשיכטע פון דאָזיקן אַטענטאַט — באַקאַנט אין דער רעוואָלוציאָנערער היסטאָרישער ליטעראַטור אונטערן נאָמען „דער צווייטער ערשטער מאַרטיי" — האָט געקאָסט זייער פיל קרבנות: 5 רעוואָלוציאָנערן, דערונטער לענינס עלטערער ברודער אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו, זענען געוואָרן אויפגעהאָנגען, 10 אנדערע פּערזאָנען, דערונטער בראָניסלאַוו פּילסודסקין, האָט מען פאַרמשפּט צו פאַרשידענע טערמינען לאַנג־יאָריקע תפיסה און קאַטאָרגע (2— צו אייביקע תפיסה), אויסערדעם האָט מען פיל פּערזאָנען, דערונטער יוזעף פּילסודסקין, באַשטראָפט אַדמיניסטראַטיוו.

דער אַטענטאַט איז נישט געלונגען. דורך אַ צופאַל זענען אין דער לעצטער מינוט אַרעסטירט געוואָרן אין גאַס אַלע מיטגלידער פון דער גרופּע, וואָס האָט געזאָלט אויספירן דעם אַטענטאַט. 2 פון זיי — קאַנטשער און האָרקון — האָבן זיך זייער גיך איינגעבראָכן און דערציילט פּרטים פון געפּלאַנטן אַטענטאַט, אויסגעגעבן אַלע נעמען פון די אָרגאַניזאַטאָרן, מיטהעלפער און סימפּאַטיקער, דערונטער אויך די נעמען פון די ברידער בראָניסלאַוו און יוזעף פּילסודסקי.

דער ערשטער פון זיי ביידע איז געווען גאַנץ ערנסט פאַרמישט אין אַטענטאַט: ביי אים אין שטוב פלעגן פאָרקומען זיצונגען פון דער טעראָריסטישער גרופּע, ער האָט געשאַפן פאַר דער גרופּע פאַרבינדונגען און פאַרשידענע כעמישע שטאָפן אין ווילנע, ער האָט געהאָלפן שאַפן געלט פאַר די באַדערפעניש פון דער גרופּע און 2 טעג פאַרן אַטענטאַט האָט אוליאַנאָוו אָנגעהויבן אין בראָ־

קאַנטשערס פּאַראַט (צוזאַמען מיט קאַנטשערן האָט, ווי געזאָגט, זיך איינגעבראָכן נאָך איין מיטגליד פון דער טעראָריסטישער גרופּע ה א ר ק ו ן, אויפן פּראָצעס גופא האָט אויך דער אָנטייל-

---

ניסלאַוו פּילסודסקי'ס וואוינונג (אין פּעטערבורג) אויסזעצן דעם פּראָגראַם פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געגרייט דעם אַטענטאַט.

יוזעף פּילסודסקי האָט צום גאַנצן ענין באמת געהאַט אַ זייער לויזע שייכות. זיין גאַנצע ראָל האָט זיך באַגרענעצט דערצו, אַז ווען קאַנטשער איז אַראָפּגעקומען קיין ווילנע און געוווינט אין צימער פון די ברידער פּילסודסקי, האָט יוזעף פּילסודסקי, טוענדיק דעם ווילן פון זיין ברודער בראָניסלאַוו, געהאָלפן פאַרבינדן קאַנטשערן מיט די ווילנער דעמאָלטיקע רעוואָלוציאָנערן. שפּעטער האָט ער נאָך באַזאָרגט עפּעס אַ דעפּעשע פון דער ווילנער גרופּע צו די פּעטערבורגער אָרגאַניזאַטאָרן פון אַטענטאַט. ער האָט לחלוטין גאָרנישט געוואוסט, וואָס די פּעטערבורגער גרופּע גרייט צו.

אויפן פּראָצעס האָט בראָניסלאַוו פּילסודסקי באַדויערט זיין האַלטונג בעת די צוגרייטונגען צום אַטענטאַט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר די ריכטער אַלס פּרינציפּיעלער קעגנער פון טעראָר און זיין הילף פאַר די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַטענטאַט האָט ער באַצייכנט אַלס שוואַכקייט, אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס ער האָט פּשוט נישט אַרויסבאַקומען פון זיך גענוג אַנטשלאָסנקייט אָפּצוזאָגן די חברים פאַרשידענע געפעליקייטן.

יוזעף פּילסודסקי האָט פיגורירט אַלס עדות און ער האָט זיך באַגרענעצט צום באַשטעטיקן אַלע פאַקטן, וועלכע ס'האָט אָנגעגעבן וועגן אים זיין ווילנער „גאַסטיי" קאַנטשער (מ י כ אַ י ל נ אָ ו אָ ר ו ס ק י: מעמואַרן אין „בילאָיע" פון יאָר 1906; זאַמלבוך: „גאַלעריע פון שליסלבורגער אַרעסטאַנטן" (פּעטערבורג, 1907, רוסיש); י אָ ס י ף ל ו ק אַ ש ע וו י ט ש: „מעמואַרן וועגן ערשטן מאַרטן 1887" אין באַנייטן „בילאָיע" פון יאָר 1917; ש אַ ר ל ר אַ פּ אָ פּ אָ ר ט: „מעמואַרן אין לענינגראַדער „קראַסנאַיאַ ליעטאָפּיס" פון יאָר 1923; ספּעציעלער נומער פון מאָסקווער „קאַטאָרגאַ אי ססילקאַ" צום 40־טן יאָרצייט פון ערשטן מאַרט 1887 (אַרויסגעגעבן אין יאָר 1927); סטענאָגראַפישער באַריכט פונם פּראָצעס: „פּערוואָיע מאַרטאַ 1887 גאָדאַ" (מאָסקווע, 1927).

די דאַטע גיבן מיר כסדר אָן לויטן אַלטן סטיל. לויטן נייעם אייראָפּעישן קאַלענדאַר האָט דער אַטענטאַט געזאָלט פּאָרקומען דעם 13 מערץ 1887 (ערשטער מאַרט) און דאַן זענען פאָרגעקומען די ערשטע אַרעסטן.

געמער אין אַטענטאַט וואָלאָכאָוו זיך נישט געהאַלטן, ווי געהע־ריק) האָט געהאַט אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף יוזעף פּילסודסקיס פּסי־כיק און אויף זיין גאַנצן געדאַנקען־גאַנג. וועגן אָט די איבערלעבונגען רעדט פּילסודסקי אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, און ווי שטאַרק זיי האָבן אויף אים געווירקט קען מען זען פונם אַנאָנימען בריוו צום רעדאַקטאָר, וועלכן ער האָט אָפּגעדרוקט באַלד נאָך זיין צוריק־קומען פון סיביר (מאַי 1893) אינם נומער 5 פון לאָנדאָנער „פּזשעדשוויט" (קאַנטשער, געטריבן דורך געוויסנס־ביסן, האָט שפּעטער, זייענדיק אין קאַטאָרגע, זיך גענומען ס'לעבן).

פּילסודסקיס בריוו איז געשריבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ביאָגראַפיע פון בראָניסלאַוו פּילסודסקי, וואָס דער „פּזשעדשוויט" האָט געגעבן אין איינעם פון די פריערדיקע נומערן פון זעלבן יאָר. צוליב קאָנספּיראַציע שרייבט זיך פּילסודסקי אונטער מיט אַן אי־ניציאַל („ז") און ער שטעלט זיך פאָר פאַר די לעזער „אַלס איינער פון די נאָענטערע פריינט פון קאָלעגע בראָניסלאַוו".

דער צוועק פונם דאָזיקן בריוו איז — פעסטצושטעלן, אַז בראָניסלאַוו פּילסודסקי האָט געהאַלטן זיין אָנטייל אין אַטענטאַט פון די „רוסישע קאָלעגן" אַלס אַ מיספאַרשטענדעניש און אַז ער האָט „זיך אָפּגערופן מיט גרויס פאַרביטערונג וועגן יענע רוסישע קאָלעגן, וועלכע האָבן אים פאַרפּלאָנטערט אין דאָזיקן ענין קעגן זיין אייגענעם ווילן". די טעראָריסטישע גרופּע, וואָס האָט אָרגאַני־זירט דעם אַטענטאַט, רופט פּילסודסקי „די רוסישע אָרגאַניזאַציע" און דעם אַטענטאַט גופא האַלט ער פאַר אַ זאַך בלויז פון די רו־סישע קאָלעגן, כאָטש צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן, אָנטיילנעמער און מיטהעלפער ביים אויספירן דעם אַטענטאַט האָט נישט געפעלט קיין פּאָליאַקן און יידן (יוזעף לוקאַשעוויטש, איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון אַטענטאַט, געשטאָרבן אין יאָר 1928 אַלס פּראָפעסאָר פון ווילנער אוניווערזיטעט; דער ווילנער אַפּטיי־קער טיטוס פּאַשקאָווסקי; דער פירער פון דער דעמאָלטיקער גרופּע ווילנער רעוואָלוציאָנערן אַנטאָני גנאַטאָווסקי; דער ווילנער יידישער רעוואָלוציאָנער איזאַק דעמבאָ א. אַ.).

צוויי מאָמענטן האָבן אין דער אונטערשטער שורה געלייגט אַ

שטעמפּל אויף יוזעף פּילסודסקיס ענדגילטיקער אידייאישער און פּאָליטישער זעלבסבאַשטימונג: די סאָציאַלע סביבה, פון וועלכער ער איז אַרויס, און די פאַרביטערונג צו די „רוסישע קאָלעגן”, צו־ליב וועלכע ס׳איז אים און זיין ברודער אויסגעקומען צו ליידן אומשולדיק אויף פאַרשיקונג און אין קאַטאָרגע. די דאָזיקע 2 מאָ־מענטן האָבן נישט נאָר אויסגעקרומט פּילסודסקיס וועג צום סאָ־ציאַליזם — דעם איינציקן דעמאָלטיקן אויסדרוקער פון אַקטיוון קאַמף קעגן צאַריזם! — נאָר זיי האָבן בכלל זיך אַריינגעפלאָכטן אין פּילסודסקיס פּסיכיק, דורכגייענדיק ווי אַ רויטער פאָדעם דורך די העכער 40 יאָר פון זיין גאַנצער געזעלשאַפטלעכער, פּאָליטישער, מלוכהשער און מיליטערישער טעטיקייט.

4

דער ציל פון אלע צילן

דער פארדרוס צו די „רוסישע קאלעגן'' איז, ווי געזאגט, געזוען איינע פון די הויפט־סיבות, וואס האבן אויף אייביק פארפלאנצט אין פילסודסקין א טיפן אומצוטרוי און אומחן צו אלעם רוסישן. אבער דאס, וואס ס'איז אנטשטאנען אין פוילן א גאנצע פארטיי, די פ. פ. ס., וועלכע האט געוואלט אנגיין אלס די פארטרעטערין פון סאציאליזם אין פוילן און פונדעסטוועגן האט זי געפרעדיקט סעפאראציע פונם קאמף, וועלכן ס'האבן געפירט די רוסישע סאציאליסטן — דאס האט, פארשטייט זיך, געהאט פיל טיפערע ס א צ י א ל ע סיבות.

דער געפיל פון פארדרוס צו די „רוסישע קאלעגן'' האט געשאפן אין פילסודסקים פסיכיק א גינסטיקן באדן פאר דער אידעאלאגיע פון דער נייער באוועגונג. זי, די דאזיקע באוועגונג אלס אזעלכע, איז אבער געווען די אויסדרוקערין פון א באשטימטן סאציאל־פאליטישן אידעאל.

דער אומאפהענגיקייטס־פראגראם פון דער דעמאלטיקער פ. פ. ס. — היינט איז עס שוין לייכט פעסטצושטעלן לויט זיינע אביעקטיווע רעזולטאטן — איז נישט ארויסגעפלאסן פון די טאג־טעגלעכע קלאסן־באדערפענישן פון פוילישן פראלעטאריאט.

בלי - ספק, זייענדיק פריי פון נאציאנאלער אונטערדריקונג, האט דער ארבעטער־קלאס א ריינעם האריזאנט און בעסערע מעגלעכקייטן צו פירן דעם קלאסן־קאמף. אבער בלויז אומהיילבארע נאציאנאליסטן קענען שטיין אויפן שטאנדפונקט, אויף וועלכן ס'איז געשטאנען די פאר־מלחמהדיקע פ. פ. ס.: פריער אומאפהענ־

גיקייט פאַר יעדן פּרייז און ערשט דאַן — קאָן מען טראַכטן וועגן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

סאָציאַל־עקאָנאָמיש איז אייגנטלעך די פּוילישע בורזשואַזיע געווען אַממייסטן פאַראינטערעסירט צו האָבן אַן אומאָפּהענגיק פּוילן. מען קאָן זאָגן מיט דער גאַנצער פּינקטלעכקייט — די היינטיקעווירקלעכקייט באַשטעטיקט עס אינגאַנצן — אַז דער קאַמף פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן איז אָביעקטיוו געפירט געוואָרן מער פאַר אַלץ אין די אינטערעסן פון די פּוילישע באַזיצנדיקע קלאַסן.

אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה עפנט פאַר דער בורזשואַזיע אַלע מעגלעכקייטן פון פּאָליטישער קלאַסן־הערשאַפט און ממילא — פון אומבאַגרענעצטער עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן. די פּוילישע בורזשואַזיע — ווי די בורזשואַזיע פון רוב אונטערדריקטע פעלקער — האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אַנגאַזשירן אין קאַמף. זי האָט נישט געוואָלט איינשטעלן אירע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. די רוסישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט טאַקע געפירט אַן אויסראָטונג־קאַמף קעגן יעדן סימן פון פּוילישקייט; זי האָט טאַקע אויף טריט און שריט באַליידיקט און געשטיקט די נאַציאָנאַלע געפילן פון די פּאַליאַקן און זי האָט אויך עקאָנאָמיש אומגעהויער באַלאַסטעט דאָס לאַנד. ס'איז נאָך אָבער געבליבן גענוג פּלאַץ פאַרן פּוילישן קאַפּיטאַליסט, פאַרן פּוילישן פאַבריקאַנט, פאַר דער פּוילישער בורזשואַזיע. די צאַרישע מאַכט האָט געשלאָסן שלום מיט די פּוילישע באַזיצנדיקע קלאַסן. נישט האָבנדיק אַ פּוילישע אומאָפּהענגיקע מלוכה, וואו זי זאָל קאָנען האָבן אין איר האַנט די *אויסשליסלעכע* אומבאַגרענעצטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט, האָט די פּוילישע בורזשואַזיע שלום געמאַכט מיט דער לאַגע, זיך באַגנוגנט מיט דער טייל פון דער קלאַסן־הערשאַפט, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט איר רעזערווירט — מיט דער עקאָנאָמישער הערשאַפט איבער פאַבריקן, האַנדל, לאַנדווירטשאַפט.

אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם, איז אין די יאָרן נאָך דער „פּאָווסטאַניע" אַנטשטאַנען די פּוילישע *פּאָזיטיוויסטישע באַוועגונג* — די אויסדרוקערין פון די פּשרה־שטרעבונגען פון דער יינגער ניי־אַנטשטייענדיקער פּוילישער בורזשואַזיע. אומ־

אפהענגיקייט האָט נישט אויפגעהערט צו זיין איר אידעאַל. דער פּאָזיטיוויזם איז אָבער געווען אַ רעאַל־פּאָליטישער לאָזונג פּאַרן טאָג. בויען פאַבריקן, עקספּלאָאַטירן גרובנס, אַנטוויקלען די אינ־דוסטרי, דעם האַנדל, דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל — דאָס דאַרף געטון ווערן אויפן וועג פון פּשרה און לאָיאַלקייט צום צאַריזם.

בלויז איין טייל פון די באַזיצנדיקע קלאַסן — די פּריצים — האָבן זיך נישט אײַנגעשלאָסן אין דער פּאָזיטיוויסטישער באַוועגונג. כּדי צו געווינען פאַר זיך דעם פּוילישן פּויער, כּדי אים אָפּצורייסן פון אויפשטאַנד קעגן דער צאַרישער אָקופּאַציע, האָט די צאַרישע מאַכט זיך אַנטשלאָסן אָפּצושאַפן די „פּאַנשטשיזנע״, וואָס די פּריצים האָבן אויפגעפּאַסט, ווי אַן אָנגריף אויף זייערע דורותדיקע פּריווילעגיעס.

נאָך דער „פּאָוסטאַניע״, אין וועלכער די פּריצישע הויפן האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל, זענען געקומען טויזנטער קאָנפיס־קאַציעס פון פּריצישע גיטער, אומגעהויערע רדיפות קעגן גאַנצן שטאַנד אַלס אַזעלכן, אַן עקאָנאָמישע רואינירונג־פּאָליטיק לגבי דעם פּריצישן הויף.

אויב די יוגנט פון דער בורזשואַזיע האָט געהאַט פאַר זיך וואָסערע נישט איז פּערספּעקטיוון אויך אין די ראַמען פון דער פּרעמדער אָקופּאַציע (די אָנפירנדיקע אַמטן אין דער זיך צע־וואַקסנדיקער אינדוסטרי און האַנדל), האָט די פּריצישע יוגנט, צו וועלכער ס׳האָט געהערט סאָציאַל אויך דער ייִנגער יוזעף פּילסוד־סקי, געהאַט פאַרשטעלט פאַר זיך דעם צוטריט צו אַלע באַרופן, וואָס זענען אין אומאָפּהענגיקע מלוכות — און אויך אין אַמאָליקן פּוילן — געווען כּמעט די אויסשליסלעכע פּריווילעגיע פון אַריס־טאָקראַטישן ייִנגן דור: צענטליקער טויזנטער אָנפירנדיקע אַמטן אין דער אַרמיי און אין די „אַריסטאָקראַטישע״ טיילן פון מלוכה־אַפּאַראַט (אין דער דיפּלאָמאַטיע, למשל) זענען ענדגילטיק פאַר זיי פאַרשטעלט געוואָרן.

די טיילווייזע עקאָנאָמישע רואין פון פּריצישן הויף צום סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, טרייבט די פּריצישע יוגנט אין שטאָט אַריין. אָבער דאָ טרעפט זי זיך פּנים־אל־פּנים נישט נאָר מיט אַ

ברוטאַלער נאַציאָנאַלער אויסראָטונג, נישט נאָר מיט חוזק און באַליידיקונג פון דער מוטער־שפּראַך און פון אַלעם, וואָס פּויליש — אַ זאַך, וואָס מען האָט אין דאָרף געפילט ווייניקער ווי אין שטאָט — נאָר אויך, נאָכן ענדיקן די שול און דעם אוניווערזיטעט, מיט אַ פולשטענדיקער עקאָנאָמישער אויסזיכטלאָזיקייט, פון וועלכער בלויז איינצלנע פלעגט געלונגען זיך צו ראַטעווען דורך נאַציאָנאַלן פאַרראַט.

דאָ, אין שטאָט, האָט די רואינירטע און אויסזיכטסלאָזע אַריסטאָקראַטיש־פּריצישע יוגנט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער יוגנט פון קליינבירגערטום, וועלכע האָט געטרוימט דורך בילדונג און דיפּלאָמען זיך פריי מאַכן אַ וועג צו צענטליקער טויזנטער אַרבעטס־פלעצער אין דער מלוכהשער און שטאַטישער אַדמיניסטראַציע, וואָס זענען אָבער דורך דער צאַרישער מאַכט באַזעצט געוואָרן מיט אייגענע מענטשן און דערצו נאָך, ווי פּילסודסקי דריקט זיך אויס אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, מיטן אָפּפאַל, מיט די געמיינסטע עלעמענטן, וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

קורץ: די שווערע אויסראָטונגס־פּאָליטיק פון דער צאַרישער מאַכט לגבי דער פּוילישער באַפעלקערונג נאָך דער „פּאַוסטאַניע", האָט אַמוויטאָקלעבסטן און אַמטיפסטן געטראָפן די פּוילישע אינטעליגענץ. דער פאַבריקאַנט איז געבליבן ביי זיין פאַבריק, דער קאַפּיטאַליסט — ביי זיין פאַרמעגן, דער לאַנדווירט (נישט געקוקט אויף די פילע קאָנפיסקאַציעס) — ביי זיינע גיטער; דער אַרבעטער און פּויער זענען באַרויבט געוואָרן פון זייער קולטור, זענען גערודפט געוואָרן פּאָליטיש, אָבער די צאַרישע מאַכט האָט זיי נישט געקענט באַרויבן פון זייערע אַרבעטס־פלעצער, פון זייער „פּריווילעגיע" עקספּלואַטירט צו ווערן. די פּוילישע אינטעליגענץ איז געווען אין דער ערגסטער לאַגע. זי איז נישט נאָר געווען גערודפט אין פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער הינזיכט, נאָר זי איז אויך אויסגעראָטן געוואָרן עקאָנאָמיש. אין די לעצטע 20—30 יאָר פון פריערדיקן יאָרהונדערט און שפּעטער זענען יאָר־יערלעך קאָלאָניזירט געוואָרן קיין פּוילן צענטליקער טויזנטער רוסן, וועלכע האָבן קודם־כל אַרויסגעשטויסן די פּוילישע אינטעליגענץ פון אירע עקאָנאָ־

בראָניסלאַוו פילסודסקי
(זע זייט 25 א. א.)

יאָאַכים ס. פרענקעל
(זע זייטן 124—125 א. א.)

מישע פאָזיציעס. קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט איז אַזוי־אַרום פאַר דער פּוילישער אינטעליגענץ נישט נאָר געווען אַ קאַמף פאַר אַבסטראַקט־נאַציאָנאַלע לאָזונגען, נאָר קודם־כּל — אַ קאַמף פאַר דער דעראָבערונג פון פאַרלוירענע און פאַר דער שאַפונג פון נייע עקאָנאָמישע מאַכט־פּאָזיציעס. אַן אומאָפּהענגיק פּוילן האָט פאַר דער פּוילישער אינטעליגענץ געהייסן — פאַרנעמען צענטליקער־טויזנטער רעגירונגס־אַמטן, צענטליקער טויזנטער אָפיציר־פּאָסטנס א. ד. גל.

יוזעף פּילסודסקי איז אַוועקגעפירט געוואָרן קיין סיביר זומער 1887 — ער איז נאָך דעמאָלט געווען כּמעט אַ יינגל. אויב מען זאָל גלייבן בּ ו ר צ ע ו ו ן, וועלכער האָט זיך דאַן מיט אים באַקאַנט אין דער מאָסקווער תּפיסה בּ ו ט י ר ק י — ביידע זענען געווען אויפן וועג קיין סיביר — „איז פּילסודסקי שוין דאַן געווען אַזאַ, ווי אין זיין גאַנצן שפּעטערדיקן לעבן — אַ פאַנאַטיקער, פאַר וועלכן ס'האָט גאָרנישט עקזיסטירט, אויסער פּוילן".*)

ענדגילטיק האָט זיך דער דאָזיקער געפיל אויסגעפאָרמירט אין פּילסודסקין — ווי ער אַליין שטעלט עס פעסט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — אין סיביר. ס'האָבן אויפגעטויכט אין אים די פאַרדריסלעכע איבערלעבונגען פון דער לעצטער צייט — דער פאַרראַט פון די „רוסישע קאָלעגן". זיי האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אים מיט די פּאַטריאָטישע שטימונגען, וואָס דער קליינער זשיוק האָט אַרויסגעטראָגן פון היימישן פּריצישן הויף, מיטן דראַנג צו פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פּוילן אין פרילינג פון יאָר 1892, איז ער געווען אַ רייפער מאַן מיט אַן אויסקריסטאַליזירטער אידעאָלאָגיע: דער ציל, וואָס ער האָט זיך דאַן געשטעלט, איז געווען — אַן אומאָפּהענגיק פּוילן. דאָס איז פאַר אים געוואָרן דער ציל פון אַלע

---

*) נאָך דעם טויט פון מאַרשאַל פּילסודסקי האָט בורצעוו געגעבן אַן אינטערוויו אַ פּאַריזער זשורנאַליסט וועגן פּילסודסקין. דער דאָזיקער אינטערוויו איז איבערגעדרוקט געוואָרן אויך אין פּוילן. פון דאָזיקן אינטערוויו נעמען מיר טאַקע די ציטאַטע.

ציִלן. דעם דאָזיקן ציל האָט ער געווידמעט זיין גאַנץ וויטערדיק לעבן.

בלויז אַ טייל פון דאָזיקן לעבן איז ער געשטאַנען אין די רייען פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס — אַזוי לאַנג, ווי לאַנג די פּ. פּ. ס. איז געווען דער איינציקער רעזערוואַר, פון וועלכן מען האָט געקענט שעפּן כוחות און ענערגיע צום קאַמף פאַר אַן אומאָפּהענגיקן פּוילן. שפּעטער, ווען די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע דיפערענציאַציע אין פּוילן, האָט אַרויסגערוקט נייע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן אַקטיוו מיטגעווירקט אין קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט — האָט פּילסודסקי זיך געשטעלט איבער די פּאַרטייען און קלאַסן, וועלנדיק אַרונטערנעמען אונטער זיין רשות אַלע מיטאַמאָל.

סאָציאַליזם איז פאַר פּילסודסקין געווען בלויז אַן עטאַפּ, די אָרגאַניזירטע מאַרקסיסטישע אַרבעטער - באַוועגונג — בלויז אַ שפּרונג־ברעט. אַפטמאָל קעגן ווילן פון דער פּוילישער בורזשואַזיע, האָט פּילסודסקי מיט זיין לאַגער — פריער איז עס געווען די פּ. פּ. ס., שפּעטער די „רעוואָלוציאָנערע פראַקציע" און נאָך שפּעטער, זיינע מיליטערישע פאָרמאַציעס — געפירט דעם קאַמף פאַר זיין אידעאַל, פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן.

5

פ. פ. ס.

זומער 1892 קומט פילסודסקי צוריק קיין ווילנע.

קיינער פון די קרובים האָט וועגן זיין קומען נישט געוווסט. ער איז אַריין אין דער וואוינונג פון זיין שוועסטער פרוי קאַדענאַץ. די לעצטע האָט אים אין דער ערשטער מינוט נישט דערקענט — פאַר די 5 יאָר איז ער אויסגעוואַקסן, זיך פאַרלאָזן אַ באָרד און זיין שטים איז געוואָרן טיפער, מענערישער.

— וואָס ווילט איר? — האָט די שוועסטער אים אויפגענומען, ווי אַ פרעמדן.

ערשט ווען זשיוק האָט זיך צעלאַכט, האָט די שוועסטער אים דערקענט.

פילסודסקי בלייבט אין ווילנע. דאָ דערוווסט ער זיך אינגיכן, אַז אין פּאַריז איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע פון פוילישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָט אַריינגעפירט אין איר פּראָגראַם דעם לאָזונג פון אומאָפּהענגיקייט פאַר פוילן.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע — דער „אויסלענדישער פאַרבאַנד פון פוילישע סאָציאַליסטן" („זוויאָנזעק זאַגראַניטשני סאָציאַליסטוו פּאָלסקיך") — איז אַנטשטאַנען אויף אַ צוזאַמענפאָר פון פּאָליטישע עמיגראַנטן פון קאָנגרעס־פוילן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט אַ רייע דעמאָלט - עקזיסטירנדיקע באַזונדערע גרופּן און אָרגאַניזאַציעס.

דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען דעם 21 נאָוועמבער 1892. אין יאַנואַר 1893 קומט קיין קאָנגרעס - פוילן איינער פון די אָנגעזעענסטע אָנטיילנעמער פון פּאַריזער צוזאַמענפאָר, דער באַגרינדער פונם אומאָפּהענגיקייט־פּראָגראַם ס ט. מ ע נ ד ע ל ס אָ ן

(אין זיינע ווייטערדיקע גלגולים האָט ער זיך דערקייקלט ביזן.. ציוניזם). זיין ציל איז: צענטראַליזירן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין לאַנד, שאַפן פון אַלע גרופן איין פּאַרטיי.

מענדעלסאָן באַזוכט וואַרשע, ווילנע, ריגע און פּעטערבורג. פּילסודסקי און נאָך עטלעכע ווילנער סאָציאַליסטן פאַרבינדן זיך מיטן „אויסלענדישן פאַרבאַנד פון די פּוילישע סאָציאַליסטן" און אין מערץ־נומער פון לאָנדאָנער „פּזשעדשוויט", דעם דעמאָלטיקן אָרגאַן פון „פאַרבאַנד", באַווייזט זיך שוין פּילסודסקיס ערשטע קאָרעספּאָנדענץ פון ווילנע (די קאָרעספּאָנדענץ איז דאַטירט דעם ערשטן פעברואַר 1893).*)

זומער 1893 קומט פאָר אין ווילנע דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער צענטראַליזירטער לאַנד־פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך א נאָמען געגעבן פּ. פּ. ס. („פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ") אין דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט זיך באַטייליקט 3 שטעט: וואַרשע, ווילנע און פּעטערבורג. אין אָקט. 1893 שאַפן זיי א צענטראַלע אָנפירונג, אין וועלכע ס'גייט אויך אריין יוזעף פּילסודסקי (אַלס פאַרשטייער פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע). אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס. אין פעברואַר 1904 גייט פּילסודסקי אריין אין ערשטן פיר־פּערזאָניקן געוויילטן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי (די פריערדיקע צענטראַלע אָנפירונג איז נישט געווען געוויילט, נאָר נאָמינירט דורך א ספּעציעל־געקומענעם עמיסאַר פונם „אויסלענדישן פאַרבאַנד פון פּוילישע סאָציאַליסטן") — דעם שפּעטערדיקן פּוילישן מלוכה־פּרעזידענט ס ט. וואָיטשעכאָווסקי).

מיט אַן איבעררייס פון 15 חדשים, וועלכע ער פאַרברענגט אין תפיסה (פון פעברואַר 1900 ביז מאי 1901), געהערט פּילסודסקי צו אַלע צענטראַל־קאָמיטעטן פון דער פּ. פּ. ס. (אָפיציעל האָט די צענטראַלע אינסטאַנץ פון פּ. פּ. ס. געהייסן: „צענטראַלני

*) סט. מענדעלסאָן האָט אויך אונטערהאַנדלט מיט די פירער פון די ווילנער סאָציאַליסטישע יידישע גרופּן, אָבער זיי האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם פּאַריזער פּראָגראַם.

קאָמיטעט ראָבאָטניטשי״ — צ. ק. ר.) ביזן אַכטן צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי (פעברואַר 1906 אין לעמבערג), אויף וועלכן ס׳באַקומט די איבערהאַנט די אָפּאָזיציע, אָדער, ווי מען האָט זיי דאַן גערופן, די „יונגע״.

פאַר די אַלע 12—13 יאָר איז פּילסודסקי געווען צווישן די ענערגישסטע אינלענדישע פּאַרטיי־טוער, אָפּטמאָל — דער איינציקער מענטש אינם צ.ק.ר. ער איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, באַזוכט די אויסלענדישע צענטרען אין קראָקע און אין לאָנדאָן, אָרגאַניזירט צוזאַמענפאָרן, רעדאַגירט דעם אומלעגאַלן אינלענדישן פּאַרטיי־אָרגאַן „ראָבאָטניק״ (פון זיין אַנטשטייונג אין זומער 1894 אָן ביזן דורכפאַל פון דער אומלעגאַלער דרוקעריי צוזאַמען מיט פּילסודסקין און אַלעקסאַנדער מאַלינאָווסקי דעם 21 פעברואַר 1900 אין לאָדזש), געשריבן פאַר אַ רייע אינלענדישע און אויסלענדישע פּאַרטייצייטונגען, פאַרפאַסט פיל פּראָקלאַמאַציעס פון צ. ק. ר.*)

אין ערשטן עטאַפּ פון פּילסודסקיס קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט — ביזן יאָר 1904, ווען די פּ. פּ. ס. האָט אויפן ראַזיקן געביט זיך באַגנוגנט מיט פּראָפּאַגאַנדע און מיט פּאָליטישן מאַסן־קאַמף פאַרן אומאָפּהענגיקייט־לאָזונג — איז געווען פיל סאָציאַ־

*) אַלע אָנגעגעבענע פּרטים פון דאָזיקן קאַפּיטל שטיצן זיך אויף פאָלגנדיקע קוועלן: „אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר מ אַ ל י נ אָ ו ס ק י: „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון פּ. פּ. ס.״ (קראָקע, 1907 און 1911); פ ע ל י ק ס פ ע ר ל: „די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג״ (וואַרשע, 1932, נייע אויפלאַגע); י ו ז ע ף פ י ל ס ו ד ס ק י: „שריפטן, רעדעס, באַפעלן״ (וואַרשע, ערשטער באַנד, 1930); ל ע אָ ן וו אַ ש י ל ע וו ס ק י: „די געשיכטע פון פאַריזער צוזאַמענפאָר אין יאָר 1892״ (וואַרשע, 1934); ל ע אָ ן וו אַ ש י ל ע וו ס ק י: „די אָנפירונג פון פּ. פּ. ס. אין רוסיש־פּוילן״ („ניעפּאָדלעגלאָשטש״, באַנד עלף, העפט 3 (29), 1935); וו י ט אָ ל ד ט ז ש ט ש י נ ס ק י: „דער צוזאַמענשטעל פון די צענטראַלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן פון דער פּ. פּ. ס.״ (קוואַרטלבוך „כראָניק פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פּוילן״, נומער 1, יאַנואַר־מערץ 1935).

ליסטן אויך אויסער דער פּ. פּ. ס., וועלכע האָבן פּאַרטיידיקט די רעכט פון פּוילן אויף אומאָפּהענגיקייט.

קויטסקי, למשל, האָט 3 יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער פּ. פּ. ס. שאַרף זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער שטעלונג פון דער דע־מאָלטיקער „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פּוילן", וועלכע האָט קאַטעגאָריש באַקעמפט דעם לאָזונג פון אומאָפּהענגיקייט.

קויטסקי האָט דאַן געשריבן:

„פון וואָסער נישט איז שטאַנדפּונקט מיר וועלן באַטראַכטן די פראַגע פון דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, וועלן מיר אין ערגעץ נישט געפינען קיין גרונט, צוליב וועלכן די פּוילישע סאָ־ציאַליסטן זאָלן דאַרפן אונטערהאַלטן דעם אויסרוף „פיניס פּאָ־לאָניע" און זאָלן אין זייער פּראַקטישער טעטיקייט זיך דאַרפן אָפּ־זאָגן פון דער שטרעבונג צו אומאָפּהענגיקייט פון זייער פאָטער־לאַנד".*)

נאָך פּאַרזיכטיקער, אָבער ענלעך, האָט געשטעלט די פראַגע לענין און די ר. ס. ד. א. פּ. אין די שפּעטערדיקע יאָרן:

„...די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — האָט געשריבן וועגן דעם לענין — בינדט זיך לחלוטין נישט די הענט. ווען זי רוקט אַרויס אין איר פּראָגראַם די רעכט פון די פעלקער אויף זעלבסטבאַ־שטימונג, רעכנט זי זיך מיט אַלע מעגלעכע קאָמבינאַציעס, מיט אַלערליי קאָמבינאַציעס, וואָס מען קען בכלל זיך אויסמאָלן. דער דאָזיקער פּראָגראַם שליסט לחלוטין נישט אויס די מעגלעכקייט אַרויסצורוקן דורכן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט דעם לאָזונג פון אַ פרייער און אומאָפּהענגיקער פּוילישער רעפּובליק, זאָל די וואַר־שיינלעכקייט פון איר רעאַליזירונג איידער ס'וועט קומען דער סאָציאַליזם זיין ווי קליין".**)

וואָלט די פּ. פּ. ס. און פּילסודסקי בלויז אין אַזאַ אַלגעמיי־

---

*) קאַרל קויטסקי: „פיניס פּאָלאָניע?" („נויע צייט", 1896, נומער 43, זייט 523).

**) לענינס אַרטיקל: „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין אונזער פּראָ־גראַם" („איסקראַ", נומער 44, 15 יולי 1903).

גער און פּאַרזיכטיקער שפּראַך פאָרמולירט איר פּאָזיטיווע באַציאונג צום אומאָפּהענגיקייט־לאָזונג, ווי צו איינעם פון די פּאָליטישע פאָדערונגען פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט — וואָלט דער ווידערשטאַנד דאָן אפשר נישט געווען אַזאַ שאַרפער און דער קאַמף אַזאַ פאַרביסענער.

פּ. פּ. ס. האָט אָבער אויסגעטיילט אין איר פּראָגראַם די אומאָפּהענגיקייט אַלס דעם וויכטיקסטן לאָזונג, וועלכער איז קודם פאַר אַלע אַנדערע. כדי דאָס אונטערצושטרייכן האָט דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס. אַריינגעפירט געוויסע אויסבעסערונגען אינם פּראָגראַם, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן פאַריזער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „אויסלענדישן פאַרבאַנד פון פּוילישע סאָציאַליסטן". די אויסבעסערונגען זענען קודם־כל געגאַנגען אין דער ריכטונג, אַז דער אומאָפּהענגיקייט־לאָזונג, וועלכער איז אין פּאַריז פאָרמולירט געוואָרן אַלס דער ערשטער און וויכטיקסטער פּאָליטישער לאָזונג פון דער פּאַרטיי, איז דאָ געוואָרן אויסגעטיילט אַלס הויפּט־לאָזונג, וואָס שטייט אויסער דעם אָפּזאַץ וועגן אַלגעמיינע פּאָליטישע לאָזונגען.*)

פּילסודסקי איז נישט געווען דער טעאָרעטיקער פון דער פּ. פּ. ס. און טעאָרעטיש האָט ער נישט אויסגעבויט דעם אומאָפּהענגיקייט־פּראָגראַם — דאָס האָבן געטון סט. מענדעלסאָן, וויטאָלד יאָדקאָ־נאַרקעוויטש, פעליקס פּערל, לעאָן וואַסילעווסקי און קאַזשימיעזש קעלעס־קראַוז. אָבער אין לאַנד, אין הינזיכט פון פּאָפּולאַריזירן דעם דאָזיקן פּראָגראַם און קעמפן פאַר אים אויפן באָדן פון די אינלענדישע סאָציאַליסטישע גרופּן, איז פּילסודסקי געווען פון די עקסטרעמסטע — דער פאַנאַטישסטער קעמפער און פאַרטיידיקער פון דאָזיקן פּראָגראַם.

---

*) רעס (פעליקס פערל): „די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג״ (וואַרשע, 1932, נייע אויפלאַגע, זייטן 429—439).

6

ב ו י ג ע ו ו ד י ק י י ט

די אומאָפּהענגיקייט - טענדענצן פון דער סאָציאַליסטישער־אינטעליגענץ האָבן זיך נישט אַזוי לייכט אָנגענומען צווישן די פּוילישע אַרבעטער. לכתחילה האָבן די גרינדער פון דער פּ. פּ. ס. אפילו מורא־געהאַט דערמיט אָפּן צו קומען צו די אַרבעטער. אין דער צייט, ווען דער אויסלענדישער „פּזשעדשוויט״, וועלכער איז הויפּטזעכלעך פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די אַזוי־גערופענע פאַרטיי־שפּיצן, האָט גענוי אַרומגערעדט, פאַרטיפט און פּאָפּולאַריזירט דעם אומאָפּהענגיקייט - פּראָגראַם פון דער פּ. פּ. ס., האָט דער אינלענדישער אומלעגאַלער „ראַבאָטניק״, וועלכן די פּ. פּ. ס. האָט ענערגיש פאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער, לכתחילה כמעט ווי פאַרשוויגן דעם לאָזונג פון אומאָפּהענגיקייט.

אינגיכן איז אויף דעם באָדן געקומען צו אַ שפּאַלטונג אין דער נייער פּאַרטיי. די אַרויסגעטרעטענע האָבן אָפּגעדרוקט אַ דערקלערונג אין ר אָ ז אַ ל ו ק ס ע מ ב ו ר ג ס אָקאָרשט געגרינדעטער צייטשריפט „ספּראַוואַ ראַבאָטניטשאַ״, אַז „דעם 30 יולי ה.י. האָבן מיר, אַלע חברים־אַרבעטער, וואָס געהערן צו דער „פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי״, אָפּגעוואָרפן דעם אַלטן נאָמען און אָנגענומען דעם נאָמען „פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״.*)

די לאַגע איז אין דער הינזיכט געווען אַזוי געפערלעך, אַז פּילסודסקי — דער הייסער אָנהענגער פון נייעם פּראָגראַם — האָט אַ צייט אַפילו געבעטן ביי די רעדאַקטאָרן פון לאָנדאָנער־

*) „ספּראַוואַ ראַבאָטניטשאַ״, פּאַריז, אויגוסט, 1893, נ. 2.

„פזשעדשוויט", זיך אביסל איינצוהאלטן מיט דער פראפאגאנדע פון אומאפהענגיקייט־פראגראם.

אין א בריוו צו סט. וואיטשעכאווסקין קיין אויס־לאנד — אין איינעם פון זיינע ערשטע בריוו צו די אויסלענדישע טוער פון דער פ. פ. ס. — שרייבט פילסודסקי (סוף 1893):

...„זייער פיל „פאצעטן" געפעלט דא זייער נישט די פאזיציע פון „פזשעדשוויט", זיי טענהן, אז מיט גיכע טריט מאר־שירט ער צו פאטריאטישן ראדיקאליזם און פארווארפט אלץ מער די קלאסן־שטעלונג. האט אין זינען די דאזיקע מיינונג. מען דארף די דאזיקע שטעלונג שטארקער באטאנען, כדי איינגאנצן נישט צו פארלירן דעם אנזען צווישן געגנוג־ברייטע קרייזן אזעלכע „פאצעטן" וועלכע זענען plus marxistes, que Marx même (מער מארקסיסטן, ווי מארקס אליין — פ. ש.). כ'האב שוין גע־הערט עטלעכע אזעלכע פארווורפן, אז מיר זענען איינגאנצן נישט קיין סאציאליסטן, נאר ווער־ווייס וואס. וואס קאן מען טון, אויב די יאטן קאנען זיך נישט מיטאמאל צוגעוווינען צו דער פארגעקו־מענער ענדערונג. מען דארף זיך מיט דעם רעכענען" *).

די אנטי־אינטעליגענטישע און אנטי־אומאפהענגיקייט־שטימונג איז א צייט לאנג געווען אזוי שטארק אין דער ארבעטער־מאסע, אז נאך אין יאר 1895 קלאגט זיך פילסודסקי אין זיין באַ־ריכט צום דריטן צוזאמענפאר פון פ. פ. ס., אז ס'איז שווער צו קומען צו די מאסן מיטן פ. פ. ס.ישן פראגראם.

---

*) יוזעף פילסודסקיס בריוו, מיט וועלכע סיוועט אונז אויס־קומען נאך פיל מאל זיך צו באנוצן, געפינען זיך אין ארכיוו פון פ. פ. ס., וועלכער איז היינט א באשטאנד־טייל פון די מיליטעריש־היסטארישע ארכיוו ביים קריגס־מיניסטעריום. מיר ציטירן די בריוו לויט פארשידענע קוועלן, וואו זיי זענען שוין געווען אפגע־דרוקט, און אויך לויט אפשריפטן, וואס דער מחבר האט באקו־מען פונם לייטער פון דערמאנטן ארכיוו ל. וואשילעווסקי. די לעצטע חדשים האט די „ניעפאדלעגלאסטשי" אנגעהויבן דרוקן א קאמפלעט פון אלע בריוו מיט אנטשפרעכנדיקע אויפקלערונגען. דאס דרוקן די בריוו וועט דויערן פיל יארן.

אין באריכט פון „צ. ק. ר.״ צום דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענ־פאַר, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 29־טן יוני 1895, שרייבט פּילסודסקי גאַנץ אָפן, אַז איינער פון די הויפּט־חסרונות פון „ראַבאָטניק״ — הויפּטזעכלעך פון זיינע ערשטע נומערן — איז זיין אומבאַשטימטקייט.

„דאָס לאָזט זיך אויסטייטשן הויפּטזעכלעך מיט דער נייקייט פון אונזער פּראָגראַם — שרייבט פּילסודסקי אין דערמאָנטן באַ־ריכט — מיט דער נישט־איינהייטלעכקייט פון אונזער פּאַרטיי־צוזאַמענשטעל, וואָס ס׳האָט אונז נישט דערלויבט קאָנקרעטער זיך צו באַצייכענען, כּדי אַנדערע נישט אָפּצושרעקן״. „גאַנץ באַ־זונדער האָט אונז געבוגדן — לייענען מיר אין דאָזיקן באַריכט מיט עטלעכע שורות ווייטער — די מורא צו פאָרמולירן אונזער פּאָליטישן פּראָגראַם (אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן), כּדי מען זאָל אונז נישט האַלטן פאַר פּאַטריאָטן, און דאָס איבערשאַצן די אַגי־טאַטאָרישע באַדייטונג פונם לאָזונג פון צייטווייליקער אויסבעסע־רונג פון דער אַרבעטער־לאַגע״ *).

אין זעלבן יאָר, אין וועלכן ס׳איז פאָרגעקומען דער דערמאָנ־טער צוזאַמענפאָר, מערקט זיך אין דער פּ. פּ. ס. אַן אַנטשיידנדי־קע ווענדונג אין דער ריכטונג צו פּאָפּולאַריזירן און באַגרינדן דעם אומאָפּהענגיקייטס־פּראָגראַם, וועלכן די פּאַרטיי האָט מיט אַ צייט צוריק אָנגענומען. פּילסודסקי שרייבט דאַן אַן אַ רייע אַרטיקלען, וועלכע דאַרפן דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע.

אַמבולטסטן איז געקומען צום אויסדרוק די מורא אַרויסצו־טרעטן מיטן לאָזונג פון אומאָפּהענגיקייט אין די פּראָקלאַמאַציעס פון דער פּאַרטיי. דער „פּזשעדשוויט״ איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די פּאַרטיי־שפּיצן, דער „ראַבאָטניק״ — צווישן דער באַ־וואוסטזיניקער אַרבעטערשאַפט און די פּראָקלאַמאַציעס — אין דער ברייטער מאַסע. מען האָט טאַקע אַ לאַנגע צייט אויסגעמיטן אין די פּראָקלאַמאַציעס דעם לאָזונג פון אומאָפּהענגיקייט. אויך

---

*) יוזעף פּילסודסקי: „שריפטן, רעדעס, באַפעלן״ (וואַרשע, ערשטער באַנד, 1930, זייט 316).

די אויפרופן, וועלכע פילסודסקי האָט פאַרפאַסט, רעדן נישט וועגן אומאָפּהענגיקייט, נאָר רוקן הערכסטנס אַרויס גאַנץ אַלגעמיינע, נעפּלהאַפטע לאָזונגען („זאָל לעבן ס'פרייע פּוילישע פאָלק!'' א.א.). בלויז אין איין אויפרוף, וועלכן פילסודסקי האָט פאַרפאַסט אין יענע יאָרן, רעדט זיך קלאָר, אַז מען דאַרף פאָדערן אַן אומאָפּהענגיק פּוילן. דער דאָזיקער אויפרוף איז אַרויס מיט דער דאַטע פון 9 נאָוועמבער 1894 און איז געווען געווידמעט דעם טויט פון **אַלעקסאַנדער דעם דריטן** און דער אינטראָניזאַציע פון צאַר **ניקאָלאַי דעם צווייטן**. „דער גוטפאַרשטאַנענער קלאַסן־אינטערעס — לייענען מיר אין דאָזיקן אויפרוף — הייסט אונז פאָדערן אַן אומאָפּהענגיק פּוילן'' *).

אַזוי דייטלעך האָט פילסודסקי אין די אויפרופן גערעדט זעלטן־ווען — אפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זעלבן יאָרצענטליק. פילסודסקי איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַן עלאַסטישער, אַ בויגעוודיקער פּאָליטיקער. ער האָט געקענט די קונסט פון קאָמפּראָמיסן און וואו ס'איז נויטיק געווען האָט ער זי ברייט אָנגעווענדעט. אין זיין כאַראַקטער זענען טאַקע געווען טיף איינגעוואָרצלט אַ רייע עלעמענטן, וואָס זענען דער קעגנזאַץ פון קאָמפּראָמיס. די דאָזיקע עלעמענטן זענען אָבער געקומען צום אויסדרוק ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דער העכערער, דער העכסטער ציל — די אומאָפּהענגיקייט — האָט נישט איינמאָל געהייסן נאָכגעבן, אָוועקביוגן, איינגיין אויף אַ פּשרה.

*) דאָרט, זייט 415.

רוסלאַנד

אין איין הינזיכט האָט פּילסודסקי אין די ערשטע יאָרן נישט געהאַט קיין באַדערפעניש צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן — דאָס איז געווען די באַציונג צו רוסלאַנד. דער האַס צום צאַריזם איז ביי אַלעמען געווען אַזוי גרויס, אַז ס'האָט זיך אָפּטמאָל פאַרווישט די גרענעץ צווישן קאַמף קעגן צאַריזם און האַס צו רוסלאַנד און צו אַלעם רוסישן בכלל.

אין יאָר 1895, עטלעכע יאָר סך־הכל פאַר דער מעכטיקער כוואַליע פון דער ערשטער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, שרייבט פּילסודסקי וועגן דער אויסזיכטסלאָזיקייט פון רוסישן פרייהייטס־קאַמף — וועגן דעם, אַז ווען דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס וועט פירן זיין קאַמף זעלבשטענדיק, נישט וואַרטנדיק אויף ישועות מצד דער קינפטיקער רוסישער קאָנסטיטוציע, וועט ער גיכער אויס־קעמפן פאַר זיך אַ סאָציאַליסטישן מאָרגן.

ברייט ברענגט פּילסודסקי צום אויסדרוק זיין שטעלונג אין דער דאָזיקער פראַגע אינם פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל, וואָס ער דרוקט אָפּ אין יאָר 1895 אין אַ דעמאָלטיקער אויסגאַבע פון דער פּ. פּ. ס.. היינט — אין ליכט פון די פאַרגאַנגענע 40 יאָר — איז דער אַרטיקל פיל אינטערעסאַנטער און באַלערנדיקער, ווי דעמאָלט, ווען פּילסודסקי האָט אים געשריבן.

פּילסודסקי דרוקט אויס אין דאָזיקן אַרטיקל די איבערצייגונג, אַז פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס „וועט אַרויס די קראַפט, וואָס וועט צערייבן אויף אַש די מאַכט פון צאַריזם" און אַז די רוסישע

רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט אין דאָזיקן קאַמף שפּילן נאָר אַ הילף־ראָל*).

אין אַ צווייטן פּראָגראַם־אַרטיקל, וואָס ער האָט יענעם יאָר אָפּגעדרוקט אין אינלענדישן אומלעגאַלן „ראַבאָטניק", רעדט ער אַרום די אויסזיכטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע אויפן פאַל פון איר זיג און דאָס אויסזען פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס דער זיג וועט ברענגען.

„גייענדיק אויפן אויסגעטראָטענעם וועג פון די מערב־אייראָפּעישע ליבעראַלן — פירט פּילסודסקי אויס אין דאָזיקן אַרטיקל — און געניסנדיק פון זייער דערפאַרונג, וועלן די רוסישע באַזיצנדיקע קלאַסן צושניידן פאַר רוסלאַנד אַזאַ קאָנסטיטוציע־קליידל, אַז די וואַרעמקייט און די באַקוועמלעכקייט, וואָס דאָס דאָזיקע מלבוש גיט, וועלן זיי (די רוסישע בורזשואַזיע — פּ. ש.) צונעמען פאַר זיך, באַזייטיקנדיק דערפון ווי אַמפּלייסיקסטן די אַרבעטנדיקע מאַסן"**).

קענען דער דאָזיקער טרויעריקער פּערספּעקטיוו פון רוסישן אַרבעטער־קלאַס שטעלט פּילסודסקי אַנטקעגן די ראָזיע אויסזיכט פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט: „אַ דאַנק די דאָזיקע באַדינגונגען (צאָלרייכע שטעט און פאַבריק־צענטרען, אַ גרויסער שטאָטישער און דאָרפישער פּראָלעטאַריאַט, קאַמף־טראַדיציעס און קאַמף־דערפאַרונגען — פּ. ש.), וועלכע פאַרזיכערן דעם פּראָלעטאַריאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן גורל פון אונזער לאַנד, קאָן ער זיך לייכט גלייכשטעלן מיט זיינע מערב־אייראָפּעישע חברים און, פּונקט ווי זיי, מאַרשירן מיט אַ גיכן טריט צו זיין ענדגילטיקן ציל — צו דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג"***).

פּילסודסקי פאַרזיכערט זיינע לעזער, אַז „אַ דאַנק דער השפּעה פון פּראָלעטאַריאַט, קאָן די אומאָפּהענגיקע פּוילן נישט זיין קיין

---

*) פלוג־בלאַט „ראַבאָטניקי", דערשינען אין לאָנדאָן, 1895 („דוסלאַנדיי", זייט 36—49).

**) „ראַבאָטניקי", נומער 9, 15 אויגוסט 1895 („אונזער לאַזונגי", זייט 1—3).

***) דאָרט.

אנדערע, ווי אַ דעמאָקראַטישע; אין אירע ראַמען וועט דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט באַווייזן זיך צו פאַרזיכערן ברייטע פּאָליטישע פרייהייטן" און אַז „אויב די וואָגשאָל פון זיג וואַקלט זיך נאָך איצטער אונטערן דרוק פון רוסישע באַגנעטן און נאַהייקעס, וועט זי דאָן (אין אומאָפּהענגיקן פּוילן — פּ. ש.) אָן אַ פרעמדער השפּעה אַנטשידן זיך איבערבויגן אויף דער זייט פון די אַרבעטער" *).

פּילסודסקי שטעלט פעסט, אַז ער קאָן באַצייטנס פאָרויסזאָגן, וואָס ס'וועט זיין מיט רוסלאַנד, ווען ס'וועט דאָרט באַזייטיקט ווערן די זעלבסטהערשאַפט.

„....צוליב אַזאַ צוזאַמענשטעל פון די געזעלשאַפטלעכע כּוחות (אומבאַוווסטזיניקע פּויערישע מערהייט, קליינע פּראָלעטאַרישע מינדערהייט, וואַקלדיק בירגערטום — פּ. ש.) — שרייבט פּילסודסקי — קאָנען מיר באַצייטנס פעסטשטעלן, וואָס רוסלאַנד וועט זיין נאָכן באַזייטיקן די זעלבסטהערשערישע רעגירונג. „די אויערן וואַקסן נישט העכער פון קאָפּ" — זאָגט אַ רוסיש ווערטל און אין הסכּם מיטן דאָזיקן ווערטל וועט די דעמאָקראַטישקייט פון דער קינפטיקער קאָנסטיטוציע נישט איבערוואַקסן די געזעלשאַפט אַלס אַזעלכע. מאָסגעבנדיק וועט דאָן זיין דער קלאַס באַזיצער און זייער אידעאַל איז אין בעסטן פאַל אַ ליבעראַלע קאָנסטיטוציע"**).

אין צענטליקער אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן אין אײנלענדישן „ראַבאָטניק", וועלכן ער האָט אַליין רעדאַגירט, און אין אויסלענדישן „פּזשעדשוויט", האָט פּילסודסקי געזאַמלט פאַקטן, וואָס האָבן געדאַרפט באַשטעטיקן די טעאָריע, אַז רוסלאַנד איז אַן אַזיאַטיש פאַרזען, באַרבאַריזם און אָפּגעשטאַנענקייט. דאָס בילד איז געווען אַזאַ: אַ באַרבאַריש רוסלאַנד מיט אַ פאַנאַטישער, צעשטויבטער, אָפּגעשטאַנענער און אויסערסט - ווערטלאָזער פּויעריםמאַסע און אַרבעטער־קלאַס פון איין זייט, און אַ קולטורעל פּוילן

---

*) דאָרט.
**) דאָרט.

מיט אַ פּאַרטגעשריטענער און קאָמפּליצירטער באַפעלקערונג פון דער צווייטער זייט.

דעם 29־טן יוני 1895 קומט פאָר דער דריטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס. דאָרט רעדט מען פיל וועגן די אויסזיכטן פון קאַמף, וועלכן ס׳פירט דאָס סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע רוסלאַנד קעגן דער מאָנאַרכיע און פאַר אַ דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע. די דאָזיקע פראַגן ווערן אַלץ אַקטועלער, אַלץ ברענענדיקער, און די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער פּ. פּ. ס. זענען געצוווּנגען אַוועקצושטעלן די דאָזיקע פראַגן פאַר דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. מיט 6 שטימען קעגן 3 ווערט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע לאָזט צו די מעגלעכקייט פון אַקטיוון אָנטייל פון דער פּ. פּ. ס. אין אַלגעמיינעם קאַמף פאַר אַ קאָנסטיטוציע, ווען דער דאָזיקער ענין וועט ווערן דירעקט־אַקטועל.

פּילסודסקי איז קעגן דער דאָזיקער רעזאָלוציע. אין אַ בריוו, וועלכן ער שרייבט דעם 9־טן יולי 1895 קיין לאָנדאָן, צום דאָרטיקן „אויסלענדישן פאַרבאַנד פון פּוילישע סאָציאַליסטן“, חוזקט ער לייכט אָפּ פון די אָנהענגער פון דער רעזאָלוציע. דערביי דערציילט ער, אַז דער הויפּט־אָנהענגער פון דער רעזאָלוציע טראָמפּטשינסקי (דער פּאַרטיי־פּסעוודאָנים פון דעמאָלטיקן פּאַרטיי־טוער פּראָפעסאָר לודוויק קולטשיצקי) איז „ווייכער געוואָרן“ און אויב ער האַלט זיך נאָך ביי דער דאָזיקער רעזאָלוציע, טוט ער עס קודם־כּל צוליב עקשנות.

קולטשיצקי זאָל האָבן דערקלערט — אַזוי שרייבט פּילסודסקי אין דערמאָנטן בריוו — אַז ער באַשטייט ביי דער אָנגענומענער רעזאָלוציע קודם־כּל דערפאַר, ווייל מען דאַרף האָבן אין דער פּאַרטיי־פּרעסע אַן אַרטיקל מיט אַזאַ שטעלונג, כּדי מען זאָל ביי אַ געלעגנהייט זיך קאָנען דערויף פאַרופן (ס׳האָט זיך דאָ, זעט אויס, געהאַנדלט וועגן יוצא־זיין פאַר די רוסישע סאָציאַליסטן).

„אין קינפטיקן נומער — שרייבט פּילסודסקי אין דאָזיקן בריוו — וועלן מיר, מסתּמא, לאָזן דעם דאָזיקן אַרטיקל. כ׳האָב שוין פאַרטיק דעם פּלאַן פונם אַרטיקל און כ׳מיין, אַז דער דאָזיקער אָפּזאַץ וועט נישט אַזוי שטאַרק גרילצן“...

ווי ס'שיינט, מיינט דאָ פילסודסקי דעם אַרטיקל, וועלכן מיר האָבן אָקאָרשט אויספירלעך ציטירט (דער אָנזאָג, אַז ס'גרייט זיך אַזאַ אַרטיקל, איז געשריבן דעם 9־טן יולי, און דער ציטירטער אַרטיקל איז דערשינען אין „ראָבאָטניק" פון 15 אויגוסט). צוזאַמען מיט אַלע ציטירטע שטעלן, וועלכע באַווייזן די נויטווענדיקייט צו קעמפן פאַר אייגענע פאָליטישע צילן, און נישט פאַר אַ רוסישער קאָנסטיטוציע, געפינען מיר דאָרט פאָלגנדיקן אָפּזאַץ:

„מיר קאָנען, אַלזאָ, זיך באַציען פּאָזיטיוו צו דער קאָנסטיטוציע - ענדערונג, מיר קאָנען אפילו אַקטיוו אונטערשטיצן די באַמיאונגען פון די רוסן אין דער ריכטונג, אָבער מיר קאָנען נישט אָננעמען אַלס לאָזונג פון אונזער פּאָליטיק די דאָזיקע האַלביקע פריַיהייט, וועלכע קאָן נישט פאַרדעקן די מיאוסע סימנים פון ליבעראַליזם, ווי דער אייזל קאָן נישט באַהאַלטן זיינע אויערן"*).

טאָג־טעגלעך האָבן די פירער פון דער פּ. פּ. ס. אונטערגעשטראָכן זייער אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט מיטן אַלוועלטלעכן אַרבעטער - קלאַס, און גלייכצייטיק אָבער — פון טאָג צו טאָג אַלץ מער זיך סעפּאַרירט, אַלץ מער זיך דערווייטערט פון אייגאַנטסטן ברודער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־משפּחה — פון רוסלענדישן אַרבעטער - קלאַס, מיט וועלכן זי האָט פאַקטיש געהאַט טאָג - טעגלעכע געמיינזאַמע אויפגאַבן אין קאַמף קעגן צאַריזם.

---

*) דאָרט.



אַלעקסאַנדער מאַלינאָווסקי
(לאַנגיאָר־קער פירער פון פּ. פּ. ס.)

סט. וואָיטשעכאָווסקי
(שפּעטערדיקער פּוילישער מלוכה־
פּרעזידענט)

מיטגלידער פון די ערשטע צענטראַל־קאָמיטעטן פון פּ. פּ. ס.

8

אומווילן

די באציונגען צווישן דער פ. פ. ס. און דער רוסלענדישער ארבעטער - באוועגונג זענען א רייך און באלערנדיק קאפיטל און פילסודסקי האט אריינגעשריבן אין דאזיקן קאפיטל נישט איין בלעטל.

דער פאריזער צוזאמענפאר פון „אויסלענדישן פארבאנד פון די פוילישע סאציאליסטן" האט אנגענומען א רעזאלוציע וועגן דער נויטיקייט („אין פרינציפ") צו פירן א געמיינזאמען קאמף קעגן צאריזם צוזאמען מיט די רוסישע סאציאליסטן.

די פארטיי האט לאנג זיך געפארעט מיטן דאזיקן ענין. פאר זיך, אין די אנפירנדיקע פארטיי - שפיצן און אין אויסלענדישן „פזשעדשוויט", האט מען גערעדט אפן וועגן דעם, אז די צוזאמענארבעט איז נויטיק אויף אזויפיל, אויף וויפל מען קאן זי אויסנוצן פאר די באגרענעצטע פאליטישע צילן פון דער פ. פ. ס. ערשט שפעטער, אין יאר 1905, איז אין דער פארטיי געקומען א רעאקציע מצד די „יינגע", וועלכע האבן די פראגע וועגן צוזאמענארבעט מיט די רוסישע סאציאליסטן פאר געמיינזאמע צילן פון גאנצן רוסלענדישן פראלעטאריאט געמאכט פאר די ערנסטע שטרייט-פראגע אין דער פארטיי.

אין אויסלענדישן „פזשעדשוויט", וועלכער איז, ווי געזאגט, געלייענט געווארן דורך די פארטייאישע „שפיצן", האט די פ.פ.ס. גערעדט אפענער און אויפריכטיקער, ווי אין אינלענדישן „ראבאטניק", וועלכן ס'האבן געלייענט די מאסן. אין יאר 1893 שרייבט דארט פילסודסקי א פראגראמאטישן ארטיקל אונטערן קעפל „די באציונג צו די רוסישע רעוואלוציאנערן", אין וועלכן דער סעפא-

ראַטיזם פון דער פּ. פּ. ס. קומט צום אויסדרוק באַזונדערס דראַס־טיש.

די אויספירונגען פון דאָזיקן אַרטיקל זענען מער ־ ווייניקער פאָלגנדיקע:

רוסלאַנד האָט פיל רעוואָלוציאָנערע גרופּן, צווישן וועלכע דער מערב ־ אייראָפּעישער סאָציאַליזם האָט קנאַפּע אָנהענגער — בלויז די סאָציאַל ־ דעמאָקראַטישע גרופּן. „נישט וועלנדיק — זאָגט פּילסודסקי אין דערמאָנטן אַרטיקל — און נישט קאָנענדיק נעמען אַ וואָרט אין פראַגן, וועלכע גייען ספּעציעל אָן דאָס דאָזיקע לאַנד, נישט וועלנדיק און נישט קאָנענדיק ווערן אַ פּוסק צווישן די רוסישע גרופּירונגען אין הלכות פון סאָציאַליסטישער כשרות — מוז די פּ. פּ. ס. אין אירע באַציונגען מיט די דאָזיקע גרופּן באַזייטיקן יעטוועדע פראַגע פון דער אָדער אַנדערער אויפפאַסונג פון דער סאָציאַליסטישער דאָקטרינע״ *). די פּ. פּ. ס. — דערקלערט פּילסודסקי זיין שטעלונג — איז גרייט צו גיין מיט יעדער פון די דאָזיקע גרופּן, אויב זי וועט נאָר „אַקטיוו אונטערשטיצן די פּאָליטישע פאָדערונגען פון דער פּ. פּ. ס.״ און „אויב זיי וועלן שטעלן אונטער דער קאָנטראָל פון פּ. פּ. ס. זייער יעדע טעטיקייט, וואָס זיי וועלן פירן אויף די שטחים, וועלכע זענען אַרומגענומען דורך דער פּ. פּ. ס.״ **).

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס אַזוי: רוסלאַנד מיטן רוסישן אַרבעטער ־ קלאַס גייען אונז אָן, ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי. זיי קאָנען יאָ זיין סאָציאַליסטיש און נישט — ס'איז נישט **אונזער** עסק; זאָלן זיך די רוסישע גרופּן רייסן פאַר די נעז, זאָל אפילו אַ געוויסע גרופּע ברענגען אַ בפירוש שאַדן דעם קאַמף פון סאָציאַליסטישן לאַגער אין רוסלאַנד — אויב זי וועט נאָר אַקטיוו אונטערשטיצן די פאָדערונג פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, איז זי אונזער שותף.

---

*) „פּזשעדשוויטיי״, נומער 8 פון אויגוסט 1893 („די באַציונג צו די רוסישע רעוואָלוציאָנערן״, זייט 1—2).

**) דאָרט.

איינער פון פילסודסקיס בעסטע פריינט פאר דער מלחמה, לעאָן וואַשילעווסקי, זאָגט אַט־וואָס וועגן פילסודסקיס באַציונג צו רוסלאַנד און צו אַלעם, וואָס רוסיש:

„פון זיינע באַזונדערע אַפּרופן — שרייבט וואַשילעווסקי — (ס'האַנדלט זיך וועגן די ערשטע יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט)— פלעגט זיך אַנטפּלעקן אַ טיפער אומווילן צו רוסלאַנד. דאָס איז געווען איינער פון די הויפּט - שטריכן פון זיין — לאָמיר זאָגן — פּאָליטישער וועלט - אַנשויונג. ס'האָט זיך דאָ נישט געהאַנדלט וועגן דעם אָפיציעלן, צאַרישן רוסלאַנד, וועלכעס ער האָט פּיינט געהאַט, ווי מיר אַלע, פון גאַנצן האַרצן. ער האָט אויך נישט ליב געהאַט די רוסישע ליטעראַטור, וועלכע האָט צווישן פיל פּוילישע רעוואָלוציאָנערן געהאַט ענטוזיאַסטישע אָנהענגער. אַ רייע שטריכן פון רוסישן כאַראַקטער האָבן אַרויסגערופן ביי אים אַ קריטישע באַציונג. באַזונדערס פלעגט וועקן אין אים אַן עקל די רוסישע פּאַסיווקייט" *).

ביי פילסודסקין איז די דאָזיקע באַציונג געקומען צום אויסדרוק אין אַ גאַר שאַרפער פאָרם, אָבער זי האָט אויך נישט געפעלט ביי די איבעריקע אָנגעזעענע טוער פון פּ. פּ. ס. פון יענעם פעריאָד. ערשט, ווי געזאָגט, די אַלגעמיין - רוסלענדישע פרייהייטבוואַליע האָט מיטגעריסן אויך דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס און די פּ. פּ. ס.. דאָס יאָר 1905 האָט אין אַ גרויסער מאָס איבערגעשטראָכן די נאַציאָנאַליסטישע טעאָריעס. אין פּ. פּ. ס. אַנטשטייט, אַ שאַרפע אָפּאָזיציע — די אַזוי גערופענע „יינגע". אויפן גרונט פון די דערפאַרונגען פון פּוילישן אַרבעטער - קלאַס באַשליסן זיי אַ סוף צו מאַכן צום שעדלעכן סעפּאַראַטיזם און צו פאַרבינדן דעם גורל פון פרייהייטס־קאַמף פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס מיטן אַלגעמיינעם קאַמף פון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט. אין יאָר 1907 דערגייען די מיינונגס - פאַרשיידנקייטן אַזוי ווייט, אַז אויפן דעמאָלטיקן פּאַרטיי - צוזאַמענפאָר קומט פאָר אַ פאַר־

---

*) לעאָן וואַשילעווסקי: „יוזעף פּילסודסקי, ווי איך האָב אים געקענטיי (וואַרשע, 1935, זייטן 60—61).

מעלע שפּאַלטונג. פּילסודסקי, וועלכער טרוימט וועגן אַ באַוואָפנטן קאַמף פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן, גייט אַוועק פון דער פּאַרטיי און גרינדעט די „רעוואָלוציאָנערע פראַקציע פּ. פּ. ס.", פון וועל־כער ס'איז — נאָך פיל גלגולים — אַנטשטאַנען און זיך אַנטוויקלט די הײַנטיקע פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) שוין אָן פּילסודסקין.

9

מיליטערישע פאַרינטערעסירונגען

דער מאַנאַרכיסט ס ט. מ אַ צ ק ע װ י ט ש, װעלכער האָט זייער באַגערט צו זען פּילסודסקין אין דער ראָל פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלן מאָנאַרך — האָט נאָך פּילסודסקיס טויט געשטעלט אַזאַ פראַגע:

„ס'איז אינטערעסאַנט, צי פּילסודסקי — װען ער פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן אין קאָנספּיראַטיװע דירות און אונטערן פענצטער פענסטער פלעגט פונקט זיך אָפּרופן אַ רוסישער מיליטערישער אָרקעסטער — האָט געהאַט פאַר די דאָזיקע דורכגייענדיקע באַטאַליאָנען בלויז אַ טעמפּן האַס פון אַ קנעכט, אָדער דאָס דאָזיקע בילד פלעגט װעקן אין אים אַ פאַרינטערעסירונג פון אַ קענער מיליטער־מאַן" *).

מאַצקעװיטש איז זיכער, אַז ס'פלעגט געשען דאָס צװייטע, און װאַרשיינלעך איז עס טאַקע אַזוי געװען. װיכטיקער פון דעם איז אָבער דאָס, אַז סיי זיין אָפּשטאַם („אַזוי אַרום גייט איבער דער זעלנערישער גייסט אין די דאָזיקע משפחות פון דור צו דור" — זע זייט 14), סיי זיין דערציונג, סיי זיינע ערשטע קינדערישע סימפּאַטיעס פאַר נאַפּאָלעאָנען זאָגן עדות װעגן פּילסודסקיס איינגעװאָרצלטע מיליטערישע נייגונגען.

ס'איז יעדנפאַלס אַ פאַקט, אַז אינטערעסירט מיט מיליטערישע פראַגן האָט ער זיך תמיד. װעגן די קינדער־יאָרן האָבן מיר

---

*) ס ט. מ אַ צ ק ע װ י ט ש: „ער האָט צוריקגעדרייט דאָס ראָד פון דער געשיכטע" („װיאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע" נומ. 23, 1935, זייט 8).

שוין געשריבן פריער. ענלעכע ידיעות האבן מיר וועגן זיינע יונגע־ יאָרן, ווען ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ סאָציאַליסט. דער באַקאַנטער רוסיש ־ יידישער שריפטשטעלער ש ק ל אָ ו ו ס ק י („דיאָנעאָ״), וועלכער איז אין יאָר 1887 געגאַנגען צוזאַמען מיט פּילסודסקין קיין סיביר, זאָגט וועגן אים: „ער האָט געמאַכט שטוי־ נען מיט זיינע קענטעניש פון געביט פון געשיכטע און מלחמות״*).

אַלס סאָציאַליסט האָט פּילסודסקי נישט אויפגעהערט צו פּרעדיקן דעם לאָזונג פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן צאַריזם און פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן. שוין אין יאָר 1895 שרייבט ער, אַז „ס׳וועט קומען אַ צייט„ ווען דאָס פּוילישע אַרבעטס־פאָלק וועט אויפשטיין אין זיין גאַנצער מיליאָנען־מאַסע און וועט מיט געווער אין האַנט צעברעכן דעם יאָך פון דער היינטיקער פּאָליטישער קנעכטשאַפט״**).

אין אָקטאָבער 1904 באַשליסט דער צ. ק. ר. פון פּ. פּ. ס. — דאָס איז געווען פּילסודסקיס פּראָיעקט — אויסצובויען אין גאַנצן לאַנד באַוואָפנטע גרופּן, וועלכע זאָלן אָנהייבן צוגרייטן דעם אויפ־ שטאַנד קעגן צאַריזם. מיט אַ קנאַפּן חודש שפּעטער — דעם 13 נאָוועמבער 1904 — איז פאָרגעקומען די ערשטע באַוואָפנטע דע־ מאָנסטראַציע פון פּ. פּ. ס., די אַזוי ־ גערופענע גזשיבאָווער דע־ מאָנסטראַציע.

שוין אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, אַלס מאַרשאַל, האָט פּיל־ סודסקי געשריבן זכרונות וועגן דער דאָזיקער מאַניפעסטאַציע און אין די דאָזיקע זכרונות גיט ער אָן זיך אַלס דעם אינספּיראַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון דער אַרויסטרעטונג, מיט וועלכער ער זאָל האָבן אָנגעפירט פון קראָקע***).

---

*) ציטירט לויט פּוילישע קוועלן.

**) „ראָבאָטניקיי, נומער 10, 24 סעפּטעמבער 1895, זייט 1—2 („קאַמף מיט דער רעגירונגיי).

***) „אָבער כיקאָן נישט נישט זאָגן—שרייבט וועגן דעם פּיל־ סודסקי — אַז גזשיבאָוו געהערט צו מיינע דערינערונגען, וועלכע ביפּיעשטשע טיילמאָל, גזשיבאָוו געהערט צו די צערטלענישן פון

די טעראָריסטישע טעטיקייט פון פ. פ. ס. (אין איין אַקציע — הינטער בעזדאַני — באַטייליקט זיך פּילסודסקי אַליין) גיט נישט קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן, הגם זי שלינגט איין פיל קרבנות. מיטן פאַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע צעפאַלט זיך אויך די קאַמף - אָרגאַניזאַציע פון דער פ. פ. ס. („אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ“). אויף איר אָרט בויט דאַן פּילסודסקי אויס אין יאָר 1908, דעם „זוויאָנזעק וואַלקי טשיננעי“ (פאַרבאַנד פון אַקטיוון קאַמף) — די איניציאַטיוו איז אַרויס פון היינטיקן אַרמיי־אינספּעקטאָר סאָסנקאָווסקי — וועלכער איז שוין אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. אין 1910 אַנטשטייט דער שיסער־פאַרבאַנד („זוויאָנזעק סטזשעלעצקי“), וועלכער פאַרוואַנדלט זיך אין יאָר 1914 אין די לעגיאָנען.

פּילסודסקיס פּובליציסטישע טעטיקייט פון יענע יאָרן איז געווידמעט כמעט אויסשליסלעך מיליטערישע פראַגן. דאַן, אין יאָר 1910, דערשיינען אין קראָקע זיינע בראָשורן „מיליטערישע געאָגראַפיע פון קעניגרייך פּוילן“ און „די פּראַקטישע אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע אין רוסיש־פּוילן“. ביידע בראָשורן דערשיינען אונטערן פּסעוודאָנים ז. מיעטשיסלאַווסקי און די צווייטע פון זיי איז אפילו קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער קראָקעווער צענזור. זי איז אָבער אויפסניי דערשינען אין דרוק, נאָכדעם, ווי די גאַליציאַנער סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן האָבן זי אימוניזירט אין פּאַרלאַמענט אין זייערער אַן אינטערפּעלאַציע.

מיין לעבן. ס'איז טאַקע אמת, אַז איך, דער איצטיקער פּוילישער מאַרשאַל, דער געוועזענער מלוכה - שעף מיט אַ באַקאַנטן נאָמען אין דער גאַנצער וועלט, בין דאַן נישט געווען אַזוי באַרימט, ווי כ'בין היינט. כ'וויל אפילו נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע באַרימטקייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט „גזשיבאָווי“, אָבער ס'זענען פאַראַן אין „גזשיבאָווי“ און אין די גזשיבאָווער געשעענישן מאָמענטן, וואָס באַרירן אַמטיפסטן מיין וועזן און מאַכן מיך אַביסל סענטימענטאַלי (יוזעף פּילסודסקי: „דערינערונגען וועגן גזשיבאָווי אינם זאַמלבוך „יוזעף פּילסודסקיס רעדעס, אינטערוויוען, אַרטיקלען פון 1926—1930“; וואַרשע, 1931, זייטן 249—250).

די דאָזיקע בראָשור הויבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיר זענען אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. מיר ווייסן, אַז די ציִלן, וואָס פּ. פּ. ס. שטעלט זיך, קאָנען נישט דערגרייכט ווערן אויפן פרידלעכן אופן. מיר פאַרשטייען, אַז קיינער וועט אונז נישט שענקען און קיינער וועט פאַר אונז נישט אויסקעמפן סיי די אומאָפּהענגיקייט פון אונזער לאַנד און סיי אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע אונזער קאַמף מיט דער עקספּלאָאַטאַציע זאָל קאָנען פאָרקומען אויף אַ מערב־אייראָפּעישן שטייגער. מיר אַלע פאַרשטייען, אַז פאַר אונזערע ציִלן — הן פּאָליטישע און הן סאָציאַלע — מוזן מיר קעמפן. און נישט קעמפן מיט דער צונג, נישט מיט געדרוקטער „ביבולע", נאָר מיט וואָפן אין האַנט. דעם אָרגאַניזירטן כּח פון דער אָקופּאַציע, וואָס שטיצט זיך אויף די באַגנעטן פון דער סאָלדאַטעסקע, מוזן מיר אַקעגנשטעלן די באַוואָפנטע קראַפט פון די פּוילישע פאָלקס־מאַסן. די רעוואָלוציע, צו וועלכער מיר גרייטן זיך, וועט זיין אַ באַוואָפנטער קאַמף פון דער פאָלקס־אַרמיי מיט דער צאַרישער אַרמיי, וועלכע פאַרטיידיקט ביי אונז די צאַרישע הערשאַפט. אַזאַ קאַמף איז אונזער ציל, ווייל נאָר אַזאַ קאַמף קאָן אונז געבן דעם זיג".

אין דער דאָזיקער בראָשור — דאָס זענען אָפּשריפטן פון פּילסודסקיס לעקציעס אין פּ. פּ. ס.ישע פּאַרטיי־שולן אין גאַליציע — ברענגט דער מחבר צום אויסדרוק זיינע מיליטערישע קענטענישן, וועלכע ער האָט זיך יענע יאָרן אָנגעהויבן דערווערבן.

אין די יאָרן 1912—1914 זענען צוליב פּילסודסקיס מיליטערישע פאַרינטערעסירונגען אַנטשטאַנען גרויסע חילוקי־דעות צווישן אים און די איבעריקע פירער פון דער „פראַקציע". ס'דערציילט וועגן דעם לעאָן וואַשילעווסקי*) און באַזונדערש בילדלעך גיט דאָס איבער מאַריאַן מאַלינאָווסקי („וואָוויטעק"):

„אין יאָר 1914 — דערציילט דער לעצטער — בין איך גלייך פון סיביר געקומען אין חודש מאַי קיין קראָקע. כ'האָב געטראָפן

*) לעאָן וואַשילעווסקי: „יוזעף פּילסודסקי, ווי איך האָב אים געקענט" (וואַרשע, 1935, זייטן 117—122).

פיל אַלטע חברים, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אין דער עמיגראַציע. ווען כ'האָב זיי געזאָגט, אַז כ'וויל זיך צוריק נעמען צו אומלעגאַלער אַרבעט, אָבער פריער מוז איך זיך מישב־זיין מיטן חבר זשיוק, וואָס און ווי אַזוי צו טון, האָבן פיל פון זיי געענטפערט: „צו זשיוקן האָט איר נישט נאָך וואָס צו גיין, ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ סאָציאַליסט, ער מייסטרעוועט עפּעס אַ פּויליש מיליטער'' *).

פּילסודסקי האָט פאַר מאַלינאָווסקין נישט געלייקנט, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון סאָציאַליזם. „וואו — האָט ער געענטפערט מאַלינאָווסקין — זאָל איך מאַכן דעם סאָציאַליזם, אַז איך האָב נישט קיין באָדן — כ'האָב נישט קיין פּאָטערלאַנד?''**).

צוליב פּילסודסקיס מיליטערישער טעטיקייט האָט די „פּראַקציע'' דורכגעמאַכט אין יאָר 1912 אַ קריזיס: ס'האָט זיך פון איר אָפּגעשפּאָלטן אַ גרופּע קעגנער פון דער דאָזיקער אַרבעט מיט פּעליקס פּערלען בראָש („פּ. פּ. ס.־אָפּאָזיציע''). ערשט די מלחמה האָט צוריק שלום־געמאַכט צווישן ביידע צעריסענע גרופּן און ביידע האָבן זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פונם קאָמענדאַנט, דעם אַמאָליקן חבר זשיוק***).

אָבער זשיוק האָט שוין דאַן געשפּילט גאָר אַן אַנדער ראָל. אַנשטאָט סאָציאַליסטישע אַרטיקלען און פּראָקלאַמאַציעס, האָט זשיוק דאַן שוין געשריבן כמעט בלויז מיליטערישע באַפעלן; אַנשטאָט סאָציאַליסטישע רעדעס, האָט ער דאַן שוין באַנוצט די שפּראַך פון מיליטערישער קאָמאַנדע.

שפּעטער — מיט פיל יאָרן שפּעטער, שוין אַלס מאַרשאַל פון

---

*) מ אַ ר י אַ ן מ אַ ל י נ אָ וו ס ק י („וו א ו י ט ע קיי''): „עטלעכע ווערטער וועגן אַ שטאַרקן מענטשי'' („פּראָנט ראָבאָטניטשיי'' פון 26 מאַי 1935).

**) דאָרט.

***) י. ק ז ש ע ס ל אַ וו ס ק י: „די געשיכטע פון דער פּ.פּ.ס. אָנהויבנדיק פון יאָר 1904 ביזן אויסברוך פון וועלט־קריג אין יאָר 1914'' (זאַמלבוך: „40 יאָר פּ. פּ. ס.'', זייטן 99 און ווייטער).

אומאָפּהענגיקן פּוילן — האָט פּילסודסקי בעת איינער פון זיינע רעדעס אַזוי זיך כאַראַקטעריזירט:

„מיינע הערן! כ׳בין אַ זעלנער און כ׳זאָג אייך אָפן, אַז כ׳האָב ליב די קריג־זאַוויערוכע, אין וועלכער כאַראַקטערן ווערן אָדער צעריבן ווי גלאָז, אָדער פאַרהאַרטעוועט, ווי שטאָל״*).

אַלס אַזעלכער איז ער שפּעטער טאַקע באַרימט געוואָרן אין דער ברייטער וועלט. שרייבנדיק וועגן זיינע באַגעגענישן מיט פּילסודסקין, זאָגט וועגן דעם דער באַקאַנטער ענגלישער פּובליציסט וויקעם סטיד.

„וועגן מענטש גופא — שרייבט סטיד איינדרוקן וועגן דער עפּאָכע פון דער מאַי־איבערקערעניש אין פּוילן — האָט מען גאָרנישט געוואוסט אויסער דעם, אַז ער איז אַ פעיקער און אַנטשלאָסענער כאָטש נישט־געשולטער זעלנער״ **).

---

*) פון מאַרשאַל פּילסודסקיס אַ רעדע אין סוואַלק, דעם 13־טן סעפּטעמבער 1919 (ציטירט לויט דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַיי פון 6־טן אויגוסט 1935).

**) וויקעם סטיד: „יוזעף פּילסודסקיי („וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקעיי נומער 23 פון 9 יוני 1935, זייט 1).

10

גלויבן אין זיך

נאָכן טויט פון מאַרשאַל פּילסודסקי האָבן אַ ריי פּוילישע צייטונגען איבערגעדרוקט אַן אינטערוויו פון אַמאָליקן רוסישן רעוואָלוציאָנער בורצעוו וועגן פּילסודסקין, מיט וועלכן בורצעוו האָט זיך באַקענט אין דער מאָסקווער תּפיסה בוטירקי, פון וואַנען מען האָט זיי ביידע — פּילסודסקי איז דאַן אַלט געווען 20 יאָר — געזאָלט אָפּשיקן קיין סיביר (אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר עס שוין דערמאָנט פאַרבייגייענדיק).

צווישן אַנדערן כאַראַקטעריזירט בורצעוו פּילסודסקין אַט אַזוי:

„מען האָט קיינמאָל נישט געהערט, ער זאָל זאָגן: מאַרקס שרייבט אַזוי און אַזוי, דאַרווין האַלט דאָס און דאָס. ער פלעגט תּמיד אָפּעריִרן מיט זיינע אייגענע געדאַנקען. ער פלעגט זאָגן: איך אַליין בין פאַר זיך אַן אויטאָריטעט״.

דאָס איז איינער פון פּילסודסקיס גרונטשטריכן. נישט נאָר ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיך אַליין, נאָר ער פלעגט תּמיד אַמליבסטן אַליין אַלץ באַשליסן, אַליין טון. וואָס ענגער דער קרייז מיטאַרבעטער אַלץ געשמאַקער פלעגט ער אָפּטמאָל אַרבעטן און הנאה האָבן פון דער אַרבעט.

איינער פון די עלטסטע פּ.פּ.ס.־ישע טוער קאַזימיעזש פּיעטקעוויטש („פּאַקיר״), וועלכער האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט פּילסודסקין אין די ערשטע צענטראַל־קאָמיטעטן פון דער פּ. פּ. ס., דערציילט אַטרוואָס, ווי אַזוי פּילסודסקי פלעגט ליב האָבן — ס׳האַנדלט זיך וועגן יאָר 1894 — זיך אויסצודריקן וועגן זיך און פּיעטקעוויטשן:

„2) זענען מיר סך־הכל — פלעגט זאָגן פּילסודסקי — און מיר האָבן שוין אַזויפיל אויפגעטון. מיר האָבן דאָס שוין איינמאָל שטאַרקע פּלייצעס"*).

זייער נישט גערן פלעגט ער טרויען אַנדערע וואָסער נישט איז וויכטיקע, פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציע.

אַט, למשל, פאַרבונדן זיך אין יאָר 1904 אונטערהאַנדלונגען צווישן דער פּ. פּ. ס. און דער יאַפּאַנישער רעגירונג, וועלכע איז דאַן געשטאַנען אין קריג מיט רוסלאַנד. מצד דער פּ. פּ. ס. זענען געווען די פאַרשידנסטע פּראָיעקטן: וועגן שאַפן אַ פּוילישן לעגיאָן צווישן די געפאַנגענע רוסיש־פּוילישע זעלנער, וועגן באַקומען פון דער יאַפּאַנישער רעגירונג געלט און געווער אויף איינלענדישער דיווערסיע קעגן דער צאַרישער רעגירונג א. ד. גל.

די יאַפּאַנישע רעגירונג האָט נישט געהאַט ברעה זיך אריינ־צולאָזן אין אַזעלכע פּלענער און זי האָט זיך געוואָלט באַגרענעצן בלויז צוליב דעם, אַז פּ. פּ. ס. זאָל איר צושטעלן מיליטערישע איינ־פאָרמאַציעס וועגן צאַרישן רוסלאַנד.

ווען ס'איז רייף געוואָרן דער מאָמענט פאַר דירעקטע גע־שפּרעכן מיט דער יאַפּאַנישער רעגירונג, איז פּילסודסקי אַליין — אין באַגלייטונג פון לאַנדאַנער פּ. פּ. סישן טוער טיטוס פיליפּאָ־וויטש — אָפּגעפאָרן קיין טאָקיאָ.

„כ'האָב געקענט מסכים־זיין — האָט פּילסודסקי געשריבן וועגן דעם אין זיינע שפּעטערדיקע מעמואַרן (שוין אַלס מאַרשאַל פון אומאָפּהענגיקן פּוילן) — אַז אַנדערע מענטשן זאָלן פאָרן, אָבער כ'האָב באַשלאָסן אַליין צו פאָרן. כ'האָב דאָס געטון דער־פאַר, ווייל כ'האָב נישט געקענט זיך נישט משער זיין, אַז דער וואַרשיינלעכסטער איינהאַלט פון דאָזיקן געשפּרעך (אין טאָקיאָ — פּ. ש.) וועט זיין די פראַגע וועגן צושטעלן דער יאַפּאַנישער מלוכה אינפאָרמאַציעס פון מיליטערישן כאַראַקטער, און אין אַזאַ דראַס־

*) ק. פּיעטקעוויטש: „עטלעכע ווערטער וועגן די פּ. פּ.־סישע און פאַר־פּ. פּ.־סישע צייטן" (וואַרשע, 1923, זאַמל־בוך לכבוד דעם 30־יעריקן יובילעאום פון פּ. פּ. ס., זייט 38).

טישער פראגע האָב איך קיינעם נישט געוואָלט געבן קיין פול־מאכטן"*).

און אביסל ווייטער: „כ'האָב זיך גלייך אנטשלאָסן, אז כ'קען מסכים־זיין צו אָרגאַניזירן אַן אינפאָרמאַציע־דינסט נאָר אין דעם פאַל, אויב יאַפּאַן וועט מסכים זיין מיר צו געבן טעכנישע הילף אין געווער און קוילן"**)...

ענלעך איז אויך געווען די זאַך מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען פּילסודסקי — דעמאָלט שוין אַלס פירער פון די ערשטע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס — האָט זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן עסטרייכישן גענעראַל־שטאַב. אַפילו די נאָענטסטע מענטשן האָבן נישט געוואוסט וועגן וואָס פּילסודסקי האָט גערעדט מיט די פאָרשטייער פון גענעראַל־שטאַב. ד אַ ש י נ ס ק י, למשל, איז זיך בלויז משער, אַז פּילסודסקי האָט אנטפּלעקט פאַר די עסטרייכישע אָפיצירן נישט איין רוסישן מיליטערישן סוד, וואָס איז פאַר זיי געווען אַ רעוועלאַציע. אַפילו ער, דאַשינסקי, וועלכער האָט צוזאַמענגעפירט פּילסודסקין מיט די פאָרשטייער פון גענעראַל־שטאַב האָט גאָרנישט געוואוסט וועגן אינהאַלט פון פּילסודסקיס גע־שפּרעכן מיט זיי. מאַרשאַל פּילסודסקי אַליין באַשטעטיקט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט מיטגעטיילט דאַשינסקין וועגן עצם פון זיינע, פּילסודסקיס באַציונגען מיטן עסטרייכישן גענעראַל־שטאַב***).

נאָך בולטער איז די דאָזיקע נטיה געקומען צום אויסדרוק בעת איינער פון זיינע גרויסע פּאָליטישע רעדעס אין יאָר 1922. ער האָט דאַן דערקלערט:

„כ'האָב קיינמאָל נישט געקענט זיך אַן עצה־געבן מיט די שוועריקייטן, וועלכע פלעגן אנטשטיין צוליבן רעגירן מיט דער

---

*) י ו ז ע ף פּ י ל ס ו ד ס ק י: „היסטאָרישע אויסבעסערונ־גען" (וואַרשע, 1931, זייטן 24—25).

**) דאָרט.

***) דאָרט, זייט 39.

הילף פון איינפלוסן. כ'האב נישט געקענט פארטראגן קיין אויפזיכט''*).

דאס, אז ער וועט אמאל רעגירן איבער פוילן, איז פאר אים געווען א זאך, אין וועלכער ער האט כמעט ווי נישט געצווייפלט.

איינער פון פילסודסקיס נאענטסטע מענטשן בעתן וועלט־קריג, דער היסטאריקער אַרטור שליווינסקי, דערציילט וועגן פילסודסקין פון יאר 1917:

,,אין דער נאכט פון 21 אויפן 22 יולי האט ער אין דער אנוועזנהייט פון סאקאלניצקין, סאסנקאווסקין, סלאוועקן און מייער — רעדנדיק וועגן דעם, וואס ס'איז געשען די לעצטע חדשים — פארויסגעזען, אז מען וועט אים אינגיכן ארויסשיקן אין א געפאנגען־לאגער. נאך מיט א יאר צוריק, איז ער געווען איבערצייגט, וואלט די זאך זיך קורץ פארענדיקט — פארן קריגס־געריכט. אָבער איצט זענען די דייטשן שוין צו שוואך זיך צו אנטשליסן אויף אזא שריט. זיי וועלן צוליב דעם זיך באגנוגענען מיט אן ארעסט. אָבער דערדאזיקער ארעסט וועט לאנג נישט דויערן. און נאך האט דער ,,קאמענדאנט'' דאן געזאגט, אז דייטשלאנד וועט פארשפילן די מלחמה, און דאן וועט ער צוריק זיין פריי, און ער וועט זיך אומקערן קיין ווארשע, אָבער שוין אלס דיקטאטאר''**).

(מיט עטלעכע שעה שפעטער, ביינאכט, האבן די דייטשן טאקע ארעסטירט פילסודסקין און אים אפגעפירט קיין מאגדעבורג).

---

*) יוזעף פילסודסקי: ,,שריפטן, רעדעס, באפעלן''. באנד 5, זייט 326 (רעדע אין טאג פון 4 דעצעמבער 1922, פאר וואס ער וויל נישט אננעמען דעם אמט פון פרעזידענט).

**) אַרטור שליווינסקי: ,,פון מיינע פערזענלעכע דערינערונגען'' (זע דאס זאמלבוך ,,די אידייע און דער אויפטו פון מארשאל פילסודסקי'', ווארשע, 1934, זייט 117).

11

מיסטיק

אין פילסודסקיס נשמה האָבן געמוזט זיין טיף איינגעוואָרצלט זיינע קינדערישע טרוימען וועגן הערשאַפט און מאַכט. פון צייט צו צייט רעדט ער וועגן זיי ווי וועגן דער נאַטירלעכסטער זאַך.

באַזונדערס האָט פילסודסקי ליב געהאַט צו דערציילן וועגן א באַגעגעניש, וואָס ער האָט געהאַט יינגערהייט אין סיביר, ווען ער איז דאָרט געווען אויף פאַרשיקונג.

אַמאָל, נישט האָבנדיק וואָס צו טון, איז ער אַוועק צו א ציגיינערין, וועלכע פלעגט זיך פאַרנעמען מיט טרעפעריי.

ס'האָט זיך מיר פאַרוואָלט — האָט פילסודסקי אַמאָל דערציילט וועגן דעם זיין אַדיוטאַנט — א קוק טון אין דער צוקונפט. „זאָג נביאות, באָבע" — האָב איך געזאָגט. די ציגיינערן האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. זי האָט גענומען מרוקען, פרעפלען און לסוף האָט זי מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט. אָבער ווען זי האָט א קוק געטון אויף דער האַנט־פלאַך, האָט איר פנים זיך אויסגעקרומט פון שרעק צי גאָר פון פאַרוווּנדערונג. זי האָט בלויז אויסגערופן „будеш царём!" און זי איז אַנטלאָפן"*).

מאַדאַם יאַדוויגאַ מיכאַלאָווסקאַ האָט אין יאָר 1924 אַמאָל אים געטראָפן פון דער האַנט, און — ווי זי דערציילט — איז אויך מיט איר געשען אַן ענלעכע געשיכטע, ווי מיט יענער ציגיינערין.

„כ'האָב גענומען — דערציילט זי — די רעכטע האַנט און

*) מ. ב. לעפעצקי: „יוזעף פילסודסקי אין סיביריי (וואַרשע, 1936, זייט 113).

כ'האָב אינסטינקטיוו זי גליַיך אַ וואָרף געטון פון זיך. כ'האָב דאָרט דערזען אויפן קלאָרסטן אופן (מיר דאַרף מען דאָך עס נישט אויסטיַיטשן), אַז כ'האָב פאַר זיך די פאַרקערפּערטע מאַכט און אומבאַזיגבאַרע קראַפט. זי האָט מיך צוגעדרוקט — כ'האָב מיך פּלוצלינג דערפילט אַנטקעגן איר ווי אַ גאָרנישט. און דאָס איז די האַנט פון זעלבן מענטש! מיט דיַיטלעכע שטריכן שלאָגט פון איר גרויסקייט, גענ יאַלקייט און אַן אומגעהויערע קראַפט!"*).

אויב מען זאָל גלייבן דערדאָזיקער דאַמע, האָט איר דאַן פּיל-סודסקי דערציילט די דערמאָנטע סיבירער געשיכטע (אין אַ צווייטן וואַריאַנט). זי דערציילט וועגן דעם אַזוי:

„שוין ס'צווייטע מאָל אין לעבן — האָט פּילסודסקי געזאָגט — באַגעגנט מיך אַזאַ באַציִונג צו מיין רעכטער האַנט. וואָס האָט איר אויף איר געזען? — כ'בעט זאָגן.

אָבער כ'האָב פון זיך נישט געקענט אַרויסבאַקומען קיין וואָרט.

— אויב איר קענט מיר נישט זאָגן דאָס, וואָס איר האָט געזען, וועל איך אייך דערציילן**).

און מאַרשאַל פּילסודסקי האָט איר גענומען דערציילן, אַז אין סיביר האָט ער אַמאָל פאַרשפּילט אַ וויינענדיק קינד פון אַ בוריאַטקע, ביי וועלכער ער פלעגט תמיד קויפן מילך. די בוריאַטקע האָט אים דערפאַר אָפּגעדאַנקט מיט טרעפן פון דער האַנט און געזאָגט האָט זי אים 2 ווערטער: „Ц рь буд ш"***)

מיר דערציילן דאָ איבער די דאָזיקע געשיכטע, ווייל זי איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען און פאַרינטערעסי-רונגען פון מאַרשאַל פּילסודסקי אין אַלע זיינע יאָרן. נישט נאָר האַנט-טרעפעריי, נאָר אויך אַ רייע אַנדערע אייגנאַרטיקייטן פון דעם מין האָבן אים שאַרף אויסגעטיילט פון אַלע אַרום אים.

*) יאַדוויגאַ מיכאַלאָווסקאַ: „זיינע הענט" („קור-יער פּאָראַנניי" פון 23־טן מאַי 1935).
**) דאָרט.
***) דאָרט.

צמח קאַפּעלזאָן
(זע זייט 87)

וול. קאָסאָווסקי
(זע זייט 155)

פּיאָנערן און פירער פון „בונד“, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט א ר ק א ד י ק ר ע מ ע ר ן אָנגעפירט מיטן פּאַרטיידיקונג-קאַמף פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן און פון „בונד“ קעגן דער פּ. פּ. ס.

ווער, למשל, ווייס נישט וועגן דער מיסטישער באַציונג פון פּילסודסקין צו דער ציפער „13"?

דערדאָזיקער מיסטיציזם איז אַ פאַקט און ציען ציט ער זיך נאָך פון די צייטן, ווען פּילסודסקי האָט געהערט צו דער פּ. פּ. ס.

אַמאָל — דערציילט מען — איז אין קראָקע, אין לאָקאַל פון דער פּ. פּ. ס. אויף שעווסקע גאַס, פאָרגעקומען עפּעס אַ זיצונג, אויף וועלכער מען האָט פאַרטיילט אַמטן לויט אַ גורל. פּילסודסקי, דערציילט מען, האָט אַרויסגעצויגן אַ „פּערציִן" און ער האָט זיך נישט געקענט מוחל־זיין. ער איז געווען זייער דאַנקבאַר איינער פון די אָנוועזנדיקע, איינער ס ו כ אַ ז ש ע ו ס ק אַ, וועלכע האָט אים אָפּגעטרעטן דעם נומער ד ר י י צ ן, וואָס זי האָט אַרויס־געצויגן...

צווישן פּילסודסקיס נאָענטע מענטשן ווייסט מען צו דער־ציילן, אַז אין האָטעלן פלעגט ער זיך הייסן געבן דעם צימער נומער 13 (אַזוי איז געווען אין זשענעוו אין יאָר 1927, ווען ער איז געפאָרן צו דער סעסיע פון דער פעלקער־ליגע)*). אַלע וויכ־טיקסטע זאַכן פלעגט ער אָפּטון דעם דרייצנטן טאָג פון חודש א. א. וו.

נישט נאָר דער מאַרשאַל אַליין, נאָר אויך זיין גאַנצע סביבה האָט געטיילט דעם מאַרשאַלס גלויבן אין דערדאָזיקער ציפער. ביז היינט ווייזט מען אָן דערויף, אַז צווישן אַנדערן האָט די איבער־קערעניש פון יאָר 1926 זיך אָנגעהויבן דעם 13 מאַי און אַז דעם 13־טן מאַי 1935 איז מאַרשאַל פּילסודסקי געשטאָרבן.

---

*) ק אָ נ ר אַ ד ו ז ש אָ ס: „דער מאַרשאַל אין ציוויל", („אילוסטראָוואַני קוריער צאָדזשענניי" פון 27־טן מאַי 1935).

12

ספּיריטיזם

נאָך אינטערעסאַנטער זענען מאַרשאַל פּילסודסקיס ספּיריטיסטישע נייגונגען. און ווידעראַמאָל: נישט נאָר ער אַליין, נאָר די גאַנצע סביבה אַרום דעם מאַרשאַל האָט געגלויבט, אַז ער פאַרמאָגט איבערנאַטירלעכע אייגנשאַפטן.

אַזוי דערציילט גען. וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי, אַז אַלס לעגיאָנען־אָפיציר האָט ער און נאָך עטלעכע פּערזאָן (סאָסנקאָווסקי, קאַרען־באַנדראָווסקי, ד״ר רופּפּערט א. אַ.) בייגעוואוינט אין די אָקאָפּעס אַ ספּיריטיסטישן סעאַנס פון לעגיאָנען - קאָמענדאַנט פּילסודסקי.

עפּעס איינמאָל אין אַ שטימונגספולן דעצעמבער־אָוונט נאָך אַ געשפּרעך וועגן טויט און לעבן, וועגן דער וועלט און יענער וועלט, האָט דער „קאָמענדאַנט” זיך אַנטשלאָסן אויף אַ סעאַנס. ביי אַן אַלגעמיינער שטילקייט האָט ער זיך אָפּגערופן אויף רוסיש:

— Вот пришелбы к нам какой нибудь русский генерал. Поговорилибы мы с ним по душам *)

וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי און נאָך אַ גאַליציאַנער, חאָבראַדזשיצקי, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען רוסיש, זענען געזעסן איבער אַ טעלערל, וועלכעס האָט זיך געדרייט איבערן אויסגעשריבענעם אַלפאַבעט, אָפּשטעלנדיק זיך אַלעמאָל ביי אַ צווייטן אות. סאָסנקאָווסקי האָט נאָטירט די אותיות און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער מיט טריומף איבערגעלייענט די באַקומענע אויפשריפט:

---

*) זאָל קומען צו אונז עפּעס אַ רוסישער גענעראַל, וואָלטן מיר געהאַט מיט אים אַ פריינטלעכן געשפּרעך.

— Здесь генерал Линевич *)

לכתחילה — דערציילט וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי — האָט דער אַרויסגערופענער „גייסט" זיך אָפּגעזאָגט צו רעדן מיט פּילסודסקין, באַהאַנדלענדיק אים, ווי אַ פּאַרדעטער, ווייל אַלס רוסישער בירגער האָט ער נישט געדאַרפט קעמפן קעגן צאַר. שפּעטער אָבער האָט דער „גייסט" באַוויליקט צו געבן אַן ענטפער אויף איין איינציקער פראַגע, וואָס פּילסודסקי וועט אים שטעלן במחשבה, און נאָכדעם, ווי ס'טעלערל האָט געמאַכט אַ רייע באַוועגונגען אַרום פאַרשידענע אותיות — פּילסודסקי אַליין האָט צוגעלייגט די האַנט צום טעלערל און דערמיט פאַרשטאַרקט דעם „טראַנס" — איז עס אַראָפּגעפאַלן פון טיש און צעבראָכן געוואָרן. סאָסנקאָווסקי האָט איבערגעלייענט אַלע פאַרנאָטירטע אותיות, לויט וועלכע ס'איז אויסגעקומען, אַז דער „גייסט" האָט זיי געוואָרנט פאַר אַ שלאַכט, וואָס וועט אויסברעכן דעם ערשטן טאָג פון די וויינאַכטן, און — ווי וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי פאַרזיכערט — איז טאַקע די שלאַכט אויסגעבראָכן לויט אַלע סמנים, וואָס דער „גייסט" האָט אָנגעגעבן פּילסודסקין בעתן ספּיריטיסטישן סעאַנס**)...

ענלעכע געשיכטעס האָט מאַרשאַל פּילסודסקי אַליין דערציילט דעם פּראָפ. יאַשינסקי, אַ באַקאַנטן דאָקטאָר, מיט וועלכן ער פלעגט זיך אָפט באַגעגענען אין דרוסקעניק. איינמאָל האָט ער געזאָגט דעם פּראָפ. יאַשינסקי, אַז ער קאָנטאַקטירט זיך מיט די גייסטער פון זיינע געפאַלענע זעלנער. אַ צווייט מאָל האָט ער אים פאַרזיכערט, אַז אַ גייסט האָט אים שוין אַמאָל אויף זיין באַפעל אַרויפגעלייגט אין בעלוועדער שוועבעלעך אויפן שרייבטיש, בעת ער

*) „דאָ איז דער גענעראַל ליניעוויטשיי (אַ פּאָליאַק פון אָפּשטאַמונג, געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי, געהערט צו די אָנגעזעענסטע גענעראַלן אין רוסיש־יאַפּאַנישן קריג).

**) באָל. וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי: „אַ סעאַנס אויפן פראָנטיי („שוויאַטאָווידיי", 1932, נומער 52).

האָט אַמאָל בײַנאַכט שטאַרק געוואָלט רײַכערן און ס'האָבן אים גראָד געהאַט אויסגעפעלט שוועבעלעך*)...

„ער האָט אויסגעדרוקט — דערציילט פּראָפ. יאַשינסקי — זיין טיפן גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אן איבערנאַטירלעכער וועלט און ער האָט דערציילט עטלעכע שטוינענדיקע פאַלן פון זיין קאָנטאַקט מיט דער דאָזיקער וועלט. מיט זיין פאַסצינירנדיקער רעדנער־קראַפט האָט ער אויך באַוויזן, אז ער באַזיצט א מאַכט איבער דעם היינטערבאַוואוסטזיין און אז ער — פאַרן פּרייז פון גרויסער און מאַטערנדיקער אָנשטרענגונג — קען ער אים נישט נאָר צווינגען צו אַרבעטן, נאָר אויך צו סיגנאַליזירן געשעענישן, וואָס קומען פון דער צוקונפט"**).

גען. וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי דערציילט, אז איינמאָל, ווען ער האָט געוואוינט א פּאַרטיע שאָך ביי א צווייטן אָפיציר (ס'איז געווען אויפן פראָנט, אין די לעגיאָנען), האָט פּילסודסקי, וועלכער איז געשטאַנען הינטער אים, זיך אָפּגערופן:

„איר ווייסט, וויעניאַוואַ, אַבסערווירנדיק אייער שפּילן, האָב איך געמאַכט א קאָמישע פעסטשטעלונג. פאַר יעדער באַוועגונג אייערער, האָב איך צו זיך געזאָגט אין געדאַנק: וויעניאַוואַ דאַרף טון דאָס און דאָס, און יערעס מאָל האָט איר אָן שום טעות אזוי געהאַנדלט, ווי איך האָב עס געהאַלטן פאַר נויטיק און גע־ווינשן"***).

גען. וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי דערציילט, אז ער האָט אמאָל געפרעגט דעם מאַרשאַל פּילסודסקי, פאַרוואָס ער לייגט פּאַסיאַנסן אָפטמאָל אין די שווערסטע פּאָליטישע מאָמענטן. דער מאַרשאַל

---

*) פּראָפ. יאַשינסקי: דערינערונגען אין זשורנאַל „קוריער מעטאַפּסיכיטשניי" (ציטירט לויט דער פּרעסע).

**) דאָרט.

***) באָל. וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי: „מאַרשאַל פּילסודסקי אין פּריוואַטן לעבן און אין לאַגערי" („איל־לוסטראָוואַני קוריער צאָדזשענניי" פון 2 יאַנואַר 1931).

האָט אים דאָן — ווי ס'דערציילט גען. וויעניאַוואַ — געענטפערט:

„טייערער אולאַנער און דאָקטאָר! כ'ווייס נישט, צי זאַלבע־צווייט האָט איר שוין באַוויזן צו באַמערקן, אַז דער רבונו־של־עולם האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ גרויסער אינטואיציע. איך אַליין האָב עס שוין לאַנג זיך קלאָר־געמאַכט. איר ווייסט, מסתמא, אַז צווישן אינטואיציע, צווישן די איבערבאַוואוסטזיניקע פעאי־קייטן פונם מענטש, און זיין באַוואוסטזיניקן אינטעלעקט, איז פאַראַן אַ געוויסע קעגנערשאַפט. באַוואוסטזיניקע מוח־אַרבעט העמט די אינטואיציע. ס'איז אַ פאַקט, וואָס איז פון לאַנג שוין באַקאַנט אַלע פסיכאָלאָגן. פון לאַנג שוין באַנוצן זיך טאַקע די מענטשן מיט פאַרשידענע פאָרטלען און שפיצלעך צו באַפרייען, צו לאָזן אין באַוועגונג די אינטואיציע. איינע דערגרייכן דעם געווינטשטן רעזולטאַט דורך קאָנטעמפּלאַציע, אַנדערע — דורך תפילה. דאָס קוקן אין איין פינטל, דאָס איבערדרוקן מיט די הענט פאַ־טשערקעס פון ביין אָדער בורשטין, ס'מעכאַנישע איבערחזרן געוויסע ווערטער איז טיילמאָל גענוג אויף איינצושלעפערן דעם באַוואוסטזיין. אָבער מיין מוח, מיין אינטעלעקט איז צו רירעוודיק, אַז אַזעלכע מיטלען זאָלן קענען אָפּשטעלן זיין אַרבעט. כדי אים פונדעסטוועגן צו באַזייטיקן פון אינטערווענץ, וועלכע כ'האַלט אין געוויסע מאָמענטן פאַר שעדלעך, פאַרנעם איך אים מיט פאַ־סיאַנסן, און כ'צווינג אים צו לייזן געוויסע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס, וואָס טרעפן זיך אין דאָזיקן שפּיל. בשעת־מעשה אַרבעט פריי און אומגעשטערט מיין אינטואיציע. אָבער ווען איר אַרבעט ענדיקט זיך, ווען ס'ווערן שוין רייף אין מיר געוויסע באַשלוסן, ווען ס'קומט די צייט צו טראַכטן וועגן זייער רעאַליזירונג, וועגן דער טעכניק פון דעם, וועגן די פרטים — דאַן וואַרף איך אַוועק די קאָרטן און כ'רוף אַרויס די באַוואוסטזיניקע פונקציעס פון מיין אינטעלעקט צו דער אַרבעט, וואָס פּאַסט זיך פאַר זיי. צום סוף פון דער דאָזיקער אויפקלערונג קען איך אייך נאָך גאַראַנטירן, אַז נישט איינמאָל פלעג איך זיך אַנטשליסן אויף מעשים, פאַר וועלכע נישט איין מענטש וואָלט זיך צוריקגעצויגן, אויך צוליב

דעם, ווייל כ׳פלעג פון פאַראויס האָבן די זיכערקייט אָדער כמעט די זיכערקייט פון דערפאָלג״*).

צווישן די מיליטער־לייט פון דער ברייטער וועלט, איז די פּאָזיטיווע באַציאונג צום ספּיריטיזם שטאַרק פאַרשפּרייט. אָט דערציילט קאַרל ראַדעק, אַז דער פראַנצויזישער מאַרשאַל זשאָפר האָט אויך געגלויבט אין חלומות, מעדיומס און ספּיריטיזם**)...

*) דאָרט.

**) קאַרל ראַדעק: „אַ געשפּרעך מיט אַן אויסלענדישן מיליטערישן ספּעציאַליסט וועגן דער רויטער אַרמיי״.

13

געשעענע פאקטן

אין די ערשטע טעג פון חודש אויגוסט 1914 איז איבער גאנץ גאליציע פארשפרייט געווארן פאלגנדיקע פראקלאמאציע:

פאליאקן!

אין ווארשע האט זיך געשאפן א נ א צ י א נ א ל ע ר ע ג י ר ו נ ג. ס'איז דער פליכט פון אלע פאליאקן סאלידאר זיך צו זאמלען אונטער א י ר מאכט. אלס קאמענדאנט פון די פוילישע מיליטערישע קרעפטן איז נאמינירט געווארן דער בירגער יוזעף פילסודסקי, וועמענס פארארדנונגען אלע דארפן פאלגן.

די נאציאנאלע רעגירונג

ווארשע, 3 אויגוסט 1914.

דער מאניפעסט פון דער ווארשעווער „נאציאנאלער רעגירונג" איז אראפגעפאלן אויף גאליציע, ווי א דונער פון הימל. ווען איז די דאזיקע רעגירונג געגרינדעט געווארן? פון וועמען איז זי באשטאנען?

דאס קלערט אונז אויף ל ע א ן וו א ש י ל ע וו ס ק י, איינער פון פילסודסקיס נאענטסטע מיטארבעטער אין יענע יארן, דער מחבר פון דערמאנטן מאניפעסט:

„ווען — דערציילט ער — מיר זענען, נאך יענער זיצונג פון קאמיטעט פון פעדערירטע אומאפהענגיקייט־פארטייען געבליבן אין ענגן „אייגענעם" קרייז אין וואלערי סלאוועקס וואוינונג אויף דו־

נאַיעוסקעגאָ־גאַס, האָט דער קאָמענדאַנט ראשית־כּל מיר פאָרגעשלאָגן, אַז כ׳זאָל אָנשרייבן אַן אויפרוף פון יענער „נאַציאָנאַלער רעגירונג" און כ׳זאָל לאָזן מאַכן צו דעם אַ סטעמפּל מיט אַן אָדלער און אַנטשפּרעכנדיקער אויפשריפט.

אויף וויפל דאָס ערשטע איז געגאַנגען אָן שום שוועריקייטן, אויף אַזויפיל איז דאָס צווייטע נישט געווען קיין לייכטע זאַך. דער אויפרוף איז געוואָרן אָנגעשריבן און דער קאָמענדאַנט האָט אים אַקצעפּטירט. שפּעטער האָט מען אים קאָנספּיראַטיוו אָפּגעדרוקט אין דער „דרוקאַרניאַ לודאָוואַ" אויף אַ ספּעציעל אָפּגעקליבענעם פּאַפּיר. דעם שטעמפּל האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכן דער חבר ס ט אַ נ י ס ל אַ װ ש ע ד ל ע צ ק י, דער שפּעטערדיקער סענאַטאָר, וועלכער האָט טאַקע מיט דער הילף פון אַ געוויינלעכן טאַשן־מעסערל אויסגעקראַצט אין אַ ווייכן שטיין אַ געשיקט אָדלער מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקער אויפשריפט.

קיינער פון אונז האָט נישט באַרירט קיין שום פראַגן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט יענער „נאַציאָנאַלער רעגירונג" אין וואַרשע, כאָטש מיר האָבן זיך משער געווען, אַז דאָס איז געווען אַ נויטיקע — צוליב דער געשאַפענער לאַגע — מיסטיפיקאַציע. בפרט, אַז רעדנדיק וועגן דער דאָזיקער „רעגירונג", האָט דער קאָמענדאַנט געהאַט אַ גענוג שמייכלדיקן גלאַנץ אין די אויגן. מיר האָבן דאַן געהאַט גרענעצלאָזן צוטרוי צו דער אַקציע פון קאָמענדאַנט"*).

דאָס איז פאַר פּילסודסקין נישט געווען סתּם אַ מיסטיפיקאַציע. „איך האָב געהאַט — קלערט אויף פּילסודסקי אין איינער פון זיינע רעדעס שוין אין אומאָפּהענגיקן פּוילן — מיינעם אַ שטענדיקן פּרינציפּ פון שאַפן ג ע ש ע ע נ ע פ אַ ק ט ן, כּדי שפּעטער אַרויסצובאַקומען זייער אָנערקענונג „de jure"**)

אין הסכּם מיטן דאָזיקן טעטיקייטס־מעטאָד, איז געקומען די

---

*) ל ע אָ ן װ אַ ש י ל ע װ ס ק י: „יוזעף פּילסודסקי, ווי איך האָב אים געקענט" (זייטן 129—130).

**) י ו ז ע ף פ י ל ס ו ד ס ק י: „שריפטן, רעדעס, באַפעלן" (וואַרשע, 1930, זעקסטער באַנד, זייט 201).

מיסטיפיקאַציע מיט דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג". פּילסודסקי האָט תמיד זיך פאָרגעשטעלט, אַז כדי אַן אויפשטאַנד זאָל האָבן דערפאָלג, מוז פּראָקלאַמירט ווערן אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג.

„אויף אַדורכצופירן אַ רעוואָלוציע — האָט ער געהאַלטן שוין אין יאָר 1910 — זענען נישט גענוג די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס. ס'מוז געשאַפן ווערן אַ רעגירונג, וועלכע זאָל פאַרמולירן איר באַציונג צו אַלע פאַקטאָרן, וואָס עקזיסטירן אויפן באַהערשטן דורך איר געביט" און „די ערשטע פליכט נאָכן שאַפן די רעגירונג איז צו פּראָקלאַמירן, אַז אַזאַ רעגירונג עקזיסטירט"*).

אַזוי האָט זיך פאָרגעשטעלט פּילסודסקי דעם אויסברוך פון אויפשטאַנד קעגן צאַריזם אין פּוילן. אָבער ווען ס'איז געקומען דער מאָמענט, וועלכן ער, פּילסודסקי, האָט געהאַלטן פאַר פּאַסיק אויף צו פּראָקלאַמירן דעם אויפשטאַנד, האָט ער נישט געהאַט אונטער זיך אַזאַ אָרגאַניזירטן כּוח, וואָס זאָל רעאַליזירן דעם פּלאַן פון יאָר 1910 — זיך פּראָקלאַמירן אַלס „נאַציאָנאַלע רעגירונג". אָבער צוליב דעם אויפגעבן דעם פּלאַן גופא האָט פּילסודסקי נישט געוואָלט. אויב ס'איז אויף אַן אמת נישט אַנטשטאַנען אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וואָס זאָל צוגעבן די לעגיאָנען איר אויטאָריטעט, איז נייטיק צו מיסטיפיצירן דאָס לאַנד — עס צו שטעלן פאַר ג ע ש ע ע נ ע פ אַ ק ט ן.

דער דאָזיקער גרונט־שטריך אין פּילסודסקיס טאַקטיק איז געקומען צום אויסדרוק פיל מאָל פאַר דעם און נאָך דעם. אַזוי, למשל, האָט פּילסודסקי אויך געהאַנדלט מיט ווילנע, ווען גענ. זשעליגאָווסקי האָט פאַרנומען די דאָזיקע שטאָט.

„בעת דער גאַנצער צייט פון באַהאַנדלען דעם ענין־ווילנע — דערציילט פּילסודסקי אין איינער פון זיינע רעדעס אין אויגוסט 1923 — האָב איך זיך באַמיט צו שאַפן פּרימאַ ג ע ש ע ע נ ע פ אַ ק ט ן, וועלכע האָבן געצילט צוזאַמענצובינדן די דאָזיקע ערד מיט פּוילן, סעקונדאַ — איבעראַרבעטן דעם שטאַנדפּונקט פון

---

*) דאָרט, דריטער באַנד, 346—345 („די פּראַקטישע אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע").

דער גאַנצער וועלט, וועלכע פאַרבינדט דאָס דאָזיקע לאַנד מיט רוסלאַנד״.*).

,,דעמאָלט — זאָגט פּילסודסקי אין דערזעלבער רעדע — אין יאָר 1920, זענען געקומען די מיליטערישע מיסדערפאָלגן. די אַר־בעט האָט זיך אָפּגעשטעלט. צוזאַמען מיט די מיליטערישע מיס־דערפאָלגן זענען געקומען אויך פּאָליטישע דורכפאַלן. ווען דער צד שכנגד האָט אונז פאַרגעשלאָגן אַן אויסגלייך, האָט מען אין ספּאַ גערעדט וועגן טעריטאָראַלע באַגרענעצונגען, לויט וועלכע מיר וואָלטן געדאַרפט אָפּגעבן נישט נאָר ווילנע, נאָר אויך בריסק. הינטער אונזערע פּלייצעס איז אפילו געפאַלן אַ באַשלוס, אַז ווילנע ווערט אָפּגעגעבן ליטע. מיט די דאָזיקע באַשלוסן האָב איך גע־האַט צו טון ביי מיין נייער אַרבעט. מען האָט געדאַרפט שאַפן נייע געשעענע פאַקטן. דעמאָלט איז געקומען די אַקציע פון גען. זשעליגאָווסקי, וועלכער איז אַרויסגעטרעטן אונטער מיין אָנפירונג און אויף מיין בפירוש באַפעל. כ׳קען דאָס דרייסט זאָגן, ווייל אַרויסגייענדיק פון בעלוועדער האָב איך דאָס דייטלעך געזאָגט די פאָרשטייער פון די גרויסע מלוכות. כ׳האָב נישט גע־וואָלט, אַז די דאָזיקע זאַך זאָל אין זייערע אויגן שאַטן ברענגען דעם גען. זשעליגאָווסקי״**).

---

*) דאָרט, זעקסטער באַנד, זייט 204.

**) דאָרט, זייט 203. די עצם־אַקציע פון גען. זשעליגאָווסקי איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט געמאָלדן זיין שעף, דעם פי־רער פון דער דעמאָלטיקער דריטער אַרמיי, אַז ער רייסט איבער זיינע פאַרבינדונגען מיט דער פּוילישער אַרמיי און מאַרשירט אָפּ קיין ווילנע, וואו די באַפעלקערונג איז אויפגעשטאַנען קעגן די ליטווינער. דער פּוילישער דיפּלאָמאַט אַ ד אַ ם ר אָ מ ע ר, וועלכער האָט דאַן געפירט מיט די ליטווינער וואָפנשטילשטאַנד־אונטער־האַנדלונגען, האָט ערב זשעליגאָווסקיס מאַרש באַזוכט שפּעט ביי־נאַכט דעם מאַרשאַל, כדי אַרויסצובאַקומען פון אים אינסטרוק־ציעס. פּילסודסקי האָט דאַן געזאָגט, אַז ער איז נישט מסכים אויף אַ וואָפנשטילשטאַנד־ליניע, וואָס זאָל זיך ציען איבער דער ליט־ווישער ערד, ווייל ,,מיר קענען נישט שטערן די אַקציע פון קינפטיקן פּוילישן דיאַנוונציאַיי (דער לעצטער האָט אַדורכגעפירט אַן ענלע־

ווי געזאָגט איז דער ראַזיקער מעטאָד אָנגעווענדעט געוואָרן פיל מאָל — פריער און שפעטער. פריער: למשל, אין דער טעטי־קייט פון פ. פ. ס״ישן „ווידזשאַל ספיסקאַוואָרבאַיאַווי״ אין יאָר 1906 (אַקציע ביי ראַגאַוו קעגן ווילן פון דער פאַרטיי) *). שפע־טער — די טאַקטיק מיטן איבעראַרבעטן די מערץ־קאָנסטיטוציע אין די יאָרן 1926—1933. אין יענע יאָרן האָט מאַרשאַל פילסוד־סקי נישט איינמאָל איבערגעחזרט, אַז די סטראַטעגיע פון שטעלן אַלעמען פאַר געשעענע פאַקטן איז זיין ווירקזאַמסטער פאָ־ליטישער מעטאָד.

כע אַקציע לטובת איטאַליע אין פיומע — פ. ש.). אויף ראָמערס פאָרשלאַג, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פראָיעקט פון אַזאַ וואָפנ־שטילשטאַנד־ליניע, וואָס זאָל אָפן לאָזן דעם וועג פון לידע קיין ווילנע. „אויף דעם גרונט — דערציילט ראָמער — האָבן מיר צוזאָרגנס געשלאָסן דעם באַרימטן סוואַלקער וואָפנשטילשטאַנד־אָפמאַך. אָבער כמעט גלייכצייטיק, האָט גען. זשעליגאָווסקי דורכן פרייען וועג אויף לידע פאַרנומען ווילנע בראש פון דער ליטוויש־ווייסרוסישער דיוויזיע. דער וואָפנשטילשטאַנד איז אָפיציעל נישט געבראָכן געוואָרן. דער פירער פון דער דריטער אַרמיי גען. וולאַ־דיסלאַוו שיקאָרסקי (וועלכער איז באַצייטנס געוואָרן צוגעגרייט דערצו), האָט באַקומען אַ מעלדונג פון גען. זשעליגאָווסקי, וועלכער האָט ביז דאַן זיך געפונען אונטער זיין אָנפירונג, אַז ער רייסט איבער די באַציונגען מיט דער פוילישער אַרמיי און גייט צוהילף די ליטווינער, וועלכע שטייען אויף קעגן ליטווישן יאַדיי (ציטירט לויטן קראָקאָווער „אילוסטראָוואַני קוריער צאָדזשעננייי פון 22־טן מאַי 1935).

*) יוזעף פילסודסקי: „1926 — 1930״ (וואַרשע, 1931, זייט 165).

14

א גרונט-שטריך

פארביייגייענדיק איז אונז נישט איינמאל אויסגעקומען זיך אפצושטעלן איבער פאקטן, וואס האבן כאראקטעריזירט פילסודסקיס אומגעהויער־אנטוויקלטן אמביציע־געפיל.

פון די קינדער־יארן אן האט דער דאזיקער געפיל באגלייט פילסודסקין איבער זיין גאנץ שטורמיש לעבן. און געקומען צום אויסדרוק איז דער דאזיקער געפיל אין פיל פלאכקייטן: אין דער רייך־פערזענלעכער, אין דער פארטייאיש־געזעלשאפטלעכער און אין פיל אנדערע.

אין פאליטיק איז פילסודסקי געווען א רעאליסט, א ניכטערער בעל־חשבון. אין פעריאד פון זיין טעטיקייט אין דער פ. פ. ס. האט ער יעדנפאלס נישט איינמאל ארויסגעוויזן ווייטגייענדיקע גרייט־קייט אויף קאמפראמיסן צוליב רעאלע כוחות־פארהעלטענישן.

אומאפהענגיק פון דעם איז ריכטיק, וואס פילסודסקי אליין האט נישט איינמאל געזאגט וועגן זיך, אז ער איז תמיד געגאנגען מיט אייגענע, באזונדערע וועגן. נאר מיט דער דאזיקער אייגנאר־טיקייט, קען מען זיך אויסטייטשן פילסודסקיס פארשידענע אומ־געריכטע און אפטמאל איבערראשנדיקע ארויסטרעטונגען, דעם פאראלעליזם צווישן הויך־אנטוויקלטע אמביציע־געפילן און אפט־מאליקער גרייטקייט אויף קאמפראמיסן.

צו פילסודסקיס גרויסע אמביציעס האט געהערט זיין קאמף פאר ווילנע — זיין באליבסטע שטאט, די געגנט פון זיין געבוירן, דאס ארט פון זיינע יוגנט־טרוימען. זינט ער איז צוריקגעקומען פון דער סיבירער פארשיקונג ביזן יאר 1919 — אין פ. פ. ס. און אויסער איר — פראפאגירט פילסודסקי דעם געדאנק, אז די ליט־

ווינער דארפֿן גיין האַנט ביי האַנט מיט פּוילן, קעמפֿן פֿאַר איין מלוכה א. ד. גל.

אויפֿן לעגיאָניסטן־צוזאַמענפֿאָר אין ווילנע אין יאָר 1928 האָט ער דערקלערט, אַז דאָס פּראָבלעם ווילנע איז פֿאַר אים געווען אַ גרויסע פּ ע ר ז ע נ ל עכ ע איבערלעבונג:

„...ווען כ'האָב געטרוימט — האָט ער דאַן געזאָגט צו די געוועזענע לעגיאָניסטן — און געטראַכט וועגן ווילנע, אַ פֿאַרמאַכטער אין וואַרשעווער בעלוועדער, האָב איך געטראַכט אויך וועגן אייך, און ווען כ'האָב אויסגערופֿן די שלאַכט, כּדי צו דעראָבערן ווילנע, האָב איך אייך צו זיך גערופֿן; כ'האָב געטרוימט, כ'האָב געטראַכט, אַז 2 פֿאַרברודערטע הערצער וועלן מיר געבן דאָס, צו וואָס ס'ציט די נשמה. ווילנע מוז זיין מיין!"*).

און אַ פּאָר שורות ווייטער:

„ס'איז שווער אויסצוזאָגן — האָט פּילסודסקי אַמאָל וועגן שוואַדראָן נאָך שוואַדראָן האָבן געאיילט קיין ווילנע. און צווישן די זעלנער איז געגאַנגען אַ שמועסערײַ: „אונזער קאָמענדאַנט האָט ליב ווילנע, וועלן מיר אים אונטערטראָגן ווילנע אַלס פּאַסכאַ־מתּנה"**).

די אַ מ ב י צ י ע צו האָבן ווילנע האָט זיך דאָ באַהאָפֿטן מיט אַ צווייטער גרויסער אַ מ ב י צ י ע, וועלכע ער אַליין, מאַרשאַל פּילסודסקי, רופֿט אָן — די אַ מ ב י צ י ע צו ווייזן גרויסע זאַכן.

„ס'איז שווער אויסצוזאָגן — האָט פּילסודסקי אַמאָל וועגן דעם געזאָגט — כ'בין געווען שעף פֿון דער אַרמיי, אָבער כ'האָב געוואוסט, וואָסער סיבה כ'האָב צו פֿאַרהאַנקען דעם דאַזיקן אַמט: ווייל קיינער האָט נישט געוואָלט, ווייל יעדער וואָלט זיך צוריקגעצויגן פֿון דעם דאַזיקן לאַסט. ווען ס'איז כּמעט ווי נישטאָ קיין מיליטער, איז דאָס, וואָס איז יאָ פֿאַראַן, ענלעך צו בעטלערס. ווען די רעוואָלוציע אַרום ממיתט די אָפֿיצירן — ציען זיך אַלע צוריק.

---

*) יוזעף פּילסודסקי: „1926—1930" (וואַרשע, 1931, זייט 165).

**) דאָרט, זייט 166.

איך האב דאס גענומען אויף זיך דרייסט און רואיק. כ'האב אבער גוט געוואוסט, אז ס'פעלט מיר אויטאריטעט: כ'בין דאך געווען בלויז א בריגאדיר. ביז ארמיי־אנפירונג איז דאך אן אומגעהויערער שפרונג. וואו איז דערפארונג, וואו איז די זיכערקייט, אז עמעץ פון די מענטשן, וואס געפונען זיך אונטער מיינע באפעלן, וועט מיר נישט פארווארפן, אז ער איז קלוגער, פאסיקער פון מיר. ווען א מלוכה קלויבט זיך אויס א פירער, זוכט זי מענטשן שטארקע, אמביציעזע, אזעלכע, וואס גלויבן אין זיך. אזא אמביציע האב איך פארמאגט איבער געניג. כ'האב געזוכט פאר זיך אן עקזאמען, כדי צו באווייזן, אז דאס, וואס איך וועל אויפטון, וועט קיינער נישט קאנען. כ'האב געזאמלט שוועריקייטן, כ'האב געזוכט אויסערגעוויינלעכקייטן, כדי צו באווייזן, אז איך קען זיגן. ווילנע איז געווען מיין עקזאמען"*)
(מיין קורסיוו — פ. ש.).

דערזעלבער מאטיוו האט, ווארשיינלעך, געשפילט נישט קיין קלענערע ראָל ביים שפעטערדיקן מארש פון פילסודסקין אויף קיעוו אין יאר 1920. דאס האט געזאלט זיין די פארווירקלעכונג פון א גרויסן וועלטפאליטישן פלאן: אפטיילן אוקראינע און ווייס־רוסלאנד פון ראטן־פארבאנד און אויסבילדן פון זיי זעלבשטענדיקע בופער־מלוכות, וועלכע זאלן זיין פעדערירט מיט פוילן. דאס איז געווען איינס פון מארשאל פילסודסקיס גרעסטע אמביציעס און אויך דא האט ער, ווי ער אליין דרוקט זיך אויס, געוואלט ווייזן דער וועלט עפעס אויסערגעוויינלעכעס, עפעס אזוינס, וואס „קיינער וועט נישט קאנען".

די נאפאלעאנישע אמביציעס אין די קינדער־יארן; די קינדערישע אמביציע צו זיין א פירער, וועגן וועלכער ס'דערציילט פילסודסקיס שוועסטער („ס'וועט קומען א צייט, ווען איך וועל שטיין אויפן דאזיקן באלקאן און ס'פאלק וועט זיך שטויסן ארום דאזיקן

*) ציטירט לויטן זאמלבוך „די אידייען און דער טאט פון יוזעף פילסודסקיי", פארלאג „ביבליאטעק פון וויסנשאפטלעכע ווערקיי, וואַרשע 1934, זייטן 85 — 86 און 239.

פּאַלאַץ און וועט מיך טריומפאַל באַגריסן״—זע ז. 17) זענען בלויז א מיניאַטור, אין וועלכער ס׳שפּיגלען זיך אָפּ די שפּעטערדיקע גרויסע אַמביציעס פון פּילסודסקין פונם פּעריאָד, ווען ער האָט געהאַט גרויסע מאַכט אַלס קאָמענדאַנט פון די לעגיאָנען, אַלס מלוכה־שעף, אַלס פיל־מאָליקער פּרעמיער און אַלס שעף פון רעזשים, וואָס ער האָט איינגעשטעלט אין פּוילן אין יאָר 1926.

יצחק פסחזאָן

י. מילל („דזשאָן״)

גרינדער און פירער פון די ערשטע בונדישע גרופּן אין ווארשע.

.II

אין קאַמף קעגן „בונד“

1

ערשטע איינדרוקן

נאָכן טויט פון מאַרשאַל פּילסודסקי האָט איינער פון ייִנגערן דור פּוילישע שריפטשטעלער אַזוי געשריבן:

„פאַר אונז, וועלכע פלעגן אַריינדרינגען פון טאָג־ליכט אין זיין נשמה אַריין, זענען געוואַקסן בערגער אומקלאַרקייטן, אומפאַרשטענדלעכקייטן. איינע פלעגן האַלטן דעם מאַרשאַל פּילסודסקי פאַר אַ פאָרטשריטלעכן טאָלעראַנטלער, אַנדערע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „זשידאָפיל". לאַנגע יאָרן האָט זיך געוועבט וועגן דעם אַ לעגענדע. אַ ייִנגער, ייִדישער פּובליציסט, וועלכער האָט געבאַפט אַ קוק אין די „שריפטן, רעדעס, באַפעלן", האָט ענדלעך דערזען, אַז דער מאַרשאַל האָט, ווידמענדיק פיל אויפמערקזאַמקייט דער ייִדן־פראַגע, באַקעמפט גראָד די פאָרטגעשריטנסטע, צו יענער צייט אַממייסטן־מאָדערנע אידעאישע ריכטונג, דעם בונדיזם, די ליטוואַקישע אַסימילאַציע"*).

בלי־ספק: דער שרייבער ווייזט דאָ אַרויס, באַזונדערס — ביים סוף פון ציטירטן אָפּזאַץ, אַ היפּש ביסל איגנאָראַנץ אין דער באַרירטער פראַגע. אָבער די עצם־פראַגע שטעלט ער פונדעסטוועגן אויעק ריכטיק. ס'איז נישט אַזוי לייכט צו געבן אַ באַצייכענונג דעם מאַרשאַלס באַציונג צו ייִדן און ייִדן־פראַגע. ס'וואָלט געווען זייער וואולגאַר, ווען מען וואָלט געוואָלט אָפּפּטרן די דאָזיקע באַציונג מיט איין פראַזע: „פּילסודסקי איז געווען אַן אַנטיסעמיט",

---

*) קסאַווערי פּרושינסקי „דער עצם פון פּילסודסקיס איינזאַמקייט" („וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקעי", נומער 23, 9 יולי 1935).

פונקט אַזוי, ווי ס'איז טאַקע נישט ריכטיק די לעגענדע, אַז פילסודסקי איז געווען אַ „זשידאָפיל".

פילסודסקים באַציִונג צו דער ייִדן־פראַגע — ווי יעדע פראַגע צו וועלכער פילסודסקי האָט ווען נישט איז זיך צוגערירט — דאַרף גענומען ווערן אין שפּיגל פון זיין גאַנצער פּסיכיק און אויפן פּאָן פון זיין אַלגעמיינער פּאָליטישער טעטיקייט.

יעדע זאַך, יעדע פּראָבלעם, צו וועלכער פילסודסקי האָט זיך דערנענטערט באַלד אין די ערשטע יאָרן פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט, איז דורך אים געמאָסטן געוואָרן מיט איין־איינציקער מאָס: וואָסער נוצן קען די דאָזיקע זאַך ברענגען דער פּראָפּאַגאַנדע און דעם קאַמף פאַר דער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. אַזאַ איז אויך פון זיינע ייִנגסטע יאָרן אָן — באַלד נאָכן צוריקקומען פון סיביר—געווען זיין באַציִונג צו דער ייִדן־פראַגע. די ייִדן־פראַגע אַלס אַ באַזונדערע פראַגע האָט פאַר אים כמעט ווי נישט עקזיסטירט.

אַוודאי איז שווער אָפּצוטיילן אין אַזעלכע פראַגן די פערזענלעכע באַציִונג פון מענטש, זיינע איינגעבוירענע שטימונגען און נייגונגען, פון דער אַלגעמיינער פּרינציפּיעלער איינשטעלונג צו דער געגעבענער פראַגע. און ס'איז אַ פאַקט, אַז פילסודסקי האָט אין זיין פערזענלעכער באַציִונג צו ייִדן און ייִדן־פראַגע אַרויסגעוויזן זייער אָפט נישט ווייניק אַזעלכע איינגעבוירענע שטימונגען און נטיות. דעצידירט האָבן אָבער נישט די שטימונגען, די איינגעבוירענע פערזענלעכע סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס, נאָר דער פּראַקטישער רעאַל־פּאָליטישער אינטערעס. די שטימונגען, די ריין־אינטימע, די פערזענלעכע באַציִונג פלעגט העכסטנס קומען צום אויסדרוק אין פּריוואַטע געשפּרעכן, אין קאָרעספּאָנדענץ, קיינמאָל נישט אָדער כמעט קיינמאָל נישט— אין דער עפנטלעכקייט, אין דער פּאָליטיק.

פילסודסקי האָט שוין אין די קינדער־יאָרן זיך באַגעגנט מיט ייִדן. אין זיין טאַטנס גוט זשולאָוו האָט געוואוינט אַ מילך־ייִד שמואל סאַרסקי, וועמענס זון אריה האָט שוין אַלס 16־יאָריקער בחור געאַרבעט אַלס געהילף אין הויף. ער האָט אויפגע־

נומען די תּבֿואָה, אַכטונג געגעבן אויפֿן ספּירט־לאַגער, געפֿירט די ביכער.

ווי אַזוי האָט מען זיך באַצויגן אין זשולאָוו צו ייִדן? ווי אַזוי האָבן גערעדט וועגן ייִדן פּילסודסקיס טאַטע־מאַמע? וואָסער ערשטע איינדרוקן האָט פּילסודסקי געהאַט אויף דעם געביט אין דעם היימישן גוט?

קיין אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם זענען נישטאָ. אריה סאָרסקי, וועלכער האָט געוואוינט די לעצטע יאָרן אין פּאָניעוועזש (ליטע), זאָל האָבן שטאַרק געריימט פּילסודסקיס פֿאָטער. ווען ער איז אַוועק צום מיליטער — זאָל אריה סאָרסקי האָבן דערציילט — האָט פּילסודסקיס פֿאָטער, דער פּריץ, אים אַרומגענומען און עטלעכע מאָל אַ קוש געטון.

ווען ווילנע איז דאָך אָפּגערעדט — דאָ איז דאָך געווען אוממעגלעך נישט צו קומען אין באַרירונג מיט ייִדן און ייִדישקייט. ד״ר צמח שאַבאַד דערציילט, אַז ער און יוזעף פּילסודסקי האָבן געלערנט אין איין גימנאַזיע און דאָס זעלבע דערציילט אויך שאַרל ראַפּאַפּאָרט, דער היינטיקער באַקאַנטער קאָמוניסט. דער ערשטער דערציילט, אַז יוזעף פּילסודסקי האָט געלערנט מיט אַ 2 קלאַסן נידעריקער פֿון אים, שאַבאַדן, און דער צווייטער גיט איבער, אַז ביידע פּילסודסקים — בראָניסלאַוו און יוזעף — האָבן זיך מיט אים געחברט און אַז ביידע פּלעגן אָפֿט קומען צו אים אין שטוב אַריין*).

דאָס זענען אָבער פּרטים און — קאַרגע פּרטים. קיין בילד פֿון יוזעף פּילסודסקיס „ייִדישע" איינדרוקן אין די קינדער־יאָרן און אין דער פֿריער יוגנט קען מען זיך פֿון דעם נישט שאַפֿן.

*) ד״ר צמח שאַבאַד: אויטאָביאָגראַפֿיע (ווילנע, 1935, זייטל 13); שאַרל ראַפּאָפּאָרט: „פֿון מיינע זכרונותיי (קאַטאָרגאַ אי ססילקאַ", מאָסקווע, העפֿט 63, יאָר 1930, זייטן 22—42); שאַרל ראַפּאָפּאָרט: „דערינערונגען וועגן דער „דיעלעיי פֿון ערשטן מאַרט 1887" („קראַסנאַיאַ ליעטאָפּיסי", העפֿט 5, יאָר 1923, זייטן 7 — 12); טאַדעאוש קאַטעלבאַך: „מוסו זשמאָוסיי — יוזעף פּילסודסקיי" („גאַזעטאַ פּאָלסקאַיי פֿון 18 מערץ 1934).

2

אויף דער שוועל

אין יאָר 1892—1893, ווען פּילסודסקי האָט זיך געשטעלט אין די רייען פון דער נײַ־אַנטשטאַנענער פּ. פּ. ס. — האָט אין ווילנע און וואַרשע שוין עקזיסטירט אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג.

שוין אינמיטן פון די אַכציקער יאָרן האָבן עקזיסטירט אין מינסק און אין ווילנע גרעסערע יידישע אַרבעטער־קרײַזלעך. אין יאָר 1887 דערשײַנט אין אויסלאַנד איינע פון די ערשטע יידישע אַגיטאַציע־בראָשורן (ש. דיקשטיינס: „פון וואָס איינער לעבט״), וועלכע קומט אָן קיין ווילנע און וואַרשע אין יאָר 1889, ווען אין ווילנע עקזיסטירט שוין די ערשטע פּראָפּ. אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער — די אַזוי־גערופענע „קאַסע״ פון די זאָקנמאַכערינס.

ווען פּילסודסקי געפינט זיך נאָך אין סיביר — אויף דער שוועל פון די נײַנציקער יאָרן — הייבן אָן זיך אָרגאַניזירן די ערשטע יידישע ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ג ר ו פּ ן אין וואַרשע, ווילנע א. אַ. אין יאָר 1891 קומען פאָר אין ווילנע די ערשטע יידישע שטרייקן און מאַסן־פאַרזאַמלונגען און מיט אַ יאָר שפּעטער פייערן שוין די ווילנער יידישע אַרבעטער צום ערשטן מאָל דעם יום־טוב פון ערשטן מאַי.

די וואַרשעווער יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן האָבן זיך זייער גיך — נאָך פאַר דער אַנטשטייאונג פון פּ. פּ. ס. — געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די אָרגאַניזאַציעס און גרופּן פון די פּוילישע אַרבעטער אין וואַרשע. אין ווילנע איז די לאַגע אין יענע יאָרן געווען אַן אַנדערע: אויסער יחידים צווישן די פּאָליאַקן און ליט־

זוינער, איז דאַן אין ווילנע נאָך נישט געווען קיין ב אַ ו ע ג ו נ ג צווישן נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט און ס'איז ממילא נישט גע־ווען די ערשטע צייט מיט וועמען זיך צו פאַרבינדן.

אָבער אַט גרינדעט זיך די פּ. פּ. ס. פּילסודסקי ווערט אַ מיט־גליד פון די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן און פירט אָן מיט דער פּאַר־טיי־אַרבעט אין ווילנע. ווי עס דרינגט ארויס פון זיינע אייגענע פעסטשטעלונגען פון יענער צייט, האָט דאַן די פּ. פּ. ס. אין איר אָרגאַניזאַציע אין ווילנע געציילטע מענטשן, בעת די יידישע אַרבעטער אין ווילנע זענען נישט שוין נישט שלעכט אָרגאַניזירט און פירן אַ לעבהאַפטע טעטיקייט ביז שטרייקן איינשליסלעך.

איינער פון די עלטסטע בונדיסטן (שפּעטער אַ באָלשעוויק) צ מ ח ק אָ פּ ע ל ז אָ ן („טימאָפיי”), וועלכער איז געווען טעטיק אין ווילנע שוין אין יאָר 1887, דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט פּילסודסקין אין יאָר 1893 אין ווילנע.

„איך און קרעמער — דערציילט קאַפּעלזאָן — פלעגן זיך טרעפן מיט פּילסודסקין. מיר האָבן פאַרבראַכט, געדענק איך, עט־לעכע אָוונטן אין געשפּרעכן מיט אים וועגן דער יידישער פראַגע. זיין קוק, ווי פון אַלע דעמאָלטיקע פּ. פּ. סאָוצעס, קען פאָרמולירט ווערן אויף דעם פאָלגנדיקן אופן: „איר, יידישע סאָציאַליסטן, זענט רוסיפיקאַטאָרס. איר דאַרפט איבערבייטן אייער רוסישע אָריענטאַציע אויף אַ פּוילישע, אויסלערנען זיך פּויליש, פירן פּראָ־פּאַגאַנדע און אַגיטאַציע הויפּטזעכלעך אין דער פּוילישער שפּראַך; איר דאַרפט גיין האַנט אין האַנט נאָר מיט דעם פּוילישן פּראָלע־טאַריאַט, און נישט מיט דעם רוסישן, אונטערשטיצן די אידייע פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט א. אַ. וו.”*).

---

*) דער אָפּזאַץ איז ציטירט פון צמח קאָפּעלזאָנס אַ רעפעראַט אויף פאַרזאַמלונגען (דעם 16 פעברואַר און 9 מערץ 1928) פון באָלשעוויסטישע אַרבעטער־טוער און היסטאָריקער, וועלכע באַשעפ־טיקן זיך מיט פאָרשן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן.

און דאָן:

„אין איינעם פון די נומערן „פשעדשווויט" איז דערשינען אַן אַרטיקל (מיר ציטירן אים אין אונזער בוך — פּ. ש.), וועלכער איז צוגעשריבן געוואָרן פּילסודסקים פעדער, און וועלכן דער שרייבער האָט שיר נישט געסטראַשעט מיט פּאָגראָמען אויף יידן מצד די פּוילישע מאַסן אַלס ענטפער אויף אונזער רוסיפיקאַטאָרישע פּאָליטיק"*).

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַנטוויקלט זיך און זי אימפּאָנירט פּילסודסקין. אין זיינע קאָרעספּאָנדענצן צום לאָנדאָנער „פשעדשוויט" שרייבט פּילסודסקי מיט אַנטציקונג וועגן פינף־וואָכעדיקן סטרייק פון 160 ווילנער יידישע שניידער אין יאָר 1893 (אַנדערע קוועלן גיבן אָן אַ צאָל פון 200 סטרייקנדיקע) און וועגן סטרייק פון די ווילנער יידישע טאַבאַק־אַרבעטער אין דער דאָרטיקער פּאַפּיראָסן־פאַבריק „דורונטשאַ און שישמאַן" אין יאָר 1894. די דאָזיקע סטרייקן שטעלט פּילסודסקי אַלס מוסטער פאַר די פּוילישע אַרבעטער.

פון דעמאָלט אָן שטעלט זיך איין אַ קאָנטאַקט צווישן פּילסודסקין און די יידישע סאָציאַליסטישע טוער פון יענער צייט. כאָטש מען העלפט זיך בסדר קעגנזייטיק אַרויס, גייט אָבער אָן די גאַנצע צייט אַן אידעישער קאַמף פאַרן אינהאַלט און אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט. אין יאָר 1897, ווען עס ווערט געגרינדעט דער „בונד", גייט דער קאַמף איבער אין אַן אָפענע מלחמה**).

---

*) דאָרט.

**) די ידיעות און דאַטעס פון דאָזיקן קאַפּיטל שטיצן זיך אויף פאָלגנדיקע מאַטעריאַלן: זאַמלבוך „25 יאָר" (וואַרשע, 1923, זייטן 35 — 50 און 110 — 111); זשורנאַל „ניעפּאָדלעגלאָשטשי" (וואַרשע, 1933, זיבעטער באַנד, העפט 3/17, זייטן 335 — 350); „פּזשעדשוויטי" (לאָנדאָן, נומער 12 פון 1893 און 5, 6 א. אַ. פון 1894); אַ ב ע ל ע ו ו: „די ערשטע אומלעגאַלע בראָשור אין יידיש" („אָקטיאָבער", מינסק, 1929, אָקטאָבער); „וואָכנשריפט" פון 1934, נומערן 8, 9, 14 און 17 (באַמערקונגען פון ס. פּ. ראַבינאָוויטש און פּ. קורסקי) א. אַ.

ג

די ערשטע צוזאַמענ[illegible]ישע
טאַג[illegible]

אין פּילסודסקיס פּריוואַטער און פּאַרטייאישער קאָרעספּאָנ־דענץ וואַרפן זיך אָפּט אַדורך די ווערטער „זשידעק״, „זשידאָ־ווין״, „זשידקי״ א. ד. גל. אַמאָל בייסיק, אַמאָל סתם צוליב וויץ און אַמאָל אויך אָן שום באַפּאַרבונג. ווענן אַזעפן דריקט ער זיך, למשל, אויס (נאָכדעם, ווי ער האָט זיך מיט אים באַקענט אויף דער צווישן־פּאַרטייאישער קאָנפערענץ אין אַפּריל 1905 אין זשענעווע):

— דער דאָזיקער „זשידאָווין״ איז מיר גאַנץ גוט געפעלן געוואָרן...*).

די טוער פון די דעמאָלטיקע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן— די קינפטיקע גרינדער פון „בונד״ — פלעגט ער רופן „זשידקי״. זיין דעמאָלטיקער פריינט וואַשילעווסקי פאַרזיכערט, אַז דאָס איז ביי אים נישט געווען קיין אַנטיסעמיטיזם. ער האָט זיי באַהאַנדלט — דערציילט וואַשילעווסקי — „וויציק, כאָטש אָן א סימן פון אַנ־טיסעמיטיזם״**).

קיין אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם אַלס אידעאָלאָגיע אָדער וועלט־אַנשויאונג איז דאָס אפשר טאַקע נישט געווען. אין ערגסטן פאַל איז דאָס געווען אַן אויסדרוק פון פּריצישן ביטול, אַן אויסדרוק פון פּערזענלעכע שטימונגען. אין אויסערלעכע צווישן־פּאַרטייאישע באַציונגען איז דאָס יעדנפאַלס געקומען צום אויסדרוק זייער

---

*) לעאָן וואַשילעווסקי: „פּילסודסקי ווי איך האָב אים געקענט״ (וואַרשע, 1935, זייט 97).

**) דאָרט, זייט 30.

זעלטן. אונז איז באַקאַנט נאָר איין אַרטיקל, וואָס שטאַמט פון פּיל־סודסקין*), אין וועלכן ער באַנוצט דאָס ביטול־וואָרט „זשידעס״. פאַרקערט, אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון יענע יאָרן איז ער נישט איינמאָל געווען שאַרף און בייסיק, אָבער תמיד — עלעגאַנט און קאָרעקט.

אין ערשטן יאָרצענטליק פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט האָט פּילסודסקי זייער אָפט געשריבן און גערעדט וועגן דער יידן־פראַגע.

ווען מען לייענט זיינע צאָלרייכע קאָרעספּאָנדענצן און אַר־טיקלען וועגן דער יידן־פראַגע, ווערט מען אָבער גלייך אַנטוישט. אומזיסט וועט איר דאָרט זוכן אַ גענויעם פּראָגראַם צו לעזן די יידן־פראַגע. מער ווי עטלעכע אַלגעמיינע פאָרמולעס וועגן גלייכבאַ־רעכטיקונג פאַר יידן וועט איר דאָרט נישט געפינען.

פּילסודסקי זעט די יידישע באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך פון ליטע און פוילן און ער שאַצט אָפּ איר כוח און איר וואָג אין די פאָרשטייענדיקע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן.

„צווישן אַלע לענדער — רופט אויס פּילסודסקי אין זיינעם אַן אַרטיקל אין יאָר 1894 — וועלכע זענען אינגאַנצן אָדער טייל־וויַיז באַוואוינט דורך פּוילישער באַפעלקערונג, פאַרמאָגט ליטע די גרעסטע צאָל יידן. אין דער צייט, וואָס פּויזנער געגנט האָט דריי און אַ האַלב פּראָצענט יידן, גאַליציע און קאָנגרעס־פּוילן — עלף פּראָצענט, הייבט זיך אויף דער דאָזיקער פּראָצענט אין ניין גו־בערניעס פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד דורכשניטלעך ביז 14 און אַ האַלב פּראָצענט, און, למשל, אין מינסקער גובערניע דערגייט ער ביז 20. אין געוויסע ערטער בילדן אַזוי אַרום די יידן אַ פינפט־חלק פון דער באַפעלקערונג! אויב מען זאָל צו דעם צוגעבן, אַז אין די דערפער איז פאַראַן זייער קנאַפּ יידן, און אַז כמעט די דאָ־זיקע גאַנצע יידישע מאַסע איז איינגעשלונגען געוואָרן דורך די שטעט, וועלן מיר ערשט זען וואָסערע באַדייטונג די דאָזיקע מאַסע האָט פאַרן סאָציאַליזם״**).

---

*) „פּזשעדשוויטיי״, נומ. 10, אָקטאָבער 1893, זייטן 18—19.
**) דאָרט, נומער 9, סעפּטעמבער 1894, זייטן 26—28.

פילסודסקי וויל אויסנוצן די דאָזיקע מאַסע אַלס פאַרבינדעמן אין קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. ווען ער זעט, אַז די צאַרישע מאַכט באַמיט זיך איינצושפּאַנען די גערודפטע יידי־שע באַפעלקערונג אין רייטוואָגן פון דער געפערלעכער צאַרישער רוסיפיקאַציע־פּאָליטיק, באַשליסט ער דערצו נישט צו דערלאָזן, וויל דאָס ברענגט שאָדן דעם קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט.

פּילסודסקי טרעט אַרויס שאַרף קעגן רוסיפיקאַציע און קעגן חניפה־פּאָליטיק פון יידישן בירגערטום. ער איז אָבער אין דער דאָזיקער קריטיק אַזוי ווייט נישט אָביעקטיוו, אַז די שולד פון יידישן בירגערטום אָדער די שטימונגען פון דער פינסטערער אַפּאָליטישער מאַסע, וואַרפט ער אייליק אַרויף אויף די פּלייצעס פון עפּעס אַן אַלגעמיינער אַנאָנימער „זשידאָסטוואָ”, ווי ער וואָלט גאָרנישט געוואוסט פון קיין קלאַסן־צעטיילונג אינם יידישן לעבן. זיין צו־גאַנג צו דער פראַגע איז דאָ אַ גרינגטלעך־אַנדערע, ווי זיין צוגאַנג צו ענלעכע דערשיינונגען אין פּוילישן וועלטל.

אויך פּילסודסקיס אַ קרובה, פ ר ו י מ י ל ע װ י ט ש, גיט אַן ענלעכע כאַראַקטעריסטיק פון פּילסודסקין אין זיין יוגנט:

„דעם ערשטן מערץ — שרייבט וועגן דעם פּילסודסקי אין „פּזשעדשוויט” — האָט אַ המון פון דער „זשידאָסטוואָ” אויסגע־פּילט די גאַסן, דורך וועלכע דער בייער הערשער פון לאַנד האָט געזאָלט אַריינפאָרן אין זיין הויפּט־שטאָט. הער א ר ז ש ע װ ס ק י האָט מסתמא לחלוטין זיך נישט געריכט אויף אַזאַ אויפנאַמע. מאַסן האָבן אים אָפּגעוואַרט, קעפּ האָבן זיך פאַר אים געבויגן. פאַרן באַנהויף האָט מען אפילו לכבוד אים געשריגן „הוראַ!”*).

אָט דאָס איז דעם יינגען פּילסודסקיס ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג וועגן דער יידן־פראַגע — זיין ערשטע קאָרעספּאָנ־דענץ פון ווילנע צום סאָציאַליסטישן „פּזשעדשוויט” אין לאָנדאָן.

ווען מען לייענט איבער די דאָזיקע גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ — דער לייענער וועט זי געפינען אין דריטן טייל פון אונזער בוך — וואַרפט זיך ממש אין די אויגן דער שמאָלער נאַציאָנאַליסטישער

---

*) דאָרט, נומער 4, אַפּריל 1893, זייט 23.

צוגאַנג צום ענין, די ענגהאַרציקע נאַציאָנאַליסטישע איינזייטי־קייט. יעדעס וואָרט פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ זאָגט עדות, אַז איר מחבר האָט זיך אַמווייניקסטן געריכטעט מיט סאָציאַליס־טישע מאָטיוון אָדער מיט אַ סאָציאַליסטישער אויפפאַסונג פון געשעענישן.

קודם־כל — די איבערטרייבערישע פאַראַלגעמיינערונג: פּיל־סודסקי האָט געזען ווי אַזוי ווילנער יידן האָבן נייגעריק זיך צו־געקוקט צום אַריינפאָר פון זייער צאַרישן גענעראַל־גובערנאַטאָר (פון המון האָט מען אַפילו געשריגן „הוררא!“) און דאָס איז שוין פאַר אים גענוג צו מאַכן אין זיינע קאָרעספּאָנדענצן אַן אויספיר, אַז די „זשידאָסטוואָ“ האָט צוגעגרייט פאַרן גענעראַל־גובערנאַ־טאָר אַ פייערלעכע אויפנאַמע און דערמיט נישט געלאָזט קומען צום אויסדרוק די בונטאַרישקייט פון דער ווילנער פּראָווינץ.

עמעץ אַ זייטיקער וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ווען די וויל־נער יידן וואָלטן נישט געשטאַנען אויף די גאַסן, וואָלט די בונ־טאַרישקייט פון דער ווילנער פּראָווינץ יאָ געקומען צום אויסדרוק. עמעץ אַ זייטיקער וואָלט טאַקע געקענט מיינען, אַז מיט זייער שטיין אויף די גאַסן, בשעת ס'איז פאַרביי'געפאָרן דער גובערנאַ־טאָר אָרזשעשקאָ, האָבן די ווילנער יידן ממש מחלל געווען בונטאַ־רישע אַרויסטרעטונגען פון אַנדערע.

אויב עמעץ וואָלט אַזוי געמיינט, וואָלט ער געהאַט אַ טעות. קיין בונטאַרישע אַרויסטרעטונגען קעגן גובערנאַטאָר זענען דאָן בכלל נישט געווען. נאָך מער: נישט נאָר דאָס ווילנער י י ד י ש ע בירגערטום (פּילסודסקי וויל אין דעם פאַל נישט זען קיין יידיש בירגערטום, נאָר דאָס גאַנצע יידנטום אַלס אַזעלכעס: „זשידאָסט־וואָ“), נאָר אויך דאָס ווילנער פּ ו י ל י ש ע בירגערטום מאַניפעס־טירט זיין קריכערישקייט לגבי דער צאַרישער מאַכט.

אין דערזעלבער קאָרעספּאָנדענץ, מיט עטלעכע שורות וויי־טער, דערציילט דער מחבר אַליין וועגן דער קריכערישקייט פון די פּוילישע באַזיצנדע קרייזן, וועלכע זענען געגאַנגען אויף אַ פייער־לעכער אויפנאַמע צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. אין איינער פון זיינע ווייטערדיקע קאָרעספּאָנדענצן צום „פּזשעדשוויט“ דערציילט

פּילסודסקי, ווי אַזוי פּאַנאַטישע פּוילישע פּויערים האָבן מקבל-פּנים געווען זייערע צאַרישע אונטערדריקער מיט פּאַרטרעטן פון צאַר. פּילסודסקי פלעגט זייער אָפט אָנווייזן, אַז די דאָזיקע געפּאַלנקייט און געמיינקייט זענען אַ נאַטירלעכער כאַראַקטער-שטריך פון דער פּוילישער בורזשואַזיע, וועלכע איז אין איר נאַטור נישט מסוגל, ווי קיין שום אַנדערע בורזשואַזיע איז עס נישט מסוגל, צו פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט. אָפטמאָל — אפילו זייער אָפט — פלעגט פּילסודסקי דאַן אַדורכפירן אין זיינע אַרטיקלען דעם ריכטיקן געדאַנק, אַז די דאָזיקע לאָיאַלקייט איז אַ בפירושער אויסדרוק פון קלאַסן-אינטערעס פון דער בורזשואַזיע.

אַנדערש, גאָר אַנדערש רעדט דער יינגער פּ. פּ. סישער טוער, ווען ער באַמערקט דיזעלבע דערשיינונג ביי דער יידישער בורזשואַזיע, ביים פּחדנותדיקן יידישן מיטלשטאַנד און ביי די יידישע כלי-קודש. הגם פון פאַרשידענע אַרויסטרעטונגען פון פּילסודסקין אין דער יידן-פראַגע זעט מען קלאָר, אַז דער דאָזיקער מענטש זעט און שאַצט אָפּ די קלאַסן-אונטערשיידן און די קלאַסן-צעטיילונג אין יידישן פאָלק, לייגט ער אָבער זייער אָפט אַרויף פאַרשידענע פאָרווורפן, וואָס דאַרפן געמאַכט ווערן דעם יידישן בירגערטום, אויף די פּלייצעס פון דער גאַנצער „זשידאָסטוואָ" און טייל-מאָל דירעקט — אויף די פּלייצעס פון די יידישע סאָציאַליסטן.

די יידישע סאָציאַליסטן — נאָך איידער דער „בונד" האָט עקזיסטירט — און שפּעטער דעם „בונד" איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו פירן קעגן דעם אַ קאַמף.

4

טענות וועגן רוסיפיקאציע

פילסודסקיס הויפט־טענה צו די ווילנער יידישע סאציאליסטן אין פעריאָד, ווען דער „בונד" האָט נאָך נישט עקזיסטירט, און שפעטער — צום „בונד" אַלס אַזעלכן — איז געווען: ר ו ס י פ י ־ ק אַ צ י ע. די יידישע סאָציאַליסטן, הייסט עס, העלפן רוסיפיצירן פוילן און ליטע.

די טענות צום „בונד" אַלס אַזעלכן וועט אונז אויסקומען צו באַטראַכטן אויספירלעך אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך. דאָ וועלן מיר זיך נאָר אָפּשטעלן אויף יענע טענות וועגן רוסיפיקאַ־ציע, וועלכע האָבן אַ שייכות צום פאַר־בונדישן פעריאָד — צו די יאָרן 1897—1893.

אין זיין ערשטן אַרטיקל וועגן דער יידן־פראַגע, שטעלט פּיל־סודסקי פעסט, אַז „אויב די רוסיפיקאַציע פון לאַנד האָט זייט דעם יאָר 1863 געמאַכט פאָרטשריט, איז עס טאַקע געווען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג", ווייל „יעדער ייד, וואָס וויל כאָטש אַביסל זיך אַרויסשלאָגן איבערן מיטלמעסיקן, גאַנץ־נידעריקן מאַ־טעריעלן און גייסטיקן מצב פון זיינע גלויבנסגענאָסן, ווערט אַ רוס, הויבט אָן זיך איבערצונעמען מיט דער מאָסקווער קולטור"*). די יידישע סאָציאַליסטן וואַרפט ער פאָר „רוסיפיקאַציע אין היג־זיכט פון קולטור און שפּראַך"*).

באַלד מיט אַ חודש שפּעטער דערשיינט דער היסטאָרישער אויפרוף פון דער ליטווישער סעקציע פון פּ. פּ. ס. — ס'איז אַ פּאָליטישע ווענדונג פון דער פּ. פּ. ס. צו די „חברים סאָציאַליסטן

*) דאָרט.

ייִדן אין די פּוילישע צוגענומענע פּראָווינצן", אַז זיי זאָלן העלפן קעמפן פאַר דער נייער פּ. פּ. ס׳ישער אומאָפּהענגיקייט־פּראָגראַם*).

דער אויפרוף איז געשריבן געוואָרן אין רעזולטאַט פון אַ ספּעציעלן באַשלוס פון פּאַריזער צוזאַמענפאָר פון יאָר 1892, אויף וועלכן די דאָזיקע פּראָגראַם איז אויסגעאַרבעט געוואָרן.

אָט איז די דאָזיקע רעזאָלוציע:

„דער צוזאַמענפאָר האַלט, אַז אונזער פּאַרטיי דאַרף ווי אַמ־שנעלסטן אַרויסטרעטן מיט אַן אויפרוף צו די רוסיש־ייִדישע קרייזלעך אין דער ליטע און ווייס־רוסלאַנד, אויפווייזנדיק זיי זייער רוסיפיקאַטאָרישע טעטיקייט, וועלכע איז אין סתירה צו די פּאָ־ליטישע באַפרייאונג־אינטערעסן פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד, ווי אויך צו די פרייהייט־אינטערעסן אין רוסלאַנד"**).

דער דאָזיקער אויפרוף, וועלכן ס׳האָט פאַרפאַסט פּילסודסקי, טרעט אַרויס מיטן פּאָרוואורף, אַז „די ייִדישע סאָציאַליסטן האָבן אָנגעהויבן זייער אַרבעט צווישן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט פון דעם, וואָס זיי באַמיען זיך אים אָנצווואַרפן די רוסישע שפּראַך אַלס מיטל צו דעראָבערן קולטור"***).

„אויך מיר גלויבן טיף אין דעם — לייענען מיר אין דאָזיקן אויפרוף — אַז די בעסערע כּוחות פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, וועלן זיין בכּוח צו פאַרשטיין די נויטווענדיקייט פון דער באַפריי־אונג פון לאַנד. אָבער דער ערשטער סימן פון דער דערוואַכונג פון דעם היינט שלומערנדן כּוח, וועט זיין דאָס איבעררייסן מיט דער הייַנטיקער טאַקטיק, וועלכע שטרעבט צו פאַראייניקן די אינטע־רעסן פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָ־

---

*) דעם פולן טעקסט פון דאָזיקן אויפרוף צוזאַמען מיט אַ רייע פּילסודסקיס אַרטיקלען וועגן דער ייִדן־פראַגע — אויך די, וואָס מיר האָבן שוין ציטירט — וועט דער לעזער געפינען אין דריטן טייל פון אונזער בוך, אין דער רובריק „דאָקומענטן".

**) פ ע ל י ק ס פ ע ר ל: „די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג" (וואַרשע, 1932, נייע אויפלאַגע, זייטן 437־438).

***) „פּזשעדשוויט", מאַי 1893, נומער 5.

ציאַליזם מיט אַ פּריוויליקן אונטערגעבן זיך די טענדענצן פון דער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק"*).

ווי אַזוי האָבן די זאַכן אויסגעזען באמת?

אין דער ווירקלעכקייט האָט די צאַרישע מאַכט טאַקע געפירט אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד — און אויך אין פּוילן! — אַ רוסי־פיקאַציע־פּאָליטיק. אָבער — מיט וועלכע רעכט וואַרפט פאַר דער מחבר דער יידישער באַפעלקערונג אַלס אַזעלכער — דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג! — דאָס, וואָס דאַרף פאַרגעוואָרפן ווערן בלויז געוויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן זיך לייכט געלאָזן מיטרייסן מיטן רוסיפיקאַציע־שטראָם. מיט וועלכע רעכט שטעלט פאַר דער מחבר די זאַך אַזוי, ווי ווען ס'וואָלט נישט געווען קיין יידישע באַפעלקערונג, וואָלט די רוסיפיקאַציע נישט גע־מאַכט קיין פאָרשריט? („אויב די רוסיפיקאַציע פון לאַנד האָט געמאַכט געוויסע פאָרשריט, איז עס טאַקע געווען צווישן דער יידי־שער באַפעלקערונג").

מיר מישן אויף אַ זייטל פון זעלבן נומער „פּזשעדשוויט", אין וועלכן פּילסודסקי האָט אָפּגעדרוקט דעם ציטירטן אויפרוף צו די „חברים סאָציאַליסטן יידן", און מיר געפינען דאָרט אַ ווילנער קאָרעספּאָנדענץ פון דעמזעלבן מחבר, וועלכע איז דער בעסטער ענטפער אויף זיינע אייגענע טענות.

„ווען די אָנפירונג מיט דער רוסיפיקאַציע פון אונזער לאַנד וואָלט געווען אָפּהענגיק פון מיר — רופט אויס פּילסודסקי אין דער קאָרעספּאָנדענץ — וואָלט איך באמת באַנוצט דערצו אונ־זערע פּריווילעגירטע קלאַסן"*). דאָס איז ביי אים נישט סתם אַ פראַזע. זי ווערט באַקרעפטיקט מיט אַן אַ שיעור באַווייזן וועגן דער לייכטקייט, מיט וועלכער ס'רוסיפיצירט זיך אויך די אָרטיקע פּוילישע בורזשואַזיע.

דאָס איז נישט די איינציקע קאָרעספּאָנדענץ פון דעם מין. אין אַנדערע נומערן פון „פּזשעדשוויט" — און אויך אין אינלענ־דישן אומלעגאַלן „ראָבאָטניק" — שרייבט פּילסודסקי נישט ווייניק וועגן דער רוסיפיקאַציע, וועלכע מאַכט פאָרטשריט צווישן דער

*) דאָרט, מאַי 1894, נומער 5 (זייטן 30—31).



אַנאַסטאַזי קאַזשימיעזש רוג

דער רוס פּיאָטר שומאָוו (,,פּסחיי)

גרינדער און פירער פון די יידישע פּ. פּ. ס.ישע אָרגאַניזאַציעס.

פוילישער בורזשואזיע, צווישן די קאטוילישע גייסטלעכע א.ד.גל. *)

ס'איז דאך א פאקט — און דא איז נישט נויטיק זיך צו פאררופן אויפן „פזשעדשוויט" — אז די רוסיפיקאציע האט נישט נאר אין ליטע, נאר אפילו אויך אין געוועזענעם קאנגרעס־פוילן, פארכאפט באדייטנדיקע קרייזן פון דער פוילישער באפעלקערונג. דער וועג צום אמט פון אפיציר צי באאמטער, דער פאסטן פון א פאסט־טרעגער. וואזשנע, צי פאליציאנט, דער וועג צו דער קאטעדרע פון א לערער — די אלע וועגן זענען געגאנגען דורך רוסיפיקאציע און אפט אויך דורך ענדערונגען פון רעליגיע. אין דער הינזיכט האט די רוסיפיקאציע צווישן דער פוילישער באפעלקערונג געהאט א גרעסערן שניט, ווי צווישן דער יידישער. ווען ס'וואלט געווען א סטאטיסטיק, וואלט זי אונזערע ווערטער ריקזיכטלאז באשטעטיקט, שוין דערפאר, ווייל יידן האבן בכלל נישט געקענט טראכטן וועגן האבן א צוטריט — אפילו רוסיפיצירטערהייט — צו די אלע פאסטנס און אמטן.

רוסיפיצירטע פאליאקן האט מען געקענט טרעפן נישט נאר אין ווארשע און אין ווילנע, נאר אין אלע עקן רוסלאנד. דאס איז דאן נישט געווען עפעס איינצלנע יחידים, נאר א גאנצער שיכט און א גרויסער שיכט. אזא שיכט, נישט רעכענענדיק קיין יחידים, גרינגלעך־רוסיפיצירטע מענטשן איז צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין דער ליטע נישט געווען (וועגן קאנגרעס־פוילן קען גאר אפילו קיין רייד נישט זיין) **).

---

*) דארט, 1893 (נומערן 3, 7, 10) און אנד.

**) דער אנגעזעענסטער פ.פ.ס.ישער פאכמאן אויפן געביט פון דער נאציאנאלער פראגע ל. וואשילעווסקי — איינער פון יענע, וואס האבן צוזאמען מיט פילסודסקין יארנלאנג איבערגעחזרט, אז די יידן אין ליטע זענען א רוסיפיקאטארישער עלעמענט — האט אין זיין ווערק „ליטע און ווייסרוסלאנד" (קראקע, 1912 (?) זייטן 89 און 107) פארעפנטלעכט א רייכע סטאטיסטיק, וועלכע איז — קעגן ווילן פון מחבר — א גאנץ דירעקטע אפלייקענונג פון די דאזיקע טענות. וואס ווייזט זיך ארויס? נאך אזויפיל יארן מכלומרשטער רוסיפיקאציע פון די יידן אין דער ליטע, האט די פאלקסציילונג פון 1897 באוויזן, אז אין די אמאליקע ווילנער,

אמת, קאַקעטירנדיקע מיט רוסיש, האַלב־רוסיפיצירטע, איז אין דער יידישער סביבה אין ליטע דאַן געווען פיל מער, ווי אין דער פוילישער געזעלשאַפט—צווישן יידישן בירגערטום און אינטעליגענץ. אָבער דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ גאַנצער רייע אָביעקטיווע סיבות, וועלכע פילסודסקי אַליין האָט גאַנץ גוט געוויסן און וועגן וועלכע ער רעדט אין זיינע ציטירטע פובליקאַציעס.

גראָדנער, קאָוונער, מינסקער, וויטעבסקער און מאָהילעווער גובערניעס האָבן געוווינט 151, 1,414 יידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן אַלס זייער מוטער־שפּראַך יידיש, און בלויז 9146 אַזעלכע יידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן אַן אַנדערע מוטער־שפּראַך (רוסיש, פּויליש א. אַ.).

וואָס שייך דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גאַנצער צאַרישער אימפּעריע האָבן פון 5.217.109 יידן בלויז 67 .063 אָנגעגעבן רוסיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך און גאַנצע 47.060 — האָבן אָנגעגעבן פּויליש (זע ציפערן פון דער ערשטער פאָלקסציילונג אין רוסלאַנד אין יאָר 1897: „סטאַטיסטישער יאָרבוך פון קעניגרייך פּוילן״, וואַרשע 1915, זייט 43). לאָמיר צו דעם צוגעבן, אַז פון 7.031.499 קאַטאָליקן אין די גובערניעס פון אַמאָליקן קעניגרייך פּוילן האָבן בלויז 503 .6.755 זיך אָנגעגעבן אַלס פּאָליאַקן, און אַז פון 8.041.307 פּאָליאַקן אין גאַנצן דעמאָלטיקן רוסלאַנד האָבן 49.994 שוין זיך אָנגעגעבן אַלס פּראַוואָסלאַוונע (זע דאָס דערמאָנטע סטאַטיסטישע יאָרבוך, זייט 42). פון די דאָזיקע ציפערן דרינגט אַרויס אָט־וואָס: 1) אַז די צאָל פּאָליאַקן, איינוואוינער פון אומצווייפלהאַפט־פּוילישע טעריטאָריעס, וואָס האָבן ביזן יאָר 1897 זיך געלאָזן אויפן וועג פון רוסיפיקאַציע און פּראַוואָסלאַוויע איז געווען אָן אַן ערך גרעסער פון דער צאָל רוסיפיצירטע יידן, איינוואוינער פון פּוילן און ליטע; 2) אַז די רוסיפיקאַציע פון דעם דינעם שיכט יידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן רוסיש אַלס זייער מוטער־שוראַך, האָט נישט געטאָרט באַטראַכט ווערן איינזייטיק, ווייל נעבן די דאָזיקע 67 טויזנט רוסיפיצירטע יידן האָט די פאָלקסציילונג אַרויסגעוויזן די ציפער פון 47.000 פּאָלאָניזירטע, און אַז דאָס איז במילא געווען 2 גלייכע דערשיינונגען פון גאָר אַ דריטן פּראָצעס—פון אַן אַלגעמיינעם אַסימילאַציע־פּראָצעס צווישן געוויסע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

ליטע איז אין סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט געווען — אין הינזיכט פון באַפעלקערונג, קולטור און שפּראַך — אַ פּראָווינץ, אין וועלכער ס'האָבן געלעבט נעבן זיך 8 נאַציעס. לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1897 האָט די באַפעלקערונג פון די 5 ליטוויש־ווײַסרוסישע גובערניעס (ווילנער, גראָדנער, קאָוונער, מינסקער, וויטעבסקער און מאָהילעווער) זיך געטיילט אַזוי:

ווײַסרוסן	— 55	פּראָצ.	פון	דער	גאַנצער	באַפעלקערונג.	
ייִדן	— 14	"	"	"	"	"	
ליטווינער	— 13	"	"	"	"	"	
פּאָליאַקן	— 5	"	"	"	"	"	
רוסן	— 5	"	"	"	"	"	
אוקראַינער	— 3	"	"	"	"	"	
לעטן	— 3	"	"	"	"	"	
דײַטשן	— 1	(נישט קיין גאַנצער פּראָצענט)					
אַנדערע	— 1	(" " " ")*)					

אין קאַמף צווישן די שטאַרקע פּוילישע און רוסישע קולטורן זענען די ייִדן, ליטווינער און ווײַסרוסן געווען אין יענע יאָרן, ווי צווישן פײַער און וואַסער, ווי צווישן האַמער און קאָוואַדלע.

אויב ס'האָט דערבײַ וועגן קאָנגרעס־פּוילן נישט געקאָנט זײַן קיין רייד וועגן דעם, אַז דער צאַריזם האָט צוגערויבט פּוילישע ערד, האָבן צו גרויסע טיילן פון ליטע געהאַט פּרעטענסיעס נישט נאָר די פּאָליאַקן, נאָר אויך די ליטווינער: פּילסודסקי האָט דאָך דאַן אפילו מיט זיי ברייט אונטערגעהאַנדלט וועגן די גרענעצן צווישן קינפטיקן פּוילן און ליטע**).

אין דער דאָזיקער פאַרמעסטונג צווישן דער פּוילישער און רוסישער קולטור האָבן גרויסע טיילן פון דער ייִדישער אינטע־

---

*) אין זײַן שוין דערמאָנטן בוך זאָגט ל. וואַשילעווסקי אין דער פאָררעדע, אַז „אין הינזיכט פון פאַרשידנאַרטיקייט פון דער באַפעלקערונגי קאָן געפונען ווערן פאַר ליטע נאָר איין אַנאַלאָגיע— מאַקעדאָניע.

**) יוזעף פּילסודסקי: „שריפטן, רעדעס, באַפעלן" (ערשטער באַנד, זײַט 322).

ליגענע זיך אפטמאל געלאזן מיטרייסן מיט דער שטארקערער, גרעסערער רוסישער קולטור. אויפן באדן פון די ליטוויש־ווייס־רוסישע פראווינצן, איז דאס נישט געווען קיין פארברעכן קעגן פוילישקייט, ווייל — ווי מיר זעען אפילו פון פילסודסקיס שטע־לונג אין יענע יארן — איז לחלוטין דאן נישט געווען אזוי קלאר, צי אויף די דערמאנטע טעריטאריעס דארף געפלעגט ווערן די פוילישע, צי גאר, למשל, די ליטווישע קולטור (אויב שוין יא פירן א קאמף קעגן דער שפראך־ און קולטור ־ אסימילאציע פון די אקופאנטן).

וואס שייך דער ראל פון יידישן פראלעטאריאט, איז ער אין דער הינזיכט פריי פון יעטוועדן ערנסטערן פארוואורף. ס'איז טאקע געווען א קורצער אפשניט אין דערוואכונג ־ פעריאד פון יידישן פראלעטאריאט, ווען מען האט אין זיינע רייען קאקעטירט מיט רוסיש און דאס דערגרייכן די רוסישע קולטור געהאלטן פארן ערשטן שטאפל, פארן פארבאדינג צום סאציאליסטישן קאמף אויף דער טעריטאריע פון דער צארישער אימפעריע. אבער, דאס איז, ווי געזאגט, געווען א קורצער פאריבערגייענדיקער פעריאד, און אין דער צייט, ווען פילסודסקי האט פארמולירט זיינע ציטירטע טענות צום יידישן פראלעטאריאט, זענען די סאציאליסטישע פיא־נערן־גרופן שוין געווען אויפן וועג צו מאסן־אגיטאציע דורך יידיש, ווי פילסודסקי אליין שטעלט דאס, איבריקנס, פעסט אין זיינעם אן ארטיקל פון דער זעלבער צייט — אינם גרעסטן און ערנסטנסטן ארטיקל, וועלכן ער האט אנגעשריבן וועגן דער יידן־פראגע*).

---

*) „פשעדשוויט״, לאנדאן, 1894, סעפטעמבער , נומער 9, (זייטן 26 — 28).

5

אומאפהענגיקייט

די טענה וועגן רוסיפיקאציע, איז נישט געווען די איינציקע גרויסע פרעטענסיע, מיט וועלכער פילסודסקי איז געקומען צו די יידישע מאסן און קודם־כל — צו די ערשטע יידישע סאציאליס־טישע גרופן. די דאָזיקע טענה איז בלויז געווען אַ פראַגמענט, אַ ברוך־טייל פון דער הויפט־טענה, פון דער וויכטיקסטער מיינונג־פאַרשידנקייט צווישן דער ניי־אַנטשטאַנענער פ. פּ. ס. פון איין זייט און די דעמאָלטיקע יידישע סאָציאַליסטישע גרופן פון דער צוויי־טער זייט. די ה ו י פ ט ־ ט ע נ ה איז געווען: די יידישע סאָציאַ־ליסטישע גרופן שטיצן נישט דעם קאַמף פאַר אַן אומאָפּהענגיקן פוילן.

אין זיין ערשטער קאָרעספּאָנדענץ פון ווילנע, וועלכע מיר האָבן שוין ציטירט, באַרירט פילסודסקי די דאָזיקע פראַגע נאָר אין אַלגעמיינע ווערטער — אין צוזאַמענהאַנג מיט די טענות וועגן רוסיפיקאַציע.

אינם פריער־ציטירטן אָפּזאַץ פונם אויפרוף צו די „חברים סאָ־ציאַליסטן יידן", וועלכער איז דערשינען אַ חודש נאָך דער דער־מאָנטער קאָרעספּאָנדענץ, דרוקט פילסודסקי אויס די האָפענונג, אַז — ווי מיר האָבן שוין ציטירט — „די בעסערע כוחות פון יידישן פּראָלעטאַריאַט וועלן זיין בכוח צו פאַרשטיין די נויטווענ־דיקייט פון דער באַפרייונג פון לאַנד".

„אומזיסט — לייענען מיר אין דאָזיקן אויפרוף — ענטפערן אונז די יידישע סאָציאַליסטן, אַז זייער אַבסטראַקטע פרייהייט־פאָרמול נעמט שוין eo ipso אַרום אויך די באַפרייונג פון אונ־

זער לאַנד. אומזיסט ענטפערן זיי אונז, אַז זייער סאָציאַליסטישע פאָן דאַרף זיין פאַר אונז אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע"*).

אַמויספירלעכסטן שטעלט פילסודסקי זיך אָפּ איבער דער דאָזיקער פראַגע אין זיין דריטער אַרויסטרעטונג וועגן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן; ער וואַרפט זיי דאָרט פאָר, אַז „די יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך פאַרמויערט אין זיך אַליין און זיי ווילן זיך נישט פאַראייניקן מיט אַנדערע רעוואָלוציאָנערע עלע־מענטן, וועלכע וואוינען אין זעלבן לאַנד, וואָס זיי" און אַז „אין דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן האָט קיינער פון זיי נישט געגלויבט, האַלטנדיק זי פאַר אַן אַבסאָלוטער כימערע. זיי האָבן דערביי נאָך פאַר איר מורא געהאַט צוליב דעם געשפּענסט פון יעזואיטיזם, אינקוויזיציע און שיטערהויפנס, וואָס די רייכע פאַנטאַזיע האָט זיי געמאָלן אַלס איביקע באַגלייטער פון פּאָליאַק"**).

דער מחבר שפּאָרט נישט קיין אַרגומענטן צו באַווייזן, אַז די דאָזיקע מורא איז איבערגעטריבן און אַז ס'איז גראָד פאַרקערט— ווען ס'זאָל אפילו אין רוסלאַנד אַראָפּגעוואָרפן ווערן דער צאַריזם, וועלן די יידן דאָרט ווייטער גערודפט ווערן, בעת ס'איז מער ווי קלאָר, אַז אין אַן אומאָפּהענגיק פוילן איז דאָס אויסגעשלאָסן...

„ווען מיר וועלן ווידער איבערגיין צו די נייסטע צייטן — שרייבט פילסודסקי אין דאָזיקן אַרטיקל — וועלן מיר דערזען נאָך איין פאַקטאָר, אַ נאָך שטאַרקערן פון די פריערדיקע, וועלכער הייסט די יידן גיין האַנט־ביי־האַנט מיט אונז; דאָס איז די סאָלידאַרי־טעט פון פוילישן און יידישן פּראָלעטאַריאַט. וואוינענדיק צו־זאַמען און ליידנדיק דעם זעלבן און דורך די זעלבע מענטשן גע־טריבענעם דרוק און אויסנוצונג, דאַרפן זיי פאַראייניקן זייערע כוחות און זיי וועלן עס בלי־ספק אַמאָל טאָן. די דאָזיקע אינטער־רעסן־סאָלידאַריטעט גיט גלייכצייטיק אַ גאַראַנטיע, אַז ווען ס'וועט דערגרייכט ווערן די אומאָפּהענגיקייט אפילו ביי דער דערהאַלטונג פון דער בורזשואַזער אָרדנונג, וועט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט

*) דאָרט, 1893, מאַי, נומער 5.
**) דאָרט, 1894, סעפּטעמבער, נומער 9.

האָבן אין דער פּוילישער רעפּובליק אַ זיכערן און שטאַרקן פאַר־בינדעטן אין דער פּערזאָן פון באַוואוסטזיניקן פּוילישן אַרבעטער, וועלכער וועט ביזן טאָג פון נצחון נישט אויפהערן צו פירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיט יעדער אומרעכט — סיי נאַציאָ־נאַלער, סיי עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער. דער אָפּטימיסטיש־סטער פריינט פון רוסלאַנד מוז אָבער אין דער זעלבער צייט מודה זיין, אַז די פאַרהעלטענישן אין דער הינזיכט זענען דאָרט און מוזן דאָרט זיין באַדייטנדיק ערגערע, ווייל דער כח פון פּראָלע־טאַריאַט און זיין באַוואוסטזיין וועלן דאָרט זיין, אין פאַרגלייך צו דער מאַכט פון דער מלוכה, פיל קלענער ווי ביי אונז.

סיי, אַלזאָ, אין נאַציאָנאַלער הינזיכט, ווי אויך אין קלאַסן־הינזיכט פאָדערן די אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַז ס׳זאָל גיכער אָנגענומען ווערן אונזער פּראָגראַם, איידער אָנווענדן כּוחות אויף צו דערלאַנגען אַ „רוסישע קאָנסטיטוציע"*).

וואָס שייך דעם פּרינציפּ גופא, שטעלט פּילסודסקי אַליין פעסט אין איינער פון זיינע פריערדיקע פּובליקאַציעס — אינם אויפרוף — אַז די יידישע סאָציאַליסטן פון אָנהויב ביינציקער יאָרן האָבן נישט באַקעמפט דעם אומאָפּהענגיקייט־לאָזונג אַלס אַזעלכן, נאָר זיי האָבן געהאַלטן, אַז „זייער אַבסטראַקטע פרייהייט־פאָרמול נעמט שוין eo ipso אַרום אויך די באַפרייונג פון אונזער לאַנד".

אמת, שוין דאַן און נאָך מער שפּעטער האָבן נישט געפעלט קיין פּרינציפּיעלע קעגנער פון קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. פּרינציפּיעל איז די קעגנערשאַפט צוגעשפּיצט געוואָרן צו דעם אומאָפּהענגיקייטס־פּראָגראַם, וועלכן ס׳האָט אַרויסגערוקט די פּ. פּ. ס. אין דער פּראַקטיק האָט זיך אָבער שפּעטער די שייד־ליניע אָפּטמאָל פאַרווישט און אַזוי־אַרום האָט זיך באַקומען נישט אַ קאַמף קעגן פּ.פּ.ס־ישן פּראָגראַם, נאָר קעגן פּרינציפּ אַלס אַזעלכן.

בלי־ספק: זייענדיק פריי פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, האָט דער אַרבעטער־קלאַס אַ ריינעם האָריזאָנט און בעסערע מעג־לעכקייטן צו פירן דעם קלאַסנקאַמף. אָבער בלויז בלינדע נאַ־

*) דאָרט.

ציאָנאַליסטן קענען שטיין אויפן שטאַנדפּונקט, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען די פאַרמלחמהדיקע פּ. פּ. ס.: פריער אומאָפּהענגיקייט און שפּעטער סאָציאַליזם; סעפּאַראַטער קאַמף פון פּוילישן פּראָ־לעטאַריאַט, נישט אומקוקנדיק זיך אויפן קאַמף פון אַלרוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, מיט וועלכן דער גורל האָט אים צוזאַמענגעבונדן אין די ראַמען פון איין מלוכה, אונטער דער בייטש פון איין און זעלבן צאַריש־קאַפּיטאַליסטישן יאָך.

אין דער פּראַקטיק איז יעדנפאַלס געגאַנגען אין סאָציאַליס־טישן לאַגער אַ פאַרביטערטער קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער פאַרבלענדונג און קעגן אומדערהערטן סעפּאַראַטיזם פון דער פּ.פּ.ס., וועלכע איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פאַר איר איז לכתחילה גע־ווען אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע זאָל זיגן פריער. ווי ס'וועט קומען די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן.

מען דאַרף דערביי נישט פאַרגעסן, אַז פּילסודסקי רעדט דאָך וועגן ווילנע און ווילנער געגנט, וועלכע זענען נאָך אפילו הייגט, מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, אַ קעגנשטאַנד פון צווישנ־פעלקער־לעכע און צווישנמלוכהשע מחלוקות.

יוזעף פּילסודסקי האָט געפאָדערט, אַז די ערשטע גרופּן יידי־שע סאָציאַליסטן, פון וועלכע ס'האָט זיך שפּעטער אויסגעפּיקט דער „בונד", זאָלן זיך שטעלן אויף דער זייט פון דער פּ. פּ. ס. און אונטערשטיצן איר פּאָליטישן קאַמף. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָלט געשטעלט די יידישע סאָציאַליסטן אין קאָנפליקט סיי מיט די סאָציאַליסטישע גרופּן פון אַנדערע נאַציעס (ליטווינער) און סיי מיט זייער סאָציאַליסטישן געוויסן.

ס'איז דאָך געווען ביז גאָר פאַלש צו שרייבן וועגן דער איג־דיפערענטקייט פון די יידישע סאָציאַליסטן אין ליטע צום אומ־אָפּהענגיקייט־פּראָבלעם, ווי וועגן אַ מין פּחדנות, ווי וועגן אַ מין צוזאַמענגיין מיט דער רעגירונג. האָט דאָך דאָן פּילסודסקי אויס־געצייכנט געוואוסט, אַז עס פעלן נישט קיין פּוילישע סאָציאַליסטן, וואָס זענען נישט מסכים מיטן פּראָגראַם און מיט דער פּאָליטישער ליניע פון פּ. פּ. ס.: די ס. ד. ק. פּ. (סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קע־ניגרייך פּוילן) און די ס. ד. ל. (סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון דער

ליטע) האָט דאָך באַקעמפּט די פּ. פּ. ס. פּיל שאַר־פער, ווי די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן פון די ניינציקער יאָרן. האָט דאָך פּילסודסקי אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז סיי אין דער רוסישער אַרבעטער ־ באַוועגונג, סיי אין אינטערנאַציאָנאַל פעלן נישט קיין פּרינציפּיעלע קעגנער פון זיין אידעאָלאָגיע.

אָבער פּילסודסקי מאַכט צו די אויגן אויף דער רעאַלער ווירק־לעכקייט. ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק, אַז די יידישע סאָציאַליס־טישע אינטעליגענץ, וועלכע שטאַמט פון אַן עקסטעריטאָריאַלער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, וואָס איז צעוואָרפן צווישן פאַרשידענע פעלקער (רוסן, פּאָליאַקן, ליטווינער א. א. וו.), קען נישט אין בעסטן פאַל האָבן אין זיך אַן איינגעבוירענעם דראַנג און אינטע־רעס פאַר די אומאָפּהענגיקייט־שטרעבונגען פון בלויז איינעם פון די דאָזיקע פעלקער. פּילסודסקי — דער יינגער פירער פון פּ.פּ.ס.— וויל דאָס נישט זען. ער בלייבט נישט ביי בלויזער פּראָפּאַגאַנדע פון פּ. פּ. ס.ישן פּראָגראַם, נאָר ער לאָזט אין גאַנג אויך אַ גאַנצע רייע אַנדערע מיטלען.

6

הבטחות דעם יידישן ארבעטער-קלאס

פילסודסקיס ערשטע עקשנותדיקע פרוּוון אין די יאָרן 1893 — 1894 צו געוואונען די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן פאַרן פּראָגראַם פון דער ניי־אַנטשטאַנענער פּ. פּ. ס., האָבן געבראַכט מיט זיך א רייע אומגעהויער־וויכטיקע פאַרפליכטונגען, וואָס די פּ. פּ. ס. האָט אויף זיך גענומען.

אינם אויפרוף, וועלכן מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל ציטירט, לייענען מיר אַט־וואָס:

„...מיר נעמען אָן די קאָסטבאַרע און שווערע ירושה, וואָס די אַמאָליקע פּוילישע פּאָליטיק האָט אונז איבערגעלאָזט. מיר נעמען, אַלזאָ, אויך אָן ביי אונז — פּונקט ווי די סאָציאַליסטן פון אַנדערע לענדער — די לייזונג פון דער יידן־פּראַגע. מיר וואַרפן אַחוץ דעם נישט אַרויף די גאַנצע לאַסט אויף דער יידישער באַפעלקערונג, מיר זענען ווייט אַפילו פון יעדן שאָטן פון אומווילן אָדער טענה. מיר נעמען אויף זיך אַלע פליכטן, וועלכע עס ליגט אויף אונז אַרויף די רעאַלע לאַגע פון די פּאָליטיש - געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען אין לאַנד. מיר נעמען, אַלזאָ, אָן אויך די לייזונג פון דער יידנפּראַגע. מיר וועלן אַפילו זאָגן, אַז איר לייזונג האָט פאַר אונז אַן ערשטראַנגיקע באַדייטונג, ווייל די יידישע באַפעלקערונג ביי אונז שטעלט מיט זיך פאַר אַ מיליאָנען־קיבוץ, וועלכער איז אַחוץ דעם קאָנצענטרירט אין די שטעט. דער דאָזיקער אומשטאַנד גיט דער יידישער פּראַגע ביי אונז אן אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג פאַר יעדער פּאָליטישער פּאַרטיי און נאָכמער פאַר אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פאַר וועמען די שטאָטישע באַפעלקערונג שטעלט מיט זיך פאַר אַ באַוואוסטזיניקע אַרמיי. מיר מוזן זי לייזן אויך

דערפאַר, כּדי צו ווײַזן אויף וואָסערע כּוחות מיר האָבן צו רעכע־נען, וועלכע פֿון זיי ס'וועט אין זיך אײַנזאַפּן דאָס רעוואָלוציאָ־נערע לעבן און וועמען די געשעעניש וועלן אַנטרעפֿן אויף דער זײַט פֿון אונזערע שונאים — סײַ אַלס אַקטיוון פֿײַנטלעכן כּוח און סײַ אַלס פּאַסיוון כּוח. אונזער לעבן, אַלס פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָלט אָן דעם חשבון געווען אַן אומנאַרמאַל לעבן, אַן אומזיכערס מכּוח דעם מאָרגנדיקן טאָג"*).

און אין דעם אַרטיקל, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן מיט העע־בער אַ יאָר שפּעטער, קלערט אויף פּילסודסקי די ערנסטע באַדײַ־טונג פֿון אַזעלכע פֿאַרפֿליכטונגען:

„דאָ וועל איך דערמאָנען — שרײַבט ער — נאָך איין זאַך: אין פּוילן עקזיסטירט אַ פּאַרטיי מיט אַ באַשטימטן פּראָגראַם און אויפֿגאַבן, אַ פּאַרטיי, וואָס וואַקסט אין כּוחות און באַדײַטונג — די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. ס'איז דערײַבער באַוואוסט מיט וועמען מען האָט צו טאָן: אַן עווענטועלע פֿאַרפֿליכטונג פֿון די פּוילישע סאָציאַליסטן צו עפּעס איז נישט קיין וואָרט, וועלכעס ווערט אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן ווינט, און יעדע פֿאַרגרעסערונג פֿון זייערע רייען שלאָגט זיך תּיכּף אָפּ אויף אַ קענטיקן אופֿן אויף דער פֿאַר־שטאַרקונג פֿון דער פּאַרטיי־טעטיקייט. אין רוסלאַנד אָבער איז קיין שום ענלעכעס נישט פֿאַראַן"**).

היינט צו טאָג,בײַ די היינטיקע ראַדיקאַל־געענדערטע באַדינ־גונגען, זעט אפשר אויס מאָדנע, וואָס יוזעף פּילסודסקי האָט מיט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט צוריק אַזוי שטאַרק זיך באַמיט אַרײַנצוקריגן אין שותּפות די ייִדישע סאָציאַליסטן. דאַן, מיט העכער פֿיר צענטליק יאָר צוריק, איז די זאַך אָבער געווען נאַטירלעך און זי האָט קיינעם נישט געוואונדערט.

די ציטירטע דאָקומענטן רעדן קלאָר פֿאַר זיך. הגם ס'רעדט זיך אין זיי זייער פֿיל וועגן די אינטערעסן פֿון ייִדישן אַרבעטער־קלאַס, ווערט אָבער יעדער דערזען, אַז געהאַנדלט האָט זיך דאָ די מחברים, נישט אַזוי וועגן סתּם־לעזן די ייִדן־פֿראַגע, נאָר קודם־כּל

*) דאָרט, 1893, מאַי, נומער 5.

**) דאָרט, 1894, סעפּטעמבער, נומער 9.

וועגן אויסנוצן זי — און דורך איר די יידישע ארבעטער־מאסן — אויף צו שטארקן די כוחות פון דער פ. פ. ס. און אויף צו זיכערן דעם פ. פ. ס־ישן אומאפהענגיקייטס־לאזונג די שטיצע פון דער גאנצער באפעלקערונג, וואס באוואוינט דאס לאנד, און קודם־כל, ווי פילסודסקי אליין דערקלערט, פון דער גאנצער שטאטישער באפעלקערונג.

אז מען לייענט די אקארשט־געבראכטע דאקומענטן, רייסט ממש די אויגן דער נישטסאציאליסטישער צוגאנג צום ענין. נישט דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־קלאס פון איין זייט און דער צאריזם מיט זיינע פוילישע, יידישע און אנדערע מיטהעלפער פון דער צווייטער זייט, נאר פון איין זייט פוילן — אן אנאנים, איינהייטלעך פוילן — און פון דער צווייטער זייט רוסלאנד — ווידעראמאל אן אנאנים, איינהייטלעך רוסלאנד — ווי ס'וואלטן קיין קלאסן־אונטערשידן נישט געווען און ווי ס'וואלטן קיין פארשידנארטיקע קלאסן־אינטערעסן נישט געווען.

אזוי שטעלן די פראגע — וואס לוינט בעסער — קען מען נאר דאן, ווען מען האלט דעם אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן לאגער פאר א באזאר פון פעלקער־האנדל, וואו גרויסע פעלקער קויפן אפ קלענערע, כדי זיי אויסצוכאפן ביים „קעגנער".

פאקטיש זענען דאס געווען ארויסטרעטונגען נישט פאר גלייכע רעכט פון דער יידישער באפעלקערונג מיט דער נישט־יידישער, נאר א פרווו צו באווייזן מיט פארשידנערליי ארגומענטן, אז „ס'לוינט בעסער" צו מאכן געשעפט מיטן פאר אומאפהענגיקייט־קעמפנדיקן פוילן.

ביי אזא לאגע, ביי אזא שטעלן די פראגן, האבן די פארפליכטונגען פון דער פ. פ. ס., אירע אלע דעמאלטיקע הבטחות, טאקע געמאכט דעם איינדרוק פון א זאך, וואס דרינגט ארויס נישט אזוי פון פרינציפיעלע סאציאליסטישע פאזיציעס, נאר פון רעאל־פאליטישע קאניונקטור־חשבונות פון דער פארטיי. מיט אמתן אינטערנאציאנאליזם האבן זיי יעדנפאלס נישט געהאט קיין שייכות.

7

זשאַרגאָן

ס'קלינגט הײַנט היפּש פּיקאַנט, אָבער ס'איז אַ פֿאַקט, אַז אין די ערשטע יאָרן פֿון זײַן פּאָליטישער טעטיקייט, האָט יוזעף פּילסודסקי געפֿירט אַן אַגיטאַציע פֿאַר אַרויסגעבן יידישע סאָציאַליסטישע בראָשורן.

אינעם גרויסן פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל וועגן דער יידן־פּראַגע, וועלכן מיר האָבן שוין ציטירט, טרעט אַרויס פּילסודסקי געגנ בייסיק קעגן יענע יידישע סאָציאַליסטן, וואָס ווילן נישט הערן וועגן קיין שום אַנדערער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, ווי אין רוסיש.

„נאָך וואונדערלעכער — שרייבט פּילסודסקי — איז דער אומשטאַנד, אַז אפילו זשאַרגאָנישע אויסגאַבן האָבן נישט געפֿונען קיין לייטזעליקייט אין די אויגן פֿון נישט איינעם, וועלכער האָט איינגעזען אינם באַנוצן זשאַרגאָן אַ ווענדונג צום „נאַציאָנאַלן" שטאַנדפּונקט און ער האָט דעריבער מורא געהאַט אַרויסצוגיין פֿון די גרענעצן פֿון דער אַלץ־אויסלייזערישער רוסישקייט. אָבער אפילו די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור קען דערווײַלע הײַנט זיך שוין אויסגלײַכן מיט דער רוסישער, אויב זי שטײַגט איר נישט איבער, אין הינזיכט פֿון דער צאָל ריין־סאָציאַליסטישע אויסגאַבן"*).

ווען דער דאָזיקער אַרטיקל איז דערשינען, האָבן די ווילנער יידישע סאָציאַליסטן פֿון יענער צייט גראָד געהאַלטן ביים שלום פֿונם פֿאַרביטערטן קאַמף, וואָס האָט זיך געפֿירט צווישן די פֿירער

---

*) דאָרט.

מיט אַרקאַדי קרעמערן בראָש און דער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן איבערגאַנג פון פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייז־לעריי צו מאַסן־אַגיטאַציע אין יידיש.

די ערשטע פּראָטעסט־שטימען קעגן פאַרנאַכלעסיקן די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסע און פאַר אַרויסגעבן סאָציאַליסטישע לי־טעראַטור אין יידיש האָבן זיך געלאָזן הערן שוין אין יאָר 1880. אַ גרופּע יידישע סאָציאַליסטן־אינטעליגענטן גיבן דאַן אַרויס אין זשענעווע אַן אויפרוף וועגן דער פראַגע. דער אויפרוף איז געווענ־דעט קעגן דער שפּראַך־אַסימילאַציע פון דער סאָציאַליסטיש־געשטימטער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע דערווייטערט זיך אַזוי־אַרום פון דער ברייטער יידישער אַרבעטנדיקער מאַסע, וואָס רעדט יידיש.

ווען פּילסודסקי קומט אַרויס אין יאָר 1893 מיט זיין אויפרוף „צו די חברים סאָציאַליסטן יידן", טרעט ער דאָרטן אַרויס ניט קעגן דער שפּראַך־אַסימילאַציע בכלל, נאָר בלויז קעגן דער רוסי־פיקאַציע. זיינע פאָרוואורפן לגבי דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ זענען ניט נאָר היפּש איבערגעטריבן, ווי מיר האָבן עס שוין באַוויזן — נאָר אויך היפּש פאַרשפּעטיקט, ווייל אין די רייען פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן גופא איז שוין דאַן געהאַט אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע רעאַקציע קעגן דער סעקטאַנ־טישער קרייזלעריי אויף רוסיש און פאַר אַ ברייטער מאַסן־אַגיטאַציע אין יידיש. נאָכמער: גראָד די אינטעליגענטן, קעגן וועלכע פּיל־סודסקי טרעט אַרויס אין דאָזיקן אויפרוף, זענען די טרעגער פון נייעם קורס און גראָד די אַרבעטער האָבן צוליב ריין־פּסיכאָלאָ־גישע טעמים זיך געווידערשטעלט קעגן דער מאַסן־אַגיטאַציע אין יידיש, אייגזעענדיק אין דעם אַ ווילן פון די אינטעליגענטן ניט צוצולאָזן די אַרבעטער צו די גרויסע רוסישע קולטור־קוואַלן, פון וועלכע זיי אַליין שעפּן.

פאַראַן באַווייזן, אַז פּילסודסקי האָט גאַנץ גענוי געקענט דעם פאַרלויף פון דאָזיקן קאַמף. אין איינעם פון זיינע ערשטע בריוו צום „אויסלענדישן פאַרבאַנד פון פּוילישע סאָציאַליסטן"

(ז. ז. ס. פּ.) שרייבט ער וועגן דעם גאַנץ ענין (דעם 29 אַפּריל 1894):

„כ'בעט איך, איר זאָלט דערליידיקן דעם פאָלגנדיקן ענין. די היגע „זשידקעס", וועלכע ס'ציט, ווי איר ווייסט, שרעקלעך צו מזרח, האָבן איצט אַ גרויס עגמת־נפש. צוליב דעם, וואָס זיי פּויקן אַן די אַרבעטער אַ פּולן קאָפּ מיט כלערליי ווייסנשאַפטן, איז געשען, אַז ווען די פּאַצעטן*)־אינטעליגענטן האָבן געוואָלט אַריבערגיין אויפן וועג פון בריטערער אַגיטאַציע אין זשאַרגאָן, האָבן די אַרבעטער אַליין מיט זיי איבערגעריסן, נישט אָנערקענענדיק די נויטווענדיקייט פון אַ ברייטערער אַגיטאַציע. די פּאַצעטן רעכענען, אַז ווען זיי זאָלן דאָ האָבן עפּעס אַזוינס, ווי אַ יידישע צייטונג, וואָס זאָל איבערגעבן פאַקטן פון היגן לעבן אין אַ געהעריקער באַלייכטונג, וואָלטן זיי געקענט צוריק געווינען די השפּעה. צוליב דעם, וואָס די באַקומענע לעקציע און די שטענדיקע באַציונגען מיט אונז, הייבן אָן פאַמעלעך צו ווירקן אַפילו אויף אַזעלכע דאָקטרינערישע מוחות, ווי ס'האָבן די דאָזיקע הערן, האָלט איך פאַר נויטיק זיי אַרויסצוהעלפן. ס'האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז אין גאַליציע דערשיינט „דער אַרבייטער"**). כ'בעט איך דעריבער, קאָמוניקירט זיך מיט זיי, צי די רעדאַקציע וואָלט נישט מסכים געווען אָנצונעמען קאָרעספּאָנדענצן אויך פון אונזער לאַנד און דורכדעם צופּאַסן דעם אָרגאַן אויך צו אונזערע באַדינגונגען. זייט אַזוי גוט און דערליידיקט נאָר דעם דאָזיקן ענין גיכער, ווי איר דערליידיקט כאָרמאַל,

---

*) אַזאַ פּוילישער אויסדרוק, וועלכער לאָזט זיך נישט איבערזעצן.

**) „דער אַרבייטער" מיטן אונטערקעפּל „אָרגאַן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פּאַרטייאיי איז דאַן דערשיינען אין לעמבערג אַלס צווייוואָכנבלאַט פון דער גאַליציאַנער פּ. פּ. ס. ד. פאַר די יידישע אַרבעטער פון גאַליציע. די ערשטע 8 נומערן זענען דערשינען אין יאָר 1893. אַלס אַרויסגעבער האָט פיגורירט יוזעף וואָהלמאַן און אַלס רעדאַקטאָר יאָאַכים ס. פרענקעל (פון יאַנואַר 1894 אָן). אָנהויב 1894 האָט „דער אַרבייטער" זיך געדרוקט אין 500 עקזעמפּלאַרן. וועגן פרענקעלן וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדן אויספירלעכער.

און שיקט צו אַ ידיעה, אויף וואָסערע באַדינגונגען דאָס קען גע־מאַכט ווערן".

אין ליכט פון דאַזיקן בריוו, וועלכער איז געווען געשריבן דעם 29 אַפּריל 1894, איז פּילסודסקיס גרויסער פּראָגראַם־אַרטיקל פון סעפּטעמבער 1893 וועגן אומווילן פון געוויסע יידישע סאָציאַ־ליסטן צום „זשאַרגאָן" אַ היפּש ביסל פּאַרשפּעטיקט און איבריק. פון דאַזיקן בריוו דרינגט, אַז פּילסודסקי האָט גוט געקענט די לאַגע און די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1894 איז דער קאַמף אין די יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן פאַרן גייעם קורס שוין געווען ביי זיין זיגרייכן סוף. די „אָפּאָ־זיציע" — אין אַ גרויסער מאָס אונטער דער ווירקונג פון אַרקאַדי קרעמערס בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" — האָט איינגעזען איר טעות און אָנגעהויבן אָפּטרעטן.

אין באַהאַנדלטן אַרטיקל דערמאָנט אפילו פּילסודסקי, אַז די יידישע סאָציאַליסטן מאַכן פאַרשריט אויפן וועג פון פּאָליטישער מאַסן - אַגיטאַציע. „אונזער בעסטער פאַרבינדעטער — שרייבט ער — איז אין דער הינזיכט די מאַסן־פאַרשפּרייטונג פון אונזערע און פון די זשאַרגאָנישע אויסגאַבן", ווייל „די לעצטע ווייזן די יידישע אַרבעטער, אַז ס'זענען פאַראַן אויף דער וועלט אינטערע־סאַנטערע זאַכן, ווי די „אַבשטשינאַ" און „אַרטיעל"*) און זיי מאַכן פון זיי אמתע סאָציאַליסטן"**).

די דאַזיקע קאָמפּלימענטן פאַר דער זשאַרגאָנישער ליטעראַ־טור דאַרפן אָבער נישט פאַרשטאַנען ווערן, ווי אַ פּרינציפּיעלער קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע־טענדענץ פון די יידישע סאָציאַליס־טישע גרופּן ביזן יאָר 1893 — 1894.

ס'וואָלט געווען נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, ס'וואָלט גע־

---

*) פּילסודסקי רעדט דאָ מיט חוזק וועגן די פּראָבלעמען, וואָס פלעגן באַהאַנדלט ווערן אין דער אַמאָליקער נאַראָדאָוואָלטשעסקער ליטעראַטור. — די פּראָבלעמען פון „אָבשטשינעסיי און „אַר־טיעלןיי (פאַרשידענע מינים קאָאָפּעראַציע).

**) „פּזשעדשוויטיי, לאָנדאָן, 1894, סעפּטעמבער, נומער 9.

No. 1.

דער ארבייטער

"Der Arbajter" ROBOTNIK. Organ Polskiej Partyi Socyalistycznej.

ערשטער נומער ,,אַרבייטער׳׳ (1898)



Nr. 1

די פראלעטארישע וועלט

ערשטער נומער ,,פּראָלעטאַרישע וועלט׳׳
(1903)

יידישע אָרגאַנען פון דער פּ. פּ. ס.

װען סאָציאַליסטיש, װען פּילסודסקי װאָלט אַרױסגעטרעטן קעגן דער רוסיפיצירטקײט פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּעס אין ליטע, װי קעגן אַסימילאַציע בכלל.

אַזױ זענען צום ענין טאַקע צוגעגאַנגען די פּיאָנערן פון „בונד", דאָס איז אַ קאַמף נישט בלױז קעגן ר ו ס י פ י ק אַ צ י ע, נאָר אױך קעגן פּ אָ ל אָ נ י ז אַ צ י ע — קעגן אַסימילאַציע בכלל. אָבער דער דאָזיקער קאַמף איז שױן פּילסודסקין נישט געפעלן געװאָרן.

פּילסודסקיס שטרעבונג איז געװען אָפּצורײסן די יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַװעגונג און פון דער רוסישער שפּראַך, כּדי... זײ צוצושמידן צו דער פּ. פּ. ס. און צו דער פּױלישער שפּראַך. רעכט אױף זעלבסטשטענדיקײט פאַר דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג צװישן די יידישע מאַסן — אױף דעם דאָזיקן לאָזונג האָט ער נישט געװאָלט מסכּים זײן.

אַז ס'איז טאַקע אַזױ געװען באַשטעטיקן די דעמאָלטיקע פּ. פּ. ס.־ישע טוער אַלײן. אין זײערע מעמואַרן געפינען מיר אַ באַשטעטיקונג, אַז די לאַגע צװישן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן אין װ אַ ר ש ע איז געװען ענלעך, װי אַ טראָפּן װאַסער צו דער לאַגע אין װ י ל נ ע. מיט אײן קלײנעם אונטערשיד. אין װילנע איז אַלץ געװען צוגעשפּיצט צו רוסיש און אין װאַרשע — צו פּױליש.

„װי אַ כּינעזישע מױער — דערצײלט אײנער פון די אַמאָליקע יידישע טוער אין דער פּ. פּ. ס. — האָט די יידישע שפּראַך אָפּגעטײלט דעם יידישן אַרבעטער פון פּױלישן. װעגן קומען צום יידישן אַרבעטער און װעגן רעדן צו אים אין זײן שפּראַך האָט נישט געקענט זײן קײן רײד. די יידישע אינטעליגענץ, װאָס האָט שױן דאַן געהערט צו די סאָציאַליסטישע קרײזלעך, האָט נישט געקענט די יידישע שפּראַך. די פּױלישע סאָציאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז נאָר דורך אױסלערנען דעם יידישן אַרבעטער פּױליש װעט געלונגען אים אַרײנצוציען אין דער סאָציאַליסטישער גע־

דאנקען־וועלט (און אזוי האָבן אויך געטראַכט די ערשטע יידישע גרופּן) *).

דער קאַמף פון דער פּ. פּ. ס. קעגן דער רוסיפיצירטקייט פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן אין דער ליטע און פאַר „זשאַרגאָן", איז אזוי ארוב געווען א קאַמף צווישן צוויי אסימי־לאַציע־טענדענצן. יידיש, „זשאַרגאָן", האָט דאָ געזאָלט דינען אלס א דורכגאַנגס־עטאַפּ פון רוסיש צו פּויליש.

יערנפאַלס איז א פאַקט, אז אין דער זעלבער צייט, ווען פּיל־סודסקי האָט אזוי היים באַקעמפט דאָס באַנוצן זיך מיט רוסיש אין די ערשטע סאָציאַליסטישע יידישע גרופּן אין ווילנע, האָבן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן אין ווארשע זיך באַנוצט מיט פּויליש. ווי לאַנג — שטעלט פעסט דער דערמאָנטער יידישער פּ. פּ. ס.ישער טוער — מען האָט געאַרבעט אין ענגע גרופּן, איז די אַרבעט געפירט געוואָרן אויף פּויליש**).

---

*) משה קויפמאַן („משה מעזריטשער"): דער אָנהויב פון דער יידישער אַרבעט פון דער פּ. פּ. ס." („ניעפּאָדלעג־לאָשטשיי", באַנד 7, העפט 3 (17), יאָר 1933, זייט 337).

**) דאָרט זייט 341.

8

צוזאמענארבעט מיט די „זשידקעס"

דאָס יאָר 1894 איז געווען אַ יאָר פון ענגער צוזאַמענאַרבעט צווישן דער פּ. פּ. ס. און די ווילנער יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן.

פּילסודסקי — איינער פון די 3 אָנפירנדיקע טוער פון דער פּ. פּ. ס. אין פּוילן און ליטע און דער איינציקער טוער אין ווילנע אין יענער צייט — האָט דאַן באַדייטנדיק אַרויסגעהאָלפן די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין זייער אַרבעט: געבראַכט זיי פון אויסלאַנד ליטעראַטור, אַראָפּגעבראַכט פאַר זיי פון אויסלאַנד אַ מימיאָגראַף *) א. ד. גל.

פון פּילסודסקיס געבליבענער קאָרעספּאָנדענץ מיט זיינע לאַנדסמאַנער חברים דערוויסן מיר זיך אַ רייע פּרטים וועגן די דאָזיקע באַציאונגען. דורך זיין פאַרמיטלונג פלעגן די ווילנער יידישע סאָציאַליסטן איינקויפן אין אויסלאַנד ליטעראַטור און דער „אויסלענדישער פאַרבאַנד פון פּוילישע סאָציאַליסטן" (ז. ז. ס. פּ.) פלעגט פון דעם האָבן אַ בוכהענדלערישן ראַבאַט.

אין בריוו פון 29 אַפּריל 1894 צום ז. ז. ס. פּ., וועלכן מיר האָבן אָקאָרשט ציטירט, געפינען מיר פאָלגנדיקן אָפּזאַץ:

„פאַרוואָס דערליידיקט איר נישט די ענינים, וואָס מען האָט

---

*) וואָס שייך דעם מימיאָגראַף, איז וועגן דעם געמאַכט געוואָרן אַ טעות אינם בונדישן זאַמלבוך „25 יאָריי (זייט 112) און אין מיינע אַרטיקלען אין דער ניו־יאָרקער „צוקונפטיי האָב איך דעם דאָזיקן פעלער איבערגעחזרט: פּילסודסקי האָט געבראַכט דעם מי־מיאָגראַף נישט אין יאָר 1895, נאָר מיט אַ יאָר פריער — אין יאָר 1894.

איך איבערגעגעבן, ס׳פּאַסט דאָך נישט אַזוי אָפּצושלעפּן. פון ווען אָן איר האָט שוין די באַשטעלונגען אויף יידישע בראָשורן און ביז איצט הערט מען נישט און מען זעט נישט. באמת, ס׳איז אַ חרפּה צו קוקן די מענטשן אין די אויגן אַריין. געלט האָט מען גענומען, מען האָט צוגעזאָגט, אָבער וועגן האַלטן דעם צוזאָג איז נישטאָ קיין רייד. ס׳לאָזט זיך מערקן ביי אייך עפּעס אַן אומווילן צו דערליידיקן פרעמדע עסקים. כ׳פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז מיר קענען נישט זיין קיין קאָמיסיאָנערן אין דער הינזיכט און מיר אַליין נעמען דאָך אויך אויף זיך נישט געהן די דאַזיקע פליכטן. אָבער אויב מען מוז, קען מען פיל אויפטון. געדענקט, אַז פון דאַזיקן געשעפט האָבן מיר געוויסע געלט־מיטלען, וועלכע זענען אונז דאָך איצט שטאַרק נויטיק. כ׳בעט אייך זייער, אַז איר זאָלט מער נישט אָפּשלעפּן מיט אַזעלכע זאַכן. איר פאַרשאַפט אונז מיט דעם פיל אומאַנגענעמלעכקייטן, וועלכע אַרן אייך נישט, ווייל איר פילט זיי נישט״.

נישט תמיד פלעגט זיין די מניעה מיצד די אויסלענדער. טייל־מאָל פלעגט עס אויך זיין פאַרקערט. וועגן אַזאַ פאַל דערוויסן מיר זיך פון פילסודסקיס בריוו, וועלכער איז געשריבן מיט אַ חודש שפּעטער (סוף מאַי 1894).

„מיטן דאַזיקן געלט — שרייבט פילסודסקי צו דעם ז. ז. ס. פּ. — מוזן מיר אָפּצאָלן אַ חוב, וואָס ליגט אויף אונז שוין לאַנג און וועלכער לאָזט אונז נישט רוען — אַ חוב די „זשידקעס״. כ׳בין זיי שולדיק 200 רובל, וואָס מיר האָבן ביי זיי גענומען אויף צו קויפן פאַר זיי ביכער, אָבער מיר האָבן דערווייל אויסגעגעבן ס׳געלט אויף אונזערע עסקים. איצט האָב איך זיי אָפּגעזאָגט צו ברענגען די ביכער און כ׳מוז זיי אָפּגעבן ס׳געלט. זיי בעטן, מען זאָל אָפּשיקן ס׳געלט צו אַקסעלראָדן״ (וועלכער האָט זיך דאַן גע־פונען אין ציריך — פּ. ש.).

גראַד איז דאַן געבליבן שטעקן אין די הענט פון דער פּ.פּ.ס. בערך 150 רובל, וואָס די רוסישע גרופּע „נאַראָדנאַיאַ פּראַוואָ״ (איר צענטער און דרוקעריי איז געווען אין סמאָלענסק) האָט זיי געגעבן אויף איינצוקויפן ליטעראַטור. אַלע „נאַראָדאָפּראַוו־

צעם" זענען גראָד ארעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט זייער דרוקעריי און פּילסודסקי האָט געהאַלטן, אַז „דאָס געלט גייט איבער צו אונז". אָט דאָס דאָזיקע געלט האָט ער טאַקע געהייסן איבערשיקן אַקסעלראָדן, כּדי דערמיט צו דעקן דעם חוב די ווילנער יידישע סאָציאַליסטן.

„כ'צווייפל — שרייבט פּילסודסקי ווייטער — צי כ'האָב אייך געשיקט אויף די צווייטע רוסישע באַשטעלונג 200; שיקט־זשע ארויס אַקסעלראָדן אַזויפיל, וויפל מיר האָבן אייך געשיקט אויף די דאָזיקע באַשטעלונג, און שרייבט אים אָן, אַז דאָס געלט האָט מען אייך געשיקט פון ווילנע, און כּדי צו פאַרענטפערן די אָפּשלעפונג, שרייבט אָן, אַז ערשט איצט האָט איר דערהאַלטן אַ ידיעה, אויף וואָס ס'געלט איז באַשטימט".

אין זעלבן בריוו בעט פּילסודסקי זיינע לאָנדאָנער חברים, אַז זיי זאָלן אים באַציען אַ יידישע צייטונג פון אַמעריקע. „דאָס איז שוין נישט פאַר מיר" — שרייבט ער וועגן דער דאָזיקער צייטונג. אויך זי האָט ער, מסתמא, געדאַרפט האָבן פאַר די ווילנער „זשידקעס". ער פאַרזיכערט דערביי, אַז „געלט אויף דעם לעצטן וועט מען אויך ארויסשיקן."

אויך וועגן מימיאָגראַף רעדט ער אין דאָזיקן בריוו. ער רעדט וועגן דעם אין 2 ערטער, אָבער פון ביידע ערטער דרינגט נישט ארויס, צי ער מיינט טאַקע דעם מימיאָגראַף, וועלכן ער האָט געבראַכט פאַר די ווילנער יידישע סאָציאַליסטן. ערשט אין איינעם פון זיינע ווייטערדיקע בריוו (געשריבן אין דער צווייטער העלפט יולי 1894) באַשטעטיקט זיך דאָס.

„איר האָט צוגעשטעלט אַ מימיאָגראַף — לייענען מיר דאָרטן — איצטער קלאָגן זיך די „זשידקעס", אַז צווישן די טיילן פעלט די וויכטיקסטע, און נעמלעך דער מעטאַלענער בלאַט. צי זאָלט איר האָבן פאַרגעסן עס ארויסצושיקן? מסתמא, נישט. כ'מיין דערייבער, אַז אָדער די פּאַצעטן קענען נישט די מלאכה אין אויב אַזוי שיקט צו עפּעס אַ באַשרייבונג פון דאָזיקן אינסטרומענט, אָדער דער בלאַט איזווירקלעך ערגעץ געבליבן שטעקן אין וועג".

וואָס שייך דעם חוב, האָבן די אויסלענדער אויך, זעט אויס, זיך נישט געאיילט. דעם 15 יולי 1894 שרייבט פּילסודסקי נאָך אַלץ וועגן דעם, אַז מען דאַרף אָפּצאָלן דעם חוב. „באמת זיך נאָר — שרייבט ער — זיך אַרויסצודרייען פֿאַר אַקסעלראָדן צוליב דער אָפּשלעפּונג אין באַצאָלן דעם חוב, ווייל דאָ וועל איך דאָס אַרויפוואַרפן אויף אייך”.

9

איל זיעס

פארשטייט זיך, אז נישט צוליב סתם־פריינטשאפט האט די פ. פ. ס. און איר טוער פילסודסקי געהאלפן דער ווילנער גרופע יידישע סאציאלדעמאקראטן אין זייער ארבעט. ס'האט דעמאלט געהערשט ביי פילסודסקין די איבערצייגונג, אז די ווילנער „זשיד־קעס" — ווי ער פלעגט זיי רופן — וועלן זיך לאזן איינציקוויז אריינציען אין דער פ. פ. ס. אדער לכל־הפחות אין פ. פ. ס.־ישן ווירקונגס־קרייז.

שוין אין דערמאנטן בריוו פון סוף מאי 1894 שרייבט פיל־סודסקי: „אפילו די ליטווישע „זשידקעס" הייבן זיך אן אריבער־בייגן צו אונז, און דאס וואלט דאך געווען דער גרעסטער נצחון, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלן. יעדנפאלס האבן זיי אפגעזאגט צו באציען די „ספראווא ראבאטניטשא" און אירע אויסגאבן. כ'מיין, אז אויך אויף זיי וועט מאכן א גרויסן איינדרוק אן איינ־לענדישע ציטונג".*)

די דאזיקע גוטע באציאונגען דויערן א היפש שטיקל צייט. מיט 10 חדשים שפעטער — סוף מערץ אדער אנהויב אפריל 1895 — איז פילסודסקי גאר ענטוזיאסטיש געשטימט.

„מען דארף אונטערשטרייכן — שרייבט ער דאן קיין אויס־לאנד — אז אין רעזולטאט פון דער פריערדיקער געגנוג־פיבער־האפטער טעטיקייט, איז אומעטום פאראן א גרויסער אינטערעס

*) פילסודסקי מיינט דעם אומלעגאלן „ראבאטניק", וועלכן פ. פ. ס. האט דאן זיך געגרייט ארויסצוגעבן אונטער דער רע־דאקציע פון יוזעף פילסודסקי און יאן סטרוזשעצקי. דער ער־שטער נומער איז דערשינען דעם 12 יולי 1894.

פאַר דער פּ. פּ. ס., זי איז געוואָרן אַ שטאַרקע צוציִאונגס־קראַפט, אויסער די גרענעצן פון לאַנד מערקט זיך גרויסע באַוואונדערונג (ביי די „קאַצאַפּעס''*) און אַנדערע) און אַכטונג. דאָס איז אַ פאַקט, וועלכן ס'לייקנט שוין נישט אפילו וו אַ צ ע ק**), דער דאָזיקער אַלטער בעל־טענה. קליינע באַווייזן פון דאָזיקן אַנזען, פון וועלכן מיר געניסן איצטער, וועל איך נישט ברענגען, כאָטש איך אַליין האָב זיך מיט זיי אומעטום באַגעגנט און — דאָס איז דאָס בעסטע — אפילו ביי אונזערע קעגנער, ווי ביי די „אָרטיקע''***), ביי די ליטווישע „זשידקעס'', וועלכע צמאָקן איצט, רעדנדיק וועגן אונז, ווי זיי האָבן אַמאָל געצמאָקעט, רעדנדיק וועגן דער ס. ד., אפילו די לעצטע (ס. ד.) פאַרשפּרייטן אונזער ליטעראַטור''.

דאָס יאָר 1895 איז טאַקע געווען אַ יאָר פון אויסערלעכן גלאַנץ פון דער פּ. פּ. ס. פּילסודסקי האָט מיט רעכט פאָראויסגעזען אין זיינע פריערדיקע בריוו, אַז דאָס דערשיינען פון „ראַבאָטניק'' וועט אויף אַלעמען מאַכן אַ שטאַרקן רושם. אין דער הינזיכט זענען די יאָרן 1894 — 1895 געווען אמתע גלאַנץ־יאָרן: גענוג צו זאָגן, אַז סיי אין יאָר 1894 און סיי אין יאָר 1895 איז דער „ראַבאָטניק'' דערשינען צו 6 נומערן יערלעך. (פאַר יענע יאָרן און פאַר יענע פאַרהעלטענישן איז דאָס אַן ערנסטע ציפער). באַזונדערס גרויס איז דאָ געווען דער רעקאָרד אין יאָר 1894, ווייל די ציַיטונג האָט אָנגעהויבן דערשיינען ערשט אין מיטן יאָר, אַרום יולי.

---

*) אַזוי פלעגט פּילסודסקי אָפט אָנרופן אין זיין בריוו די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן: „קאַצאַפּעסיי'', „מאָכעסיי'' (פון וואָרט „מאָסקאַלעסיי) א. ד. גל.

**) דעמאָלטיקער פּאַרטיי־פּסעוודאָנים פון שפּעטערדיקן פּויליש מלוכה־פּרעזידענט וואָיטשעכאָווסקי, וועלכער האָט געהערט צו די גרינדער און עלטסטע פירער פון פּ. פּ. ס.

***) „אָרטיקעיי'' רופט מען נאָך היינט אין די ליטוויש־ווייסרוסישע פּראָווינצן, וואָס געהערן צו פּוילן, אַזעלכע מענטשן, וואָס האַלטן זיך נישט פאַר קיין פּאָליאַקן, און באַצייכענען זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט מיטן דערמאָנטן אויסדרוק („כּיבּין אַז „אָרטיקעריי'').

וועגן דערפֿאָלג פֿון דער פּ. פּ. ס. אין יענע 2 יאָר דערציילט אונדז ש. פּסחזאָן („אַן אַלטער באַקאַנטער"). אָט וואָס מיר לייענען ביי אים:

„אין פֿרילינג 1895 — דערציילט פּסחזאָן — בין איך צוליב מיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד אַוועקגעפֿאָרן אין אַ דאָרף, וואו איך האָב פֿאַרבראַכט אַ גאַנץ יאָר, און ווען איך בין צוריקגעקומען אין אַפּריל 1896, האָב איך פֿון די אַלטע חברים שוין כּמעט קיינעם נישט געטראָפֿן, ווייל דאָס ביסל, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון די אַרעסטן, איז צוריק אַוועקגעפֿאָרן קיין ווילנע. אויפֿן פּלאַץ איז נאָר פֿאַרבליבן די גרופּע געוועזענע שילער פֿון דער האַנטווערקער־שול, וועלכע זענען דערווייל אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון דער פּ. פּ. ס., וועלכע איז אין די פּאָר יאָר שטאַרק אויסגעוואַקסן און אַרויסגעגעבן 2 אומלעגאַלע צייטונגען: אין לאַנד — דעם „ראַבאָטניק" און „גורניק" — און דעם „פּזשעדשוויט" אין אויסלאַנד".

דאָס, וואָס פּסחזאָן דערציילט, האָט קודם־כּל אַ שייכות צו וואַרשע, וואו — ווי ער זאָגט — די עקזיסטירנדיקע יידישע גרופּן זענען צו יענער צייט אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון פּ. פּ. ס. און אפֿילו זיך מיט איר פֿאַרבונדן אָרגאַניזאַציאָנעל.

אין ווילנע האָט יעדנפֿאַלס דערביי נישט געקענט האַלטן. דאָ האָט העכסטנס געקענט זיין אַ רייד וועגן דעם, ווי פּילסודסקי דרוקט זיך אויס, אַז ס'זאָל זיך הויבן דער אָנזען פֿון פּ. פּ. ס. צוליב איר גוט־אויסגעשטעלטן טעכנישן אַפּאַראַט. ס'איז נישטאָ קיין שום סימנים, אַז דאָס זאָל האָבן געהאַט אַן אידעישע ווירקונג אויף דער ווילנער, דעמאָלט שוין פֿאַרצווייגטער, אָרגאַניזאַציע פֿון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע איז שוין דאַן, אין יאָר 1895, געווען אַ מאַסן־באַוועגונג (די ווילנער יידישע סאָציאַל־

---

*) „אַן אַלטער באַקאַנטער: „אין וואַרשע ערב בונד" (זאַמלבוך: „25 יאָר", וואַרשע, 1923, זייט 43). וועגן „גורניק" האָט פּסחזאָן אַ טעות, ווייל דער ערשטער נומער פֿון דערדאָזיקער אויסגאַבע איז ערשט דערשינען אין מאַי 1897.

דעמאָקראַטן האָבן אין יענעם יאָר שוין דורכגעפירט שטרייקן, 2 גרויסע מאַי־פאַרזאַמלונגען א. ד. גל.)

ליידער ווערט וואָס ווייניקער די צאָל מענטשן, וואָס וואָלטן געקענט דערציילן גענויער און אויספירלעכער, ווי וויט ס'זענען דאַן אַוועק די באַציִונגען צווישן דער פ. פּ. ס. מיט די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. פון פּילסודסקיס דעמאָלטיקע בריוו איז יעדנפאַלס קלאָר, אַז ער האָט אין יאָר 1895 געהאַט ווייטגייענדיקע אילוזיעס וועגן אַ מעגלעכקייט פון פולשטענדיקער אַריינגיסונג פון די יידישע ווילנער גרופּן אין דער פּ. פּ. ס. ווי מיר זעען פון זיין בריוו נאָך פון יאָר 1894, וואָלט ער דאָס גע־האַלטן פאַר זיין גרעסטן נצחון.

ווי גרויס ס'זענען דאַן געווען פּילסודסקיס אילוזיעס אין דער הינזיכט, קען מען זען אַמבעסטן פון געשריבענעם באַריכט פון צ. ק. ר. פון דער פּ. פּ. ס. צום דריטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועל־כער איז פאָרגעקומען אין יוני 1895 אין ווילנע. אַ באַזונדער קאַפּיטל פון דאָזיקן באַריכט, וועלכער איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך פּילסודסקין, רעדט וועגן די באַציִונגען מיט די יידישע סאָ־ציאַליסטן.

אין דאָזיקן אָפּזאַץ לייענען מיר:

„ענגערע באַציִונגען זענען נאָר געווען מיט די נאָענטסטע שכנים: מיט די יידן און ליטווינער. אונזער טעטיקייט האָט אויך אויף זיי אַ ווירקונג. למשל, די יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן פריער אָפן זיך דעקלאַרירט אין זייערע סימפּאַטיעס צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (דאָס מיינט פּילסודסקי די גרופּע פון ראָזאַ לוקסעמבורג — פּ. ש.), זענען איצט פריינטלעך געשטימט צו אונז, און ביי געוויסע זייערע טוער, וואָס זענען נישט געפּענטעט מיט רוטין און טראַדיציע, דערשיינט אַלץ אָפטער דער געדאַנק וועגן אַן ענגערער פאַראייניקונג מיט אונז. די אַרבעט, וואָס זיי פירן איז אַ ברייטע, אָבער צום אומגליק איז די ריכטונג אַ פאַל־שע — אַ צופיל סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, הגם אויך אין דער הינזיכט שלאָגט זיך אַדורך ביי געוויסע פערזאָנען אַ ווילן צו באַ־פאַרבן די באַוועגונג מיט אַ רויטערער קאָליר".

ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, שווער איצט פֿעסטצושטעלן, ווער זענען עס דעמאָלט געווען אין ווילנ,ע צווישן די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די „טוער, וואָס זענען נישט געפּענטעט מיט רוטין און טראַדיציע" און בײַ וועלכע ס'האָט אַלץ אָפּטער זיך באַוויזן „דער געדאַנק וועגן אַן אַלץ ענגערער פֿאַרייניקונג מיט אונז". מעגלעך, אַז אויך דאָס — די האָפֿנונג אויף יחידים — איז געווען נישט מער, ווי אַן אילוזיע. ס' איז יעדנפֿאַלס כאַראַקטעריסטיש פֿילסודסקיס דעמאָלטיקע באַציונג צו אַלע, וועלכע זענען געשטאַנען אויסער דער פּ. פּ. ס. — די דאָזיקע באַציאונג דרינגט אַרויס פֿונם ציטירטן אָפּזאַץ פֿון דערמאָנטן באַריכט: פּ. פּ. ס. איז לויט אים דאַן געווען די רויטסטע פּאַרטיי און די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן, ווי ער שרייבט, זיך געררויטלט צוליב דער... דערנענטערונג צו פּ. פּ. ס....

ווילנע-לעמבערג

די ווילנער און ביאַליסטאָקער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן היבן אָן אַרויסצוגעבן אין יאָר 1895 אַ סעריע העקטאָגראַפירטע און שפּעטער אויך געדרוקטע אַגיטאַציע־בראָשורן. אין דער יידישער מעמואַרן־ליטעראַטור געפינען מיר זייער ווייניק פּרטים וועגן דעם, ווי אַזוי די דאָזיקע בראָשורן זענען געזעצט, געדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן. בלויז ב. מיכאַלעוויטש גיט אָן, אַז די דאָזיקע בראָשורן זענען געדרוקט געוואָרן אין אויסלאַנד.*)

גענויערע פּרטים דערוויסן מיר זיך וועגן דעם פון פּילסודסקיס דעמאָלטיקע בריוו צו זיינע אויסלענדישע חברים. רעכענעדיק אויף דער אַריינגיסונג פון די יידישע ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דער פּ. פּ. ס., האָט זיי דערווייל פּילסודסקי פאַרבונדן מיט איינצלנע יידישע טוער פון דער גאַליציאַנער פּ. פּ. ס. (פּ. פּ. ס. ד.). אין צענטער פון די דאָזיקע פאַרבינדונגען שטייט דער לעמבערגער יידישער אַרבעטער־טוער יאָאַכים פרענקעל, דער רעדאַקטאָר פון גאַליציאַנער שוין־דערמאָנטן „אַרבייטער". זיין נאָמען באַגעגענען מיר זייער אָפט אין פּילסודסקיס קאָרעספּאָנדענץ וועגן יידישע פראַגן **).

---

*) ב. מיכאַלעוויטש: „ערב בונדיי (ערשטער זאַמלבוך „רויטער פנקס", וואַרשע, 1921, זייט 39).

**) וועגן דער פּערזאָן פון דאָזיקן אינטערעסאַנטן מענטש און סאָציאַליסט איז נויטיק צו זאָגן עטלעכע ווערטער. ער האָט געהערט צו די עלטסטע אַרבעטער־טוער אין גאַליציע. צווישן אַנדערן איז ער געווען דער פאָרזיצער פון דער ערשטער מאַי־פאַרזאַמלונג אין לעמבערג אין יאָר 1890 (אָדער 1891). אין

העכער האָבן מיר שוין ציטירט פּילסודסקיס א בריוו פון אַפּריל 1894 צו זיינע אויסלענדישע חברים, אַז זיי זאָלן זיך פאַר־שטענדיקן מיט פרענקעלס לעמבערגער „אַרבייטער" וועגן צופּאַסן די דאָזיקע ציטונג אויך צו די באַדערפעניש פון די יידישע סאָ־ציאַליסטישע אַרבעטער אין קאָנגרעס־פּוילן.

פּילסודסקי הערט נישט אויף זיך צו פאַרנעמען מיטן דאָזיקן ענין. פרענקעל הויבט אָן דרוקן בראָשורן פאַר די ווילנער און ביאַ־ליסטאָקער יידישע סאָצ.־דעמאָקראַטן — אַט די דאָזיקע בראָשורן מיינט טאַקע, זעט אויס, ב. מיכאַלעוויטש, ווען ער רעדט וועגן די ערשטע אויסגאַבן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין אויסלאַנד.

מיט דער צייט זענען די באַציונגען צווישן

דער דאָזיקער מאַי־פייערונג האָבן זיך באַטייליקט יידישע און פּוילישע אַרבעטער.

אַלס אַ זון פון אַ רייכער סוחרישער פאַמיליע, האָט יאָאַכים פרענקעל געענדיקט גימנאַזיע און שטודירט געשיכטע (אין „קוואַר־טאַלניק היסטאָרישניי" האָט ער אָפּגעדרוקט אַ רייע אַרבעטן פון דעם געביט). צום סוף פון די אַכציקער יאָרן, נאָך אַלס סטודענט, איז ער שוין אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט. אַ צייט נעמט ער אָנ־טייל אין דער אַסימילאַטאָרישער געזעלשאַפט „אגודת־אחים", אָבער אינגיכן טרייסלט ער זיך אָפּ פון דער זעלבסטצופרידענער אַסימילאַציע און ער הייבט אָן עפנטלעך אַטאַקירן — אין אָרגאַן פון דער זעלבער געזעלשאַפט — די פירער פון דער לעמבערגער יידישער אַסימילאַטאָרישער קליקע, וועלכע הערט אויף דעריבער צו געבן געלט אויף דער צייטונג און זי הערט דעריבער אויף צו דערשיינען.

ווען עס גרינדעט זיך די גאַליציאַנער פּ. פּ. ס. ד., ווערט פרענ־קעל געוויילט אַלס מיטגליד פון לעמבערגער קאָמיטעט, צו וועלכן ער געהערט פיל יאָרן, פאַרנעמענדיק אויך אַ רייע יאָרן דעם אַמט פון פאָרזיצער. ער רעדאַגירט אויך אַ רייע אויסגאַבן פון דער דע־מאָלטיקער פּ. פּ. ס. ד. (אין יאָר 1892 געהערט ער צוזאַמען מיט דאַשינסקין און דיאַמאַנדן צום רעדאַקציע־קאָמיטעט פון לעמ־בערגער צווייוואָכנבלאַט „ראָבאָטניק", אין די יאָרן 1895־1893 רעדאַגירט ער אויך די אויסגאַבע „נאָווי ראָבאָטניק"). דעם „אַר־בייטער", אָרגאַן פון דער פּ. פּ. ס. ד. פאַר די יידישע אַרבעטער,

פרענקלען און די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן געוואָרן זעלבסשטענדיק. סוף אַפּריל 1895 שרייבט פּילסודסקי צו זיינע לאָנדאָנער חברים:

„דעם ביינעליינגטן יידישן מאַנוסקריפּט און דעם בריוו שיקט אַרויס צום „אַרבייטער", איך וואָלט אייך געבעטן אָנפרעגן דעם „אַרבייטער", וואָסער בראַשורעלעך זיי (די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — פּ. ש.) שיקן אייגנטלעך אַהין צום דרוקן. דערוואוסט זיך ביי אים, אויף וואָס עס שטיצט זיך זיין באַציאונג מיט אונזערע „זשידקעס". צי וואָלט ער נישט געקאָנט אויסאיבן אַן איינפלוס אויף זייערע אויסגאַבן, אַ פּאַר אונז געוואונשענעם איינפלוס".

אין די ערשטע טעג פון יוני 1895 שרייבט ער:

„די יידן האָבן אייך, מסתמא, אַרויסגעשיקט די מאַי־בראָשור אין יידיש, שיקט זי איבער ביי עפּעס אַ טראַנספּאָרט צוזאַמען מיט די אַנדערע איזראַעליטישע טינטלעריען, וואָס זיי קענען אייך צושיקן. די יידן פאַרבעסערן זיך אומגעהויער. וואָסער פאַרשריט פון די אַמאָליקע ציטן! פּלאַי - פּלאַים!"*)

און דאַן קומט אַ בריוו פון 9 יולי 1895:

„כ'שיק אייך איצט...... און אַ בריוו פון די יידן צום „אַרבייטער", שיקט עס איבער. אַ פּראָפּאָ די יידן. זינט מעניאָס

וועלכן מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט ער רעדאַגירט פון ערשטן ביזן לעצטן נומער (דער לעצטער נומער איז דערשינען אין יאָר 1896).

צוליב זיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט איז אים שווער צו באַקומען אַרבעט און ער בלייבט אָן מיטלען צום לעבן. צום גליק באַקומט ער דעם פּאָסטן פון באַאַמטן פאַר יידישע מעטריקעס אין לעמבערגער מאַגיסטראַט. אויפן דאָזיקן פּאָסטן פאַרבלייבט ער שוין ביזן טויט (ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1904).

*) לויט וואַסילעווסקי פאַרזיכערט, אַז די מאַי־בראָשור וועגן וועלכער פּילסודסקי רעדט אין דאָזיקן בריוו, איז געשיקט געוואָרן צום „אַרבייטער" פון ווילנע דורך בערלין, וואו די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון יענער צייט האָבן דאַן געהאַט זייערן אַ פאַרטרעטער.

שמועס מיט זיי*) האָבן זיי געמאַכט אומגעהויערע פאָרשריט. טייל פון זיי זאָגן טיילמאָל אַזעלכע אַרויס „אונזערע גערדאַנקען", אַז איך וואונדער זיך אַזש, פון וואַנען דאָס נעמט זיך. יעדנפאַלס לאָזן זיי זיך שטאַרק באאיינפלוסן, הויפטזאַכלעך די יינגע, וועל־כע ס'האַלט נאָך אָפּ פון דער ענדגילטיקער פאַרייניקונג מיט אונז אָפטמאָל שוין בלויז דער אויטאָריטעט פון די אַלטע, צופיל איבער־סאָציאַל־דעמאָקראַטיזירטע, כאָטש אויך זיי ווערן היפּש וויכער".

*) דאָ ווערט געמיינט ס ט. מ ע נ ד ע ל ס אָ ן, וועלכער איז געווען סוף 1893, נאָכן פאַריזער צוזאַמענפאָר, אין ווילנע, און דאָרט זיך באַגעגנט מיט די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

11

אן אינטערעסאנטער דאקומענט

די אילוזיעס וועגן דער מעגלעכער אריינגיסונג פון די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראטן אין פ. פ. ס. דויערן בערך א יאָר — ביז דער צווייטער העלפט 1895.

אין פילסודסקיס בריוו פון יענעם פעריאָד וועלן מיר געפונען נאָך נישט איינמאָל די פראזע, אז די „זשידקעס" פארבעסערן זיך, אָדער, ווי פילסודסקי האָט געמיינט, אז זיי דערנענטערן זיך אלץ מער צו דער פ. פ. ס.

בלי־ספק, א געוויסע דערנענטערונג אין הינזיכט פון טאַקטיק איז געווען צו פארצייכענען. פ. פ. ס. איז באלד לכתחילה געווען איינגעשטעלט צו ווערן א מאסן־פארטיי, בעת די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע גרופן האָבן, ווי מיר ווייסן, דורכגעמאכט אין דער הינזיכט א שווערן אינערלעכן קריזיס ביז זיי זענען ארויף אויפן וועג פון מאסן־אגיטאציע און פּאָליטישען קאמף.

פרייענדיק זיך פון דער דאָזיקער עוואָלוציע פון די יידישע סאָציאַליסטישע גרופן, האָט פילסודסקי געמיינט, אז דאס וועט פירן צו א צווייטער עוואָלוציע — אויך אין דער פראגע פון די פּאָליטישע לאָזונגען פון דער פ. פ. ס.

יעדנפאלס האָט פילסודסקי איינציקווייז און פאמעלעך אָנגעהויבן מאכן די ערשטע שריט, די ערשטע פרוון, זיך אריינצומישן אין די אינערלעכע ענינים פון די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראטן, קאָנטראָלירן זייער טעטיקייט, באגרענעצן זייער זעלבשטענדיקייט.

וועגן די דאָזיקע פרוון זאָגן עדות די שוין־ציטירטע בריוו פון סוף אפריל און אָנהויב יוני 1895. דעם 7 סעפטעמבער פון

דייר וו־טאָלד יאָדקאָ־נאַרקעוויטש
(מחבר פון פיל אַרטיקלען קעגן „בונד״)

לעאָן וואַשילעווסקי
(ערשטער רעדאַקטאָר פון פ. פּ. ס.־ישן
„אַרבייטער״)

רעדאַקטאָרן פון לאָנדאָנער פּ. פּ. ס.־ישן „פּזשעדשוויט״ אין די יאָרן פון פאַר־
ביסענעם קאַמף קעגן „בונד״.

זעלבן יאָר קלערט אויף פּילסודסקי זיינע אויסלענדישע חברים, וואָסער טאַקטיק ער וועט נוצן אָן לגבי די יידישע גרופּן. ער טוט דאָס אין איינעם פון זיינע בריוו, וועלכער איז צוליב דעם אַ זייער אינ־טערעסאַנטער דאָקומענט:

„כ׳שטעל זיי נאָך נישט — שרייבט ער וועגן די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — קיין שום שאַרפע באַדינגונגען, צום ביישפּיל וועגן קאָנטראָלירן זייערע אויסגאַבן, וואָס וועלן דורכגיין דורך אונזערע הענט. כ׳טו עס נישט הויפּזאַכלעך דערפאַר, ווייל כ׳וויל זיי נישט צערייצן ביז כ׳וועל נישט האָבן פולשטענדיק אויס־גענוצט זייערע פאַרבינדונגען״.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז די ערשטע שריט זענען שוין נישט געמאַכט געוואָרן. אדרבא:

„די לעצטע — שרייבט פּילסודסקי ווייטער — ביכער־באַשטע־לונגען (אויפן חשבון פון חוב) זענען נישט נאָר פאַר זיי, נאָר אויך פאַר די „מאָכעס״, מיט וועלכע זיי זענען ביז איצט געשטאַנען אין גאָר נאָענטע באַציונגען. ווען כ׳האָב אָפּגענומען די דאָזיקע באַשטע־לונג, האָב איך זיי געזאָגט, אַז אַזאַ שטעלונג זייערע האַלטן מיר פאַר נישט נאָרמאַל, אַז דעם „סיעווערא־זאַפּאַדני קראַי״ (אַזוי האָט מען דאַן אין רוסלאַנד גערופן ליטע און ווייסרוסלאַנד — פ. ש.) באַטראַכטן מיר פאַר אַ געביט, וואָס איז אַרומגענומען מיט אונזער טעטיקייט, און מיר קענען דעריבער נישט דערלאָזן, אַז די „מאָכעס״ זאָלן דאָ האָבן אָפיציעלע באַציונגען מיט עמעצן אַנדערש אויסער אונז, ווי מיט די פאָרשטייער פון דאָזיקן לאַנד, און אַז מיר נעמען דעריבער אויף זיך די מאָסקווער פאַרפליכטונ־גען, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז די „מאָכעס״ וועלן אָפּנעמען זייערע ביכער נישט פון זייערע הענט, נאָר פון אונזערע. ווען ס׳וועט במילא אָנקומען די באַשטעלונג, וועל איך זאָגן די „מאָכעס״, אַז פון איצט אָן קענען זיי האָבן צו טון נאָר מיט אונז און כ׳וועל זיי אויפקלערן אונזער שטאַנדפּונקט, און די „זשידקעס״ וועל איך אָנזאָגן, אַז די קאַצאַפּסקע „ביבולע״ וועלן זיי שוין קיינמאָל מער נישט באַקומען אין אַ גרעסערן סכום, כדי זיי זאָלן נישט קענען

פאַרדרייען די „קאַצאַפּעס“ דעם קאָפּ מיט זייער אומאָפּהענגיקייט פון אונז“.

זעט אויס, אַז פרענקעל און די דעמאָלטיקע רעדאַקציע פון לעמבערגער „אַרבייטער“ האָבן לכתחילה נישט געוואָלט פאָלגן פּילסודסקיס עצה וועגן איינצוימען און „נעמען אין די הענט אַריין“ די ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

„כ'מיין — שרייבט פּילסודסקי אין שוין ציטירטן בריוו — אַז אין דער צוקונפט וועלן מיר האָבן ביי זיך אויפן לאַגער יידישע אויסגאַבן און מיר וועלן אפילו מוזן אַליין אַרויסגעבן עטלעכע זאַכן. נו, איצט וואָלט איך געוואָלט, אַז דער „אַרבייטער“ זאָל פאַרשטיין אונזער שטעלונג און זיך צופּאַסן צו איר כאָטשבי דורך אַ לייכטער צענזור פון די אויסגאַבן. נ. ב.*) אַלע איבערגעשיקטע צו אייך מאַנוסקריפּטן שיקט אָפּ צום „אַרבייטער“. כ'האָב שוין עטלעכע מאָל גערעדט מיט פאַרשידענע „פּאַצעטן“ וועגן פאַרוואַנדלען דעם „אַרבייטער“ אין אַ פּאַרטיי־אָרגאַן אויך פאַר אונזער לאַנד, אָבער ס'איז שווער מיט דעם אַלעם זיך צו געבן אַן עצה. ווען איך זאָל וועלן זיך אַרויסרייסן קיין אויסלאַנד, וויל איך אומבאַדינגט פערזענלעך זיך אַדורכשמועסן מיט פרענקעלן וועגן די דאָזיקע זאַכן“.

צו וואָס ס'האָבן געפירט די דאָזיקע פרוון איינצוימען די זעלבסשטענדיקייט פון די יידישע גרופּן, וועלן מיר זען פונם נאָענטסטן קאַפּיטל.

---

*) נ. ב. — דאַרף, מסתמא, הייסן: nota bene — (פאַרצייכן עס דיר גוט).

12

אונטערהאַנדלונגען צווישן אַנאַסטאַזי רוג און אַרקאַדי קרעמער אין ווילנע

איינגיכן הויבט אַלץ אָן צוריק קאַליע ווערן און דאָס יאָר 1896 — כאָטש פּילסודסקי גיט נאָך נישט אויף זיינע אילוזיעס, אַז די פּ. פּ. ס. וועט איינשלינגען די יידישע גרופּן — איז אַ יאָר פון ערנסטע רייבונגען צווישן ביידע צדדים.

צווישן די וואַרשעווער יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן, וועלכע געפינען זיך אונטער דער אָנפירונג פון פּ. פּ. ס., און די פּאַרטיי־אינסטאַנצן אַנטשטייען די ערשטע ערנסטע קאָנפליקטן צוליבן פאַרנאַכלעסיקן די „יידישע אַרבעט".

די יידישע גרופּן פאָדערן ליטעראַטור אין יידיש און די פּאַרטיי, ווי מיר זעען עס פון די ציטירטע בריוו, בלייבט ביים רעדן. „מאַריאַן" — דער דעמאָלטיקער פירער פון די יידישע גרופּן, אַן אַסימילירטער יידישער אינטעליגענט, דער באַנק־אָנגעשטעלטער אַנאַסטאַזי קאַזשימיעזש רוג — שטורמט, אַז מען זאָל אים געבן ליטעראַטור און מענטשן צו דער אַרבעט, כדי צו קענען באַהערשן די וואַקסנדיקע באַוועגונג.

הילף אין מענטשן איז געקומען. אַביסל האָט גענומען צוהעלפן אין דער יידישער אַרבעט דער באַקאַנטער פירער פון פּ. פּ. ס. אַלעקסאַנדער מאַלינאָווסקי („וולאַדעק") און שפּעטער — דער קינפטיקער פירער פון דער קאָמפּאַרטיי און אָנגעזעענער טוער פון קאָמינטערן מאַקס האָרוויץ (הענריק וואַלעצקי).

וואָס שייך ליטעראַטור, פלעגט מען ענטפערן: „מיר פאַרמאָגן אַ פיל־מיליאָניקע אָרעמע פויערן־מאַסע און מיר האָבן נישט קיין

מעגלעכקייט זי צו אָרגאַניזירן, טאָ ווי־זשע קענען מיר טראַכטן וועגן יידישער ליטעראַטור״*).

אויף דער שוועל פון די יאָרן 1895 — 1896 רייסט זיך אַריין קיין וואַרשע אַ נייער ווינט. עטלעכע פון יענע ווילנער, וועגן וועלכע פּילסודסקי האָט כסדר געשריבן קיין אויסלאַנד, ווי וועגן מענטשן, וואָס דערנענטערן זיך אַלץ מער צו פּ.פּ.ס.—האָבן זיך באַזעצט אין וואַרשע און דאָ אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן זייערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע יידישע בראָשורן. אויפן פּאָן פון דער אומצופרידנקייט אין די וואַרשעווער יידישע פּ. פּ. ס־ישע גרופּן צוליב דער קאַלטקייט פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג צו זייער הונגער נאָך יידישער ליטעראַטור, האָבן די ווילנער בראש מיט י ו ס ף מ י ל („דזשאָן״) גע־האַט אין וואַרשע גרויס דערפאָלג. נאָך היינט רעדן די אַמאָליקע פּ. פּ. ס־ישע טוער מיט ציין־קריצעניש וועגן י ו ס ף מ י ל ס טעטיקייט אין וואַרשע **).

איינער פון די עלטערע פּ. פּ.ס־ישע יידישע טוער דערציילט וועגן דאָזיקן פעריאָד פאָלגנדיקע פּרטים:

„ח׳ מאַריאַן — דערציילט ער — דערהאַלט דאָן אַן איינלאַ־דונג פון פאַרשטייער פון די יידישע סאָציאַליסטן אין דער ליטע ק ר ע מ ע ר, מיט וועלכן ער האָט זיך צופעליק באַקאַנט אין וואַר־שע, אַז ער זאָל אַראָפּקומען קיין ווילנע אויף אַ קאָנפערענץ אַרומ־צורעדן די טעטיקייט צווישן די יידן אין פּוילן. „מאַריאַן״ באַראַט זיך מיט דער יידישער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי און די לעצטע הייסט אים פאָרן. ווען כ׳האָב געפרעגט מאַריאַנען, צי ח׳ מאַלי־נאָווסקי האָט געוואוסט וועגן דער קאָנפערענץ און צי ער האָט זיך

---

*) מ ש ה ק ו י פ מ אַ ן: „דער אָנהויב פון דער יידישער אַר־בעט פון דער פּ.פּ.ס.״ („ניעפּאָדלעגלאָשטשי״ 1933, באַנד 7, העפט 3 (17), זייט 341).

**) די ידיעות וועגן דאָזיקן אינטערעסאַנטן קאַפּיטל אין ד באַציונגען צווישן פּ. פּ. ס. און די ווילנער יידישע גרופּן נעמען מיר פון די זאַמלביכער „25 יאָריי (אַ ן אַ ל ט ע ר ב אַ ק אַ נ־ט ע ר: „אין וואַרשע ערב־בונדיי) און „ניעפּאָדלעגלאָשטשי״ (באַנד 7, העפט 3 (17), זייטן 335—350).

װעגן דעם באַראַטן מיט עמעצן פֿון דער פּאַרטײ־צענטראַלע, צי ער זאָל פֿאָרן — האָט ער מיר געענטפֿערט (לעצטנס), אַז ער געדענקט דאָס נישט״*).

די דאָזיקע קאָנפֿערענץ איז צושטאַנד־געקומען, אָבער זי האָט נישט דערפֿירט צו קיין דערנענטערונג.

„אויף דער קאָנפֿערענץ — לײענען מיר װײַטער אין דער ציטירטער באַשרײַבונג — האָט קרעמער דערקלערט מאַריאַנען, אַז בײַ זײ איז שױן פֿון לאַנג דאָ אַ מײנונג, אַז מ׳דאַרף גרינדן אַ באַזונדערע ייִדישע פּאַרטײ. די ייִדן אין רוסלאַנד לעבן אין ספּעציפֿיש־שלעכטע באַדינגונגען, זײ זענען נישט גלײַכבאַרעכטיקט. מען דאַרף דעריבער קודם־כּל אויסקעמפֿן גלײַכע רעכט פֿאַר ייִדן און דאָס קאָן געשען נאָר דאַן, װען ס׳װעט אַנטשטײן אַ ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײ. די פּאַרטײ דאַרף זיך רופֿן: „ייִדישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און אין פּױלן״. און װײַל אין רוסלאַנד איז פֿאַראַן זײער װײניק ייִדן און אין דער ליטע, װוּ ס׳איז נישטאָ קיין אַנטװיקלטע אינדוסטריע, איז נאָך נישטאָ קיין סך ייִדישע אַרבעטער, איז פּױלן דאָס אײנציקע אָרט, װוּ ס׳קען און ס׳דאַרף געשאַפֿן װערן די ייִדישע פּאַרטײ. ער האָט דעריבער פֿאָרגעשלאָגן מאַריאַנען, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט אַלע מיטגלידער אַרױסטרעטן פֿון דער פּ. פּ. ס. און צוזאַמען גרינדן דעם אַלגעמײנעם ייִדישן אַרבעטער־בונד. ח׳ מאַריאַן האָט אים דאַן געענטפֿערט, אַז װעגן אַרױסטריט פֿון דער פּ. פּ. ס. קען נישט זײַן קיין רייד און אַז גלײַכצײַטיק מיט דער באַפֿרײַונג פֿון פּױלישן פֿאָלק װעט אױך באַפֿרײַט װערן דאָס ייִדישע פֿאָלק״ **).

„מאַריאַן״ האָט אַרױסגערוקט קעגן־פֿאָרשלאָגן: די װילנער זאָלן אַרױסהעלפֿן די װאַרשעװער גרופּן פֿון פּ. פּ. ס. מיט ליטע־

---

*) משה קױפּמאַן (משה מעזריטשער): „דער אָנהױב פֿון דער ייִדישער אַרבעט פֿון דער פּ. פּ. ס.״ („ניעפּאָדלעגלאָשטשי״, באַנד 7, העפֿט 3 (17), יאָר 1933, זײַטן 335 — 350). דער מחבר גיט אָן די דאָזיקע פּרטים אויפֿן יסוד פֿון געשפּרעכן מיט ד ו ג ע ן.

**) דאָרט.

ראַטור און נישט שטערן די דאָזיקע גרופּן אין זייער אַרבעט. די אונטערהאַנדלונגען לאָזן זיך אויס מיט גאָרנישט. די באַציונגען ווערן קאַליע און רייסן זיך איבער.

גענויע פּרטים וועגן אויפריים זענען נישט פאַראַן. אַ פאַקט איז, אַז אין אַפּריל 1896 שרייבט שוין פּילסודסקי פול אַנטטוי־שונג וועגן די ווילנער. צו יענער צייט זענען שוין געווען איבער־געריסן די באַציונגען צווישן לעמבערג און די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן אין קאָנגרעס־פּוילן. דאָס איז געשען אונטערן דרוק און נאָך אַן אינטערווענץ פון פּ. פּ. ס. ביי די לעמבערגער סאָציאַליסטישע טוער*). ווי ס'איז צו דרינגען פון פּילסודסקיס שפּעטערדיקע בריוו, האָט פּרעגקעל דאָס געהאַלטן פאַר אַ פאַרלוסט.

---

*) זע די באַמערקונגען פון ל. וואַשילעווסקי צום ערשטן באַנד פון פּילסודסקיס „שריפטן, רעדעס, באַפעלן" (וואַרשע, 1930), זייט 18.

13

ערב דער גרינדונג פון „בונד"

אין יאָר 1895 איז, ווי באַוואוסט, צום ערשטן מאָל אַרויסגע־רוקט געוואָרן דער געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ זעלבסשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. ס'איז אונז נישט געלונגען פעסטצושטעלן די גענויע דאַטע פון מ א ר י א נ ס באַזוך אין ווילנע. אָבער פונם אינהאַלט פון זיין געשפּרעך מיט א ר ק א ד י ק ר ע מ ע ר ן — אַזוי ווי עס גיט אים איבער מאַריאַן אַליין*)—איז צו זען, אַז דער דאָזיקער וויזיט איז יעדנפאַלס צושטאַנדגעקומען שוין נאָכדעם, ווי ס'איז אין ווילנע פאָרמולירט געוואָרן די פּרינציפּיעלע שטעלונג וועגן גרינדן די אָרגאַניזאַציע פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן אין גאַנצן לאַנד.

דאָס יאָר 1895 צייכנט זיך אויס מיט צוויי געשעענישן, וועלכע האָבן באַדייטנדיק אַ רוק געטאָן פאָרויס די זאַך פון דער נייער אָרגאַניזאַציע. די ערשטע געשעעניש איז געווען — מ א ר ט א װ ס רעדע צו עטלעכע צענטליק ווילנער סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן (אין חודש מאַי פון דערמאָנטן יאָר). אַביסל שפּעטער איז אויך פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון עטלעכע שטעט, וועלכע האָט אַדורכגעפירט דעם ערשטן שמועס וועגן דער רעאַליזירונג פון געדאַנק, וועלכן מאַרטאָוו האָט געוואָרפן אין דער דערמאָנטער רעדע.

אין זיין רעדע, וועלכע איז שפּעטער, ווי באַוואוסט, אָפּגע־

---

*) פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף צוגיין צו קויפּמאַנס באַשריי־בונג געוויס קריטיש.

דרוקט געוואָרן אין אַ באַזונדערער בראָשור אין רוסיש און אין ייִדיש, האָט מאַרטאָוו געזאָגט: „מיר דאַרפֿן דורכוים אָנערקענען, אַז אונזער ציל, דער ציל פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס אַר־בעטן אויף דער ייִדישער גאַס, איז צו שאַפֿן אַ ספּעציעלע ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאַרף זיין די אָנפֿירערין און דער־ציערין פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, אין זיין קאַמף פֿאַר זיין עקאָנאָ־מישער, בירגערלעכער און פּאָליטישער באַפֿרייונג"*).

די באַראַטונג וועגן גרינדן די אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פֿאַר־אייניקן אַלע ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן פֿון די פֿאַר־שידענע שטעט, האָט זיך געענדיקט מיט אַ פֿולשטענדיקער איינ־שטימיקייט פֿון אַלע אָנטיילנעמער. ליידער, איז שווער פֿעסטצו־שטעלן אויך דאָס, צי „מאַריאַנס" וויזיט אין ווילנע איז פֿאָרגע־קומען פֿאַר אָדער נאָך דער דאָזיקער באַראַטונג. אומאָפּהענגיק פֿון דעם איז אַ פֿאַקט, אַז די בריוו פֿון פּילסודסקין פֿון דער צווייטער העלפֿט 1895 צו זיינע אויסלענדישע חברים, האָבן נישט געגעבן דאָס ריכטיקע בילד פֿון די עקזיסטירנדיקע שטימונגען אין די ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן.

אין יאָר 1896 קומט פֿאָר אין וואַרשע אַן ערנסטער קאַמף צווישן די צוגעפּאַרענע ווילנער און די ייִדישע גרופּן פֿון פּ. פּ. ס. די ווילנער געלונגט אָפּצורייסן ביי דער פּ. פּ. ס. אַ רייע אירע אָנ־הענגער. גלייכצייטיק שלאָגן פֿאַר די ווילנע אַלע איבעריקע עקזיס־טירנדיקע וואַרשעווער ייִדישע גרופּן זיך צו פֿאַרייניקן אין איין זעלבשטענדיקע ייִדישע אַרבעטער - אָרגאַניזאַציע, וואָס ס'געלונגט זיי אויך צו רעאַליזירן.

ס'פֿאַרייניקן זיך דריי גרופּן: די אָרגאַניזאַציע, וואָס שטייט

---

*) ציטירט לויט נ. ב ו כ ב י נ ד ע ר ס „געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד" (ייִדישע אויסגאַבע, ווילנע, 1931, זייט 77). אויך אַ רייע אַנדערע פּרטים פֿון דאָזיקן קאַפּיטל שטיצן זיך אויף בוכבינדערן. פֿאַרן דאָזיקן קאַפּיטל זענען אויסערדעם אויסגענוצט געוואָרן דאָס זאַמלבוך „25 יאָריי (וואַרשע, 1923), דאָס ערשטע זאַמלבוך „דער רויטער פּינקסיי (וואַרשע, 1921), דער זשורנאַל „ניעפּאָדלעגלאָשטשיי (באַנד 7, העפט 3) א.אַ.

אונטער דער אָנפירונג פון די ווילנער מיט יוסף מיל בראש, די יידישע גרופן פון פּ. פּ. ס. און אַ גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון י. פּסחזאָן, וועלכע האָט ביז דער פאַרייניקונג אונטערגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט ביידע דערמאָנטע גרופּן. די פאַרייניקטע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגערופן „דער יידישער אַרבעטער־בונד אין וואַרשע"*).

ביי דער פּ. פּ. ס. איז געבליבן בלויז אַ קליינע צאָל פון אירע פריערדיקע אָנהענגער. ערשט מיט אַ יאָר שפּעטער, האַרט פאַר דער גרינדונג פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד, איז אַ טייל פריערדיקע אָנהענגער פון פּ. פּ. ס. צוריק אַוועק צו דער דאָזיקער פּאַרטיי אָדער, ווי פּילסודסקי האָט זיך וויציק אויסגעדרוקט אין איינעם פון זיינע שפּעטערדיקע בריוו, זיי האָבן „זיך אומגעקערט אויף דער שוים פון פּ. פּ. סישן גלויבן".

סוף 1895 איז די לאַגע יעדנפאַלס געווען אַזאַ, אַז די פּ. פּ. ס. אַליין האָט אָנערקענט איר אומפּאָפּולערקייט צווישן די יידישע אַרבעטער. רעדנדיק וועגן דער פּילמאַל־באַרירטער פראַגע פון ליטעראַטור פאַר די יידישע אַרבעטער, רוקט פּילסודסקי אַרויס זיין אַלטע קאָנצעפּציע אויסצונוצן דעם לעמבערגער „אַרבייטער" אויך פאַר די באַדערפנישן פון די רוסיש־פּוילישע יידן. דערביי שרייבט ער אָבער געגנוג מעלאַנכאָליש וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע פון דער „יידישער אַרבעט" פון פּ. פּ. ס.

„וואָס שייך אַ יידישע ציימונג — שרייבט ער דעם 11־טן אָקטאָבער 1896 — איז עס, לויט מיין מיינונג, אַ פּריצייטיקע זאַך; נישט מיר האָבן אַזוי פיל פאַרבינדונגען, אַז ס'זאָל זיך לוינען ערנסט דערמיט צו פאַרנעמען, און נישט ס'איז פאַראַן צווישן די

---

*) אַזוי גיט אָן דעם נאָמען י. פּסחזאָן אין זאַמלבוך „25 יאָריי (זייט 43). לויט בוכבינדערן האָט די נייע אָרגאַניזאַציע זיך אָנגערופן „יידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין פּוילן". אין יאָר 1897 האָט מען געביטן אין נאָמען דאָס וואָרט „פאַרבאַנדיי" אויפן וואָרט „פאַריין" (בוכבינדער זייטן 156 — 157). אָבער ריכטיקער איז דער נאָמען ביי פּסחזאָנען, ווייל בוכבינדער גיט אַ פרייע איבערזעצונג פון רוסישע דאָקומענטן.

יידן אַ גרעסערע פֿאַרינטערעסירונג פֿאַר דער דאָזיקער זאַך. ווײַטער וואָלט איך געמיינט, אַז ס'וואָלט געווען בעסער צו פֿאַרייניקן אַזאַ זאַך מיטן „אַרבײַטער"(אין לעמבערג), כאָטש אין דער פֿאָרם פֿון עפּעס אַ מין בײַלאַגע פֿאַר אונז. דאָס וואָלט אויסגעמאַכט פֿיל ביליקער און מיר וואָלטן דערמיט טיילווייז פֿאַרגיטיקט י ו כ י מ ע ן דעם פֿאַרלוס אין זײַנע באַציונגען מיט די יידן, וועלכע מיר האָבן אים צעשטערט".

יוכים — דאָס מיינט פּילסודסקי דעם רעדאַקטאָר פֿון „אַרבײַטער" יאָאַכים פֿרענקעל. ווי ס'איז צו דרינגען פֿון דאָזיקן בריוו, האָט פֿרענקעל בלויז צוליב דעם דרוק פֿון פּ. פּ. ס. איבערגעריסן זײַנע באַציונגען מיט די יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן פֿון דער צווייטער זײַט גרענעץ.

14

פילסודסקי און די אנטשטייונג פון „בונד"

ווי דער לעזער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך איבערצוצייגן, איז פאַר פילסודסקין (און פאַר דער גאַנצער דעמאָלטיקער פ. פ. ס.) געשטאַנען אַ גרויסע פרעסטיזש־פראַגע: אויף דער טעריטאָריע פון פוילן און ליטע איז פ. פ. ס. דער איינציקער רעפּרעזענטאַנט פון סאָציאַליזם. די זעלבשטענדיקע באַציונגען צווישן די מאָסקווער „רוסן" (רוסישע סאָציאַל - דעמאָקראַטן) און די ווילנער „יידן" (יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן) האָט פילסודסקי געהאַלטן פאַר אַ נישט נאָרמאַלע זאַך.

מיטאַמאָל דערוואוסט זיך פילסודסקי, אַז די „וואַרשעווער יידן" — דאָ האַנדלט זיך וועגן „יידישן אַרבעטער־בונד אין וואַרשע" — טראַכטן ערנסט וועגן אַן אייגענער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך שפּעטער פאַרייניקן אין איין פּאַרטיי מיט די „רוסן".

פילסודסקי איז אויפגערעגט ביז גאָר. דעם 30 מאַי 1897 שרייבט ער וועגן דעם מיט פיל אויפרעגונג צו זיינע לאָנדאָנער חברים:

„איר קענט, מסתמא, זיך פאָרשטעלן דעם סקאַנדאַל — שרייבט פילסודסקי דעם 30 מאַי 1897 — די וואַרשעווער יידן אין אַ רוסישער פּאַרטיי".

אָבער — ס'געשעט. ס'גרינדעט זיך דער „בונד" און ס'גרייט זיך די צענטראַליזירונג פון דער גאַנצער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער נאָכן פריערדיקן בריוו שרייבט פילסודסקי אין גרויס פאַרלעגנהייט:

„ס'איז אַ האַרטע נוס צום צעבייסן — דער אָנטייל פון די יידן אין דער קינפטיקער פּאַרטיי. מסכים־זיין דערמיט און אָנער־

קענען דעם דאָזיקן געשעענעם פאַקט איז אוממעגלעך, אַפּלייגן ווידער צוליב דעם די באַציונגען מיט די רוסישע ס. ד. ביז מיר וועלן זיך אויף אַן אַנדער אופן אָפּפּאַרטיקן מיט די ייִדן, אָדער ביז די „מאָכעס" וועלן קלוג ווערן, איז שווער"*).

ווי ס'פאַרזיכערט פּילסודסקיס ביאָגראַף, איז אַפילו געווען אַ פּראָיעקט צו באַוועגן די רוסן „אָפּצוזאָגן זיך פון יעדן מין „זשידקעס"**).

דאָס איז אָבער נישט געלונגען, די „זשידקעס" זענען שפּעטער געווען מיטגרינדער פון דער ר. ס. ד. א. פּ., ווערנדיק זיין אויטאָנאָמער באַשטאַנדטייל — די „מאָכעס" זענען נישט קלוגער געוואָרן...

אין סאַמע ברען אַרום דער גרינדונג פון „בונד" האָט אַ טייל אָנהענגער פון דער פּ. פּ. ס. זיך צוריקגעצויגן פון דער אָקאָרשט פאַראייניקטער יידישער אָרגאַניזאַציע (די „ווילנער" האָבן, ווי מיר האָבן עס שוין איבערגעגעבן, זיך פאַראייניקט מיט די פּ.פּ.ס.ניקעס), וועלכע האָט זיך מיטבאַטייליקט אין דער גרינדונג פון „בונד" אַלס לאַנד־אָרגאַניזאַציע. די פּ. פּ. ס.־ניקעס טרעטן צוריק אַריין

---

*) אין זיינע בריוו פלעגט פּילסודסקי רופן די רוסישע סאָציאַליסטן מיט די צונעמענישן „מאָסקאַלעי", „מאָכיי" א. ד. גל. (ווי ער פלעגט רופן די יידישע סאָציאַליסטן „זשידקיי"). אַז דאָס איז געווען מער, ווי אַ געוויינלעכער וויץ, איז צו זען פון פּילסודסקיס פיינטלעכער באַציונג צו רוסלאַנד אַלס אַזעלכער. איינער פון די עלטסטע פּ.פּ.ס.־ישע טוער יאַן ראָטקעוויטש, אַ לאַנגיאָריקער מיטגליד פון צ. ק. ר., האָט אונז דערקלערט: דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערזען פּילסודסקין אין אַ משונהדיק ליכט אויף אַ זיצונג אין ראַדאָם נאָך פאַרן יאָר 1900, ווען מיר אַלע, אָרטיקע, האָבן פאַרלוירן עטלעכע שעה צייט אויף אַ דיסקוסיע מיטן דעמאָלטיקן פאָרשטייער פון צ. ק. ר. פּילסודסקי, אַז אין פּראָיעקטירטן אויפרוף פון זער פאַרטיי דאַרף מען די רוסן נישט רופן „מאָסקאַלעי".

**) וול. פּ אָ ב ו ג־מ אַ ל י נ אָ ו ו ס ק י: „יוזעף פּילסודסקי" (ערשטער באַנד, זייטן 295 — 296).

אין דער פּ. פּ. ס. און דאָס גיט פּילסודסקין אַ גרונט פאַר נייע אילוזיעס.

„דער בונד פון די ליטווישע יידן מיט די וואַרשעווער — שרייבט פּילסודסקי דעם 24־טן יולי 1897 — איז זיך אינגאַנצן צעפאַלן. די וואַרשעווער האָבן זיי פאַרלאָזן און קערן זיך אום אויף דעם שוים פון פּ. פּ. ס־ישן גלויבן. איצט האָפן מיר, אַז מיר וועלן קאָנען צוטרעטן צו אַן ערנסטערער יידישער אַרבעט, ווייל דער פּאַ־צעט, אויף וועלכן מיר האָבן אין דער הינזיכט גערעכנט, האָט זיך אומגעקערט אויף שטענדיק. איך האָב, איבריקנס, גערעדט מיט אים צו קורץ, אַז עס זאָל פון דאָזיקן געשפּרעך אַרויסקומען עפּעס באַ־שטימטס. דער „פּאַצעט" זאָגט, אַז צוליב דעם גרויסן אַנטאַגאָניזם, וואָס הערשט צווישן די ליטווישע און פּוילישע יידן, איז זייער שווער צו טון עפּעס געמיינזאַמעס פאַר די ערשטע און צווייטע גלייכצייטיק (ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ צייטונג און וועגן אויסגאַבן). דאָס וואָלט באַשווערט די לאַגע. אָבער מיט דער צייט, ווען דער „פּאַצעט" וועט זיך אַרומזען, וועלן מיר וועגן דעם ענדגילטיק עפּעס באַשליסן"*).

אָבער דעם אַכטן אָקטאָבער 1897 איז אין ווילנע ענדלעך צושטאַנד־געקומען דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן". דעם זעלבן טאָג — ווי ס'איז צו דרינגען פון דער דאַטע פון אַנטשפּרעכנדיקן דאָקו־מענט — האָט יוזעף פּילסודסקי אָוועקגעשיקט צו זיינע לאָנדאָנער חברים אַ בריוו, אין וועלכן ער איז אומדירעקט מודה, אַז זיינע באַמיִונגען צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער אין דער פּ. פּ. ס. זענען נישט געלונגען.

צי האָט ער, שרייבנדיק דעם בריוו, געוווּסט, אַז דעם זעלבן

---

*) ס'איז אונז נישט געלונגען פעסטצושטעלן, אויף וועלכן „פּאַצעט" פּילסודסקי פאַררופט זיך דאָ. אַמוואַרשיינלעכסטן האַנדלט זיך דאָ וועגן דעמאָלטיקן פּ. פּ. ס.ישן טוער מ אַ ק ס ה אָ ר ו ו י ץ, דעם שפּעטערדיקן קאָמוניסט — ער איז דאַן געהאַט געקומען פון אויסלאַנד

טאָג קומט פאָר דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד“? וואַרשיינ־לעך — נישט. אָבער, ווי ער וואָלט דאָס פאַרגעפילט, שרייבט ער דעם זעלבן טאָג קיין לאָנדאָן: „מיט דער יידישער אַרבעט שטייען מיר ביז איצט שלעכט. זי גייט נישט אַרויס פון דער פאַזע פון איינליייטונגס־געשפּרעכן. מיר האָבן געוויסע פּלענער, אָבער ס'פעלן אונז מענטשן, וואָס זאָלן אויספירן די דאָזיקע פּלענער“.

פון דאָזיקן בריוו באַשטעטיקט זיך, אגב, דאָס וואָס מיר האָבן שוין פריער געשריבן, אַז אין ווילנע איז די פּ. פּ. ס. געווען אויסער־געוויינלעך שוואַך — פּילסודסקי איז אייגנטלעך מודה, אַז דער־ווייל איז אין ווילנע נישטאָ קיין פּ. פּ. ס.

„מיר קענען רעכענען — שרייבט פּילסודסקי — אַז ערשט אין קינפטיקן יאָר וועלן מיר קענען אָנהויבן פירן אין ווילנע אַ זעלבשטענדיקע פּ.פּ.ס.ישע אַרבעט“.

דער דאָזיקער בריוו איז בכלל פול מיט שלעכטע גרויסן:

„אין דאָזיקן ענין — שרייבט פּילסודסקי וועגן די באַציונגען פון דער פּ. פּ. ס. מיט דער געפּלאַנטער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — וועלן מיר האָבן אַ האַרטע נוס צו צעבייסן: כ'מיין דאָ דעם אָנטייל פון די ליטווישע יידן אין דער קינפטיקער רוסישער פּאַרטיי“.

מיטן אַנטשטיין פון „בונד“ הויבט זיך אָן אַ פאַרביטערטער קאַמף פון דער פּ. פּ. ס. קעגן דער נייער אָרגאַניזאַציע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. באַלד נאָכן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד“ קומט פאָר אין וואַרשע דער 4־טער צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס., וועלכער פאַרנעמט אַ נעגאַטיווע שטעלונג נישט נאָר צו דער פּאָ־ליטיק פון „בונד“, נאָר צו זיין עקזיסטענץ בכלל.

דער 4־ער צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס. האָט וועגן דער פראַגע אָנגענומען פאָלגענדיקע רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין אַכט, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קען האָבן געמיינזאַמע אויפגאַבן, נאָר מיטן פּראָלעטאַריאַט פון יענעם פאָלק, צווישן וועלכן ער וווינט;

נעמענדיק אין אַכט, אַז די ביז איצטיקע טעטיקייט פון די

יידישע גרופן, וואָס טרעטן איצט אַרויס אונטער דעם נאָמען „אַל־געמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן", אַנט־האַלט אין זיך שעדלעכע פאַר דער באַוועגונג סמנים פון אָרגאַני־זאַציאָנעלן און פּראָגראַמאַטישן סעפּאַראַטיזם, וואָס שטעלט זיי טיילמאָל אַוועק אין אַ פיינטלעכער פּאָזיציע לגבי אונז; —

אַנערקענט דער צוזאַמענפאָר די ריכטונג פון דער פּאָליטיק פון „בונד" פאַר אַ פאַלשע, ווייל דאָס איז אַ פּאָליטיק פון אָפּזאָגן זיך פון סאָלידאַריטעט מיטן פּוילישן און ליטווישן אַר־בעטער־קלאַס אין זייער קאַמף פאַר באַפרייונג פון אונטער דער הערשאַפט פון דער צאַרישער אָקופּאַציע."*)

יוזעף פּילסודסקי, וועלכער איז דער מחבר פון רוב רעזאָלו־ציעס פון די דעמאָלטיקע פּ. פּ. ס.ישע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, דרוקט אָפּ די אויבנגעבראַכטע רעזאָלוציע אין אומלעגאַלן „ראַ־באָטניק" און פאַרזעט זי מיט פּאָלגנדיקער כאַראַקטעריסטישער באַמערקונג:

„דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט אויסאַר־בעטן אַ שטעלונג פון אונזער פּאַרטיי לגבי יענע סאָציאַליסטישע גרופּן, וועלכע האָבן נישט גענוג קלאָר זיך באַוווסט געמאַכט די אויפגאַבן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין רעזולטאַט דערפון אָנגענומען אַ ריכטונג, וואָס אַנטשפּרעכט נישט די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס".**)

דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר (נאָוועמבער 1897) האָט בכלל זיך פיל באַשעפטיקט מיטן „בונד" און באַזונדערש־פיל האָט מען דאָרט גערעדט וועגן אַוועקשטעלן אַן ערנסטע קאָנקורענץ־באַווע־גונג פון דער פּ. פּ. ס. צווישן די יידישע אַרבעטער. אין זיין צי־טירטן אַרטיקל אין „ראַבאָטניק" איז אָבער פּילסודסקי ווידער־אַמאָל מודה, אַז די אַלע פּלענער זענען סוף־כל־סוף נאָך אַלץ נישט

---

*) „ראַבאָטניק" נומער 26 פון 13 פעברואַר 1898 (לייט־אַר־טיקל: „דער פערטער צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי").

**) דאָרט. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז נישט נאָר די באַמערקונג, נאָר די רעזאָלוציע גופא געשריבן דורך פּילסודסקין.

מער, ווי פלענער, ווייל די פ. פ. ס. האט נישט קיין מענטשן צו דער דאזיקער ארבעט.

„דער צוזאמענפאר — שרייבט פילסודסקי אין דעם דאזיקן ארטיקל — האט ארומגערעדט די פראגע פון א נישט־פעריאדיש ארבעטער־בלעטל און בראשורן אין זשארגאן, מאכנדיק עס אפהענגיק פון דעם, צי ס'וועלן געפונען ווערן דערצו אנטשפרעכנדיקע ליטערארישע קרעפטן".*)

פארשטייט זיך, אז אפילו פון שטאנדפונקט פון איר אייגענער רעוואלוציע איז די פ. פ. ס. נישט געווען גערעכט, פאדערנדיק פון „בונד" (און פריער פון די באזונדערע יידישע סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציעס), אז זיי זאלן זיך אונטערווארפן דער פ. פ. ס., ווייל „דער יידישער פראלעטאריאט קען האבן געמיינזאמע אויפגאבן, נ א ר (!) מיטן פראלעטאריאט פון יענעם פאלק, צווישן וועלכן ער וווינט." טאקע דערפאר, ווייל דער יידישער ארבעטער־קלאס איז געווען צעווארפן נישט נאר צווישן די פוילישע און ליטווישע מאסן, נאר אויך צווישן די גרויסע פאלקסמאסן פון גאנצן דעמאלטיקן רוסלאנד, אוקראינע און ווייסרוסלאנד — האבן די יידישע סאציאל־דעמאקראטן נישט געטארט זיך שטעלן אויף דער פלאטפארם פון פ. פ. ס.

---

*) דארט.



פּילסודסקיס בריוו פון 25 אָקטאָבער 1898 צו זיינע לאָנדאָנער חברים וועגן זיינע שאַרפע קאַמפן מיט די פּיאָנערן פון „בונד“ (זע זייט 153).

15

די „יידישע סאציאליסטישע פאסט פון אמעריקע קיין פוילן“

נישט האבנדיק קיין אייגענע מענטשן צו דער „יידישער ארבעט“, האט די פ. פ. ס. זיך דעצידירט צו אנגאזשירן אויף איר זייט א רייע פ. פ.ס.־ישע סימפאטיקער אין אמעריקע. דארט האבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע האבן טראדיציאנעל באטראכט די פ. פ. ס. אלס די איינציקע פארשטייערין פון סאציאליזם אין פוילן און נאך פון פאר דער גרינדונג פון „בונד“ געקלאפט אין די פ. פ. ס.־ישע טירן, וועלנדיק איר ארויסהעלפן אין איר „יידישער ארבעט“. איצט האט פילסודסקי זיך אנטשלאסן אויסצונוצן די אמעריקאנער אפערטע אין דער גאנצער ברייט און זיך צו פארבינדן מיט דער גרופע מענטשן, וועלכע האבן דארט געגרינדעט אן ארגאניזאציע אונטערן נאמען „די יידישע סאציאליסטישע פאסט פון אמריקע קיין פוילן“, בדי צו באזארגן די יידישע ארבעטער פון פוילן מיט סאציאליסטישער ליטעראטור.

די „פאסט“ האט געגרינדעט א גרופע ווארשעווער און קאנגרעס־פוילישע עמיגראנטן, וועלכע האבן, ארויספארנדיק פון פוילן, מיטגענומען מיט זיך דעם סענטימענט פאר דער פ. פ ס. אלס פאר דער דעמאלט־איינציקער סאציאליסטישער פארטיי אין פוילן (ביזן יאר 1897, ווייל די פ. ס. ד. איז אפגעשטארבן סוף 1895 און ערשט אנהויב פון היינטיקן יארהונדערט האט זי ווידער באנייט איר טעטיקייט).

צו די באגייסטערטע טוער און מיטגרינדער פון דער „פאסט“

האָט געהערט דער ייִנגער וואַרשעווער מעטאַל־אַרבעטער מ אָ נ ט־ ל אַ ק *).

די ערשטע בראַשור פאַר דער „פּאָסט" האָט אָנגעשריבן דער באַוואוסטער ש. ב. פ י י נ ע נ ב ו י ם, וועלכער האָט געשטאַמט פון וואַרשע. די בראָשור האָט געהייסן „גן־עדן התחתון" — זי האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע אויפלאַגעס. אויך פ י ל י פּ ק ר א נ ץ האָט מיטגעאַרבעט מיט דער „פּאָסט".

די אַנטשטייאונג פון דער אַזויגערופענער „יידישער פּאָסט פון אַמעריקע קיין פּוילן" און פּילסודסקים באַציאונג צו איר איז באַזונדערס אינטערעסאַנט.

אין אַפּריל 1896 שרייבט ב אָ ל ע ס ל אַ ו מ י ק ל אַ ש ע ו ס ק י: (שפּעטערדיקער בילדונג־מיניסטער אין פּוילן) — דער דעלעגאַט פון דער לאָנדאָנער פּ. פּ. ס.־ישער פאַרשטייערשאַפט קיין אַמעריקע — אַ באַגייסטערטן בריוו קיין לאָנדאָן וועגן דער אַנטשטייאונג פון אַ גלענצנדיקער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, וועלכע וויל שיקן פאַר איר געלט קיין פּוילן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין יידיש. זי וויל אויך אָנגעבן אַ רייע מענטשן, וועלכע מען קען אין פּוילן אַריינציען אין פּ. פּ. ס.

מיקלאַשעווסקי שטרייכט אונטער, אַז די נייע אָרגאַניזאַציע שטעלט זיך אינגאַנצן אויפן באָדן פון דער פּ. פּ. ס.־ישער פּלאַטפאָרם. פאַר איר אַרבעט פאַרלאַנגט זי איין זאַך: אַפּטע באַריכטן

---

*) פאַרן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע האָט ער געהערט צו דער פּ. פּ. ס. ער איז געווען זייער טעטיק אין די וואַרשעווער יידישע פּ. פּ. ס.־ישע גרופּן און ער האָט זיך באַטייליקט אין קאַמף מיט די „ווילנער". אויף דעם באָדן איז אַפילו דערגאַנגען צו אַ שאַרפן פּערזענלעכן צוזאַמענשטויס צווישן אים און דעם פירער פון די „ווילנער", מיל, וועלכן מען האָט דעמאָלט גערופן אין די וואַרשעווער אַרבעטער־קרייזן „פּראַיסי". אין אַמעריקע האָט מאָנטלאַק שפּעטער זיך דערווייטערט פון אַקטיווער פּאָליטישער טעטיקייט. איצט, זינט עטלעכע יאָר, געפינט ער זיך אין פּוילן. צום „בונדיזם" איז אים פון יענע יאָרן פאַרבליבן אַ גרויסע שנאה.

וועגן דער לאגע אין פוילן, גאנץ באזונדערש — וועגן דער לאגע פון די יידישע ארבעטער.

פילסודסקי, וועלכער דערהאלט דעם דאזיקן בריוו, קווענקלט זיך. דעם 24 אפריל 1896 ענטפערט ער אויף מיקלאשעווסקיס בריוו:

„נישט ווילנדיק — נאך אזויפיל אנטוישונגען, וועלכע האבן אונז געטראפן מיצד די יידן*) — ווילט זיך זאגן Timeo Danaos et dona ferentes **) ד. ה. צי ס'וועט זיך אמאל נישט ענדיקן בלויז מיט פיסק־מלאכה און צי די חברה וועלן באווייזן זיך צוצופאסן צו אונזערע פארלאנגען און באדערפענישן און צי זיי וועלן אונז אמאל נישט געבן עפעס אנדערש פון דעם, וואס מיר דארפן האבן”.

אין דער אונטערשטער שורה האט פילסודסקי, זייענדיק דעמאלט מיט א וויזיט אין לאנדאן, געגעבן זיין הסכם און דעם 7 יוני 1896 שרייבט ער אן צו די פירנדיקע חברים אין פוילן וועגן די פרטים פון דעם, וואס ער האט צוגעזאגט „די אמעריקאנער זשידקעס”:

1) אנצושרייבן א בריוו צום צ. ק. ר. (אנפירנדיקע פארטיי־אינסטאנץ) וועגן דער נויטווענדיקייט צו פירן די דערמאנטע ארבעט;

2) נאטיצן אין אומלעגאלן „ראבאטניק”;

3) ארויסשיקן זיי מעמאריאלן מיט באריכטן וועגן גאנג פון דער „יידישער ארבעט”;

4) אריינציען אין דער פארטיי די מענטשן, אויף וועלכע די אמעריקאנער „זשידקעס” וועלן אנווייזן.

ערשט אויפן פערטן צוזאמענפאר, נאך דער גרינדונג פון

*) דא ווערן געמיינט די „ווילנערי", מיט וועלכע סיהאט דאך אנגעהויבן „קאליע ווערן".

**) א לאטייניש שפריך־ווארט: „כיהאב מורא פאר דאנייער (אזא שבט) אפילו, ווען זיי ברענגען מתנות"...

„בונד", האט די פּ. פּ. ס. זיך דערלויבט צו זאָגן אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער אויפן חשבון פון דער „יידישער פּאָסט".

„פעסטשטעלנדיק — לייענען מיר אין אַ ספּעציעלער רעזאָ־לוציע פון דאָזיקן צוזאַמענפאָר — די נוצלעכקייט פון דער זשאַר־גאָנישער בראָשור „גן־עדן התחתון", דרוקט אויס דער צוזאַמענ־פאָר זיין אַנערקענונג פאַר די אַרויסגעבער און די האָפענונג, אַז די חברים, וואָס געהערן צו דער „יידישער סאָציאַליסטישער פּאָסט פון אַמעריקע קיין פּוילן" וועלן אויך ווייטער העלפן דער פּ. פּ. ס. אין איר אַרבעט צו פאַרשפּרייטן באַוואוסטזיין אינם יידישן פּראָ־לעטאַריאַט".*)

די פּ. פּ. ס. האָט געהאַט זייער פיל הילף און נוצן פון דער אַמעריקאַנער „פּאָסט". ביזן יאָר 1899 האָט די פּאָסט איבערגע־שיקט קיין פּוילן 6066 עקזעמפּלאַרן פון פאַרשידענע יידישע אויס־גאַבן (די בראָשור „גן־עדן התחתון" אַליין איז געבראַכט געוואָרן קיין פּוילן אין אַ צאָל פון 3 טויזנט עקזעמפּלאַרן — די ערשטע אויפלאַגע האָט באַטראָפן 1500 עקזעמפּלאַרן). די באַציונג מיט דער „יידישער פּאָסט" זענען געווען דער ערשטער שטויס צו עפּעס אַ שטיקל פאַרלעגערישער אַרבעט פון דער פּ. פּ. ס. אין יידיש.

**) „ראַבאָטניק" נומער 26 פון 13 פעברואַר 1898.

16

די קריג-דערקלערונג פון דער פּ. פּ. ס.

דער נייער צ. ק. ר. פון פּ. פּ. ס., וואָס ווערט געוויילט אין נאָוועמבער 1897 אויפן פערטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין וואַרשע (פּילסודסקי, וואָיטשעכאָווסקי, מאַלינאָווסקי) פּראָקלאַמירט אַן אַנטשידענעם קאַמף קעגן דער נייר־אַנטשטאַנענער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

די קריגס־דערקלערונג ווערט געגעבן אַ חודש נאָך דער גרינ־דונג פון „בונד“ — אין די רעזאָלוציעס פון דערמאָנטן פּ. פּ.ס.־ישן צוזאַמענפאָר, וועלכן מיר האָבן שוין געבראַכט. אָבער די דאָזיקע רעזאָלוציעס זענען נאָך נישט אַלץ. זיי ווערן באַגלייט מיט אַ פייער־דיקן אַרטיקל „וועגן דער יידן - פראַגע“. דער גאַנצער אַרטיקל איז געווענדעט קעגן די, וואָס ווילן גרינדן זעלבשטענדיקע יידישע אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס. דער „בונד“ ווערט דאָ נישט אָנגערופן ביים נאָמען, אָבער ס'איז קלאָר, אַז דער גאַנצער אַרטיקל איז געווענדעט קעגן אים.

נאָך דעם, ווי דער מחבר טרעט אַרויס קעגן אַנטיסעמיטיזם און סעפּאַראַטיזם, גייט ער איבער צום „געדאַנק, וועגן דער נויט־ווענדיקייט פון אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע מיט באַזונדערע צילן און אויפגאַבן פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט“.*)

דער „ראָבאָטניק“ שטעלט פעסט, אַז אַזאַ באַזונדערע אָרגאַ־ניזאַציע, וואָלט בלויז איינגעהאַלטן „דאָס פאַרבישופטע ראָד פון הענדלעריש־רעליגיעזן יידישן סעפּאַראַטיזם“ און וואָלט אַנטקעגנ־

---

*) „ראָבאָטניק“, נומער 26, 13 פעברואַר 1898, זייטן 2—4.

געשטעלט דעם יידישן ארבעטער־קלאס קעגן זיינע פוילישע קלאסן־חברים.*)

ס'איז דאס ערשטע מאל, ווען דער „ראבאטניק" בארירט אין א ברייטער באהאנדלונג די יידן־פראגע און ס'איז לייכט זיך פאר־צושטעלן דעם איינדרוק, וואס די דאזיקע ארויסטרעטונג האט גע־מוזט מאכן.

דער דאזיקער פראנט־אנגריף האט זיך אבער נישט אפגע־שטעלט ביי דעם איינעם ארטיקל (ער איז געווען אפגעדרוקט צו־זאמען מיטן באריכט פון פערטן פ. פ. סישן צוזאמענפאר). אין אפריל 1898 קומט די פארטזעצונג — א נאך שארפערער ארטיקל אינם „פזשעדשוויט".

דער „בונד" ווערט דא אנגעגריפן שוין נישט אנאנים, נארביים נאמען. דער מחבר פונם ארטיקל רעדט דא וועגן „בונד" ווי... וועגן אן עקספאזיטור פון דער יידישער בורזשואזיע.

קודם־כל ווערט ארויסגעהוזקט די רייכע אינפארמאציע וועגן „בונד", וואס האט זיך אנגעהויבן באווייזן אין די אויסלענדישע צייטונגען. „נישט לייקענענדיק די ענערגיע און ריערוודיקייט פון די פירער—לייענען מיר דארט—מוז מען פעסטשטעלן, אז נאך אלעם איז דער „בונד" — „נישט נויטיק און זיין ריכטונג איז פראסט־פשוט שעדלעך" **).

דאן קומט א קאפיטל געשיכטע, וועלכע איז אונז שוין באַ־קאנט פון די פריערדיקע פ. פ.סישע פובליקאציעס.

ארויסטרעטנדיק קעגן רוסיפיקאציע, רופט אויס דער „פזשעד־שוויט" מיט פאטאס:

„זיי האבן פארשטאנען (די פירער פון די יידישע סאציאל־

*) דארט.
**) „פזשעדשוויט", לאנדאן, נומער 4, אפריל 1898 (לייט־ארטיקל: „די פראגע פון יידישן פראלעטאריאט", זייטן 1—5).

דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס — פּ. ש.), אַז מען דאַרף זיך נעמען אויפרודערן די מאַסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט — די מאַסן, וואָס קענען נאָר איין שפּראַך — זשאַרגאָן. מען האָט זיך, אַלזאָ, געמוזט שיידן מיט דער שפּראַך פון ב י ע ל י נ ס ק י (אַ באַקאַנטער רוסישער ליטעראַטור־קריטיקער פון ניינצנטן יאָרהונדערט—פּ.ש.) און רעדן צו די יידישע מאַסן אין דאָזיקן אויסגעהוזקטן, פאַראַכטעטן פילאָלאָגיש־מאָנסטרועלן זשאַרגאָן"*)

פעסטשטעלנדיק, אַז דער איבערגאַנג פון די ערשטע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן צו פּאָליטישן מאַסן־קאַמף איז אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, טרעט אַרויס דער אַרטיקל גאַנץ שאַרף קעגן דער גרינדונג פון „בונד" און קעגן זיינע טוער, וועלכע דער מחבר שטעלט פאָר אַלס „כשרע קינדער פון דער יידישער בורזשואַזיע, גרינטלעך דורכגעדרונגענע מיט די בליקן פון דער דאָזיקער בורזשואַזיע **).

דער גרויסער אַרטיקל איז פול מיט באַשולדיקונגען, אַז דער „בונד" בויט אַ כינעזישע מויער צווישן זיך און צווישן פּוילישן און ליטווישן פּראָלעטאַריאַט; אַז דער „בונד" פאַרשפּרייט צווישן זיינע אָנהענגער „דעם געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט צוזאַמענצוגיסן דאָס צוגענומענע לאַנד (ס'הייסט פּוילן — פּ. ש.) מיט רוסלאַנד"; אַז דער „בונד" שרייבט אויף אויף זיין פאָן פאַנרוסישע לאָזונגען א. ד. גל.***).

צום סוף קומט אַ התראה, אַז דער סעפּאַראַטיזם פון „בונד" קען פירן צו אַ נייער אַנטיסעמיטישער כוואַליע. דער מחבר דריקט אויס די האָפנונג, אַז „יענע צווישן די היינטיקע בונדיסטן, וועלכע זענען אמתדיקע סאָציאַליסטן און נישט קיין סאָציאַליזירנדיקע בורזשויען, וועלן פאַרשטיין די אמתע אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידן און זיי וועלן נישט נאָר זיך

---

*) דאָרט.
**) דאָרט.
***) דאָרט.

נישט באַמיען צו שטאַרקן די פּאָזיציע פון דער רוסישער רעגי־רונג'', נאָר מיטגיין מיטן קאַמף פון דער פּ. פּ. ס. *)

פאַרשטייט זיך, אַז היינט זעט אויס דער דעמאָלטיקער פּ.פּ.ס.־שער פּאַטאָס פאַרן „זשאַרגאָן'' אַ היפּש ביסל אַנדערש, ווי דע־מאָלט. אָבער דעמאָלט איז די פּ. פּ. ס. פּאַקטיש געווען די איינציקע פּאַרטיי פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און איר וואָרט האָט געהאַט וואָג. דער איינדרוק פון אירע אַרויסטרעטונגען איז געווען אַ דער־שיטערנדיקער.

מען דאַרף זיך דערביי דערמאָנען, אַז די אַנטשטייאונג פון „בונד'' איז פאַר דער פּ. פּ. ס. געווען נישט נאָר אַ שטערונג לגבי דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר נאָכמער — אין אירע אויסרעכ־נונגען צו געווינען אויף איר זייט די נייע „רוסישע פּאַרטיי'', וועל־כע איז אַנטשטאַנען ביי דער ענערגישער מיטווירקונג פון „בונד'' אויפן מינסקער צוזאַמענפאָר פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אָרגאַניזאַציעס (דעם 1 מערץ 1899).

„זאָל זיי דער טייוול — שרייבט פּילסודסקי דעם 4 יוני 1898 אין זיינעם אַ בריוו וועגן דער נייער פּאַרטיי — זייער אייניקן זיך מיטן „בונד'' און זייער „אַלרוסישקייט'' זענען נישט קיין איינג־שאַפטן, וואָס קאָנען וועקן אין אונז סימפּאַטיע''.

פּילסודסקי פאַרשטייט אָבער, אַז מען דאַרף „אַזוי צי אַנדערש זיך אַרויסזאָגן וועגן דער נייער פּאַרטיי'', און ער וואָרנט בלויז, אַז „מען דאַרף דאָס טון איינגעהאַלטן''. „נישט געקוקט אויף די נישט־סימפּאַטישע אייגנשאַפטן פון דער „פּאַנרוסישקייט'', וועלכע גייט „פון די פינלענדישע קאַלטע פעלזן ביז דער פלאַמיקער קאָלכי־דע''**) — דאַרפן מיר אָנערקענען אין דעם שריט פון דער **רוסישער** באַוועגונג (אונזער קורסיוו — פּ. ש.) אַן ערנסטע

---

*) דאָרט.

**) אַ ציטאַטע פון פּושקינס ליד: „צו רוסלאַנדס באַזיד־לערי".

שטרעבונג צו פֿאַרייניקן די כּוחות, וועלכע זענען איצטער צעשיט איבער גאַנץ רוסלאַנד״.

דאָס יאָר 1898 איז אַ יאָר פֿון פֿאַרביטערטן, גאַליקן אָנגריף אויפֿן „בונד״. אויף די שפּאַלטן פֿון „ראָבאָטניק״ און „פּזשעדשוויט״ הייבן זיך אָן באַווייזן אַ שיעור אַרטיקלען און נאָטיצן, וועלכע זענען דירעקט און אומדירעקט געווענדעט קעגן „בונד״. וועגן פֿיל פֿון זיי געפֿונען מיר היינט נישט ווייניק פּיקאַנטע אָפּקלאַנגען אין דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן פּילסודסקין און זיינע פּאַרטיי־חברים אין לאָנדאָן. ביי איינעם אַזאַ עפּיזאָד וועלן מיר זיך אָפּשטעלן.

אין נומער 8 „פּזשעדשוויט״ (אויגוסט 1898) האָט יאָדקאָ־נאַרקעוויטש אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל „די אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע״, אין וועלכן ער האָט שאַרף אָנגעגריפֿן אַלע קעגנער פֿון דער פּ. פּ. ס. יוזעף פּילסודסקי — שוין דאַן אַן אָנהענגער פֿון שאַרפֿע ווערטער — שרייבט קיין לאָנדאָן וועגן רושם, וואָס דער דאָזיקער אַרטיקל האָט געמאַכט.

„דער אַרטיקל פֿון יאָוויש — שרייבט פּילסודסקי קיין לאָנדאָן דעם 25־טן אָקטאָבער 1898 (דער נאָמען יאָוויש איז דר. יאָדקאָס פּסעוודאָנים — פּ. ש.) — וועגן די „אַרטיקע״ האָט דעם עולם גוט געמאַכט (dobrze zrobił ludziskom) — מען רימט די אָביעקטיוויקייט און אַרגומענטאַציע (tant mieux*) כאָטש די האַנט רייסט זיך עפּעס צו אים צוצוגעבן און, פֿאַרשטייט זיך, אין אַזאַ טאָן, אַז כ׳זאָל נאָכאַמאָל זיך דערוואַרטן די אויסצייכענונג „איזוויעסטני אָראַגאַנט״**), ווי די „זשידקעס״ האָבן וועגן מיר גערעדט נאָך די באַשלוסן פֿון אונזער צוזאַמענפֿאָר״ (דאָ האַנדלט זיך וועגן די באַשלוסן פֿון פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון פּ. פּ. ס. ***).

ס׳האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ מלחמה, אין וועלכער דער „בונד״ איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפֿער.

*) פֿראַנצויזיש: בפֿרט, נאָך מער.

**) רוסיש: „דער באַוואוסטער אַראָגאַנט״.

***) דער בריוו איז צווישן אַנדערן אָפּגעדרוקט אין ערשטן באַנד פֿון פּילסודסקיס ווערק „שריפֿטן, רעדעס, באַפֿעלן״ (זייט 349—350. אָבער דאָרט איז יאָדקאָס פּסעוודאָנים אויפֿגעגעבן אַנדערש, ווי אין אָריגינאַל.

17

דער ענטפער פון „בונד"

ס'איז געווען א דראמאטישער פעריאָד אינם לעבן פון דער יונגער פארטיי פון יידישן ארבעטער־קלאס. זובאטאָוו — דער שעף פון דער מאסקווער „אָכראַנע" — האָט שוין פארשפרייט זיינע נעצן אונטער די פיס פון די בונדישע טוער, וועלכע האָבן דאָס געפילט און געוואוסט. פון דער צווייטער זייט — באַטש מיט אנדערע צילן — האָט אטאקירט די פ. פ. ס.

„מיר האָבן געפילט — דערציילט וועגן יענעם פעריאָד דער גרינדער און פירער פון „בונד" א ר ק א ד י ק ר ע מ ע ר — אַז מיר ווערן ארומגערינגלט פון אַלע זייטן, אַלס ענגער איז געוואָרן דער פארכשופטער קרייז. ווי א שלאַנג האָט ער אונז ארומגענומען און אָט־אָט וואַרפט מען זיך אויף אונז. דער קאַמף איז געווען א פארצווייפלטער, דאָס איז געווען א קאַמף פון א הייפעלע מענטשן קעגן דעם אַלמעכטיקן אַלרוסלענדישן אויבער־שפיאָן מיט זיינע אומבאַגרענעצטע מיטלען אין געלט און אין מענטשן. דער איינציקער אויסוועג וואָלט געווען אָפצושטעלן די ארבעט, ווייל קיינער וואָלט זיך שוין נישט געקענט שטעלן אויף אונזער אָרט און נישט ארײַנפאַלן אויף מאָרגן אין דער זעלבער נעץ. זובאַטאָווס שפיל איז געווען א זיכערע, אָבער אָפּשטעלן די ארבעט איז געווען פאַר אונז אוממעגלעך. עס האָט געדאַרפט ארויסגיין די „ארבעטער־שטימע", מען האָט געמוזט ארויסלאָזן אַן ענטפער די פ. פ. ס. קעגן זייער שאַרפן אָנפאַל אויפן „בונד"*.)

---

*) אַ ר ק אַ ד י ק ר ע מ ע ר: „ערשטער צ. ק. פון „בונד" („נייע פאָלקסצייטונג", נר. 237, 17 אָקטאָבער 1927).

קרעמער דערציילט — און דאָס איז זייער אינטערעסאַנט — אַז די גרינדער פון „בונד“, כאָטש זיי האָבן געקענט די באַציונג פון דער פּ. פּ. ס. צום געדאַנק וועגן אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, האָבן זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פייער־אַטאַקע פון דער פּ. פּ. ס.

„אויף אַזאַ קאַמף האָבן מיר זיך נישט געריכט און מען האָט געמוזט זיי געבן אַ געהעריקן ענטפער: דאָס איז געווען נויטיק אפילו פאַר אונזערע חברים אַליין, פאַר וועמען דער שלעכט־פאַרשטאַנענער אינטערנאַציאָנאַליזם האָט געשטעלט אין ספקות דאָס רעכט אויף בונדיזם איבערהויפּט. דער ענטפער איז געווען פאַר יענער צייט אַ דערשיטערנדיקער. ער האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם אויף פּ. פּ. ס. אַליין, אויף וויפיל מען האָט אונז דערנאָך איבערגעגעבן. דאָס איז געווען נישט קיין פאַרענטפערן זיך, נאָר אַן אָנפאַל אויף זיי, אויף זייער טאַקטיק אין דער פראַגע. דאָס איז געווען אַ זאַכלעכער ענטפער און אין דערזעלבער צייט אַ שאַרפע קריטיק פון זייער האַלטונג. מיט זעלבסווירדע האָט מען זיי אַוועקגעשטעלט אויף זייער אָרט. מיט בייסענדער איראָניע האָט מען גערעדט וועגן זייער סאָציאַליסטישקייט, מיט פאַרדרוס וועגן זייער נאַציאָנאַליזם. אַזוי איז געווען דער איינדרוק אין יענער צייט ביי אַלעמען. היינט צו טאָג, וואָלט דאָס אויסגעזען נאָך צו שוואַך.“*).

און באמת: אורטיילנדיק לויט די היינטיקע פּאָלעמישע מעטאָדן, איז יענער ענטפער פון „בונד“ געווען „שוואַך“. און דאָך — און אפשר טאַקע דערפאַר — מאַכט די דאָזיקע אַרויסטרעטונג אַן אומגעהויערן איינדרוק מיט איר בייסיקער איראָניע, מיט איר צעשמעטערנדיקער קריטיק און לאָגישער אַרגומענטאַציע. ס'איז אַ פּאָלעמיש מייסטערווערק, וואָס מען טרעפט זעלטן היינטיקע צייט (מחבר פון דער בראָשור איז געווען וו ל. ק אָ ס אָ וו ס ק י).

„ס'איז אַלעמען באַוווסט — לייענען מיר דאָרט באַלד אין די ערשטע שורות — אַז די פאָרשטייער פון דער פּ. פּ. ס. האָבן אויף זייערע קאָנגרעסן תמיד פּראָסט־פשוט איגנאָרירט די יידישע **) דאָרט.

אַרבעטער און אין זייערע בראָשורן תמיד אויסגעמיטן די יידן־פראַגע, אַפּאַרטיקנדיק זי מיט אַ פייערלעכן שווייגן. אָבער זאָל די פּ. פּ. ס. פונדעסטוועגן נישט מיינען, אַז מיר האָבן צו איר טענות פאַר אַזאַ באַציונג צום יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז די פּ. פּ. ס. איז צופיל פאַרנומען מיט אירע אייגענע עסקים, און דעריבער האָט זי נישט קיין צייט זיך צו אינטערעסירן מיט דער לאַגע פון די יידישע אַרבעטער, און אוודאי נישט — אַנצופירן מיט זיי אין זייער קאַמף" *).

מיט בייסיקער איראָניע ווערט אויסגעחוזקט דער טומל, וואָס די פּ. פּ. ס. האָט געמאַכט אויף איר 4־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר מיט די באַשלוסן וועגן אירע מכלומרשטע „אויפטועןʼʼ פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט און וועגן דער איין־איינציקער בראָשור („גן־עדן התחתון"), וואָס זי האָט באַקומען פון אַמעריקע צום פאַרטיילן צווישן יידישע אַרבעטער.

„איר האָט אַמאָל געהערט — פרעגט די בראָשור — מען זאָל אַזוי פיל רעדן וועגן „אויפטועןʼʼ, וואָס האָבן זיך אויסגעדרוקט אין אַרויסגעבן איין, נאָר איין בראָשור? צי קענט איר די דאָזיקע „אויפטועןʼʼ, וועגן וועלכע מ׳רעדט אַזוי פיל און וועלכע נויטיקן זיך אפילו אין אַ ספּעציעלער דערלויבניש פון קאָנגרעס? איבעריקנס, דאָס איז אַ גאַנץ ריכטיקער איינפאַל: אָן געשרייען וואָלט קיינער זיכער די דאָזיקע „אויפטועןʼʼ אפילו נישט באַמערקט" **).

נישט ווייניקער בייסיק ווערט באַהאַנדלט דער באַשלוס פון פּ. פּ. ס.־ישן צוזאַמענפאָר וועגן אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג „אויב ס׳וועלן געפונען ווערן דערצו אַנטשפּרעכנדיקע ליטעראַרישע קרעפטן".

---

*) מיר זענען, ליידער, געצוואונגען צו ציטירן די דאָזיקע בראָשור פון רוסיש און אונזער איבערזעצונג וועט צוליב דעם נישט האַרמאָנירן מיטן טעקסט פון דער יידישער בראָשור. מיר האָבן צוליב דעם זיך באַמיט, אַז די איבערזעצונג זאָל זיין וואָס פּינקטלעכער. דעם רוסישן טעקסט נעמען מיר פון רוסישן זאַמלבוך „ראַבאָטניקיי (נר. 5—6, יאָר 1899), וועלכער איז דערשינען אין זשענעוו (אויסגאַבע פון דער ר. ס. ד. א. פּ.).

**) דאָרט.

„דער קאָנגרעס — קומט אַן אויספיר — האָט נישט געשטעלט אַזאַ באַדינג, ווען ער האָט גערעדט וועגן ליטעראַטור פאַר פּאָליאַקן. קלאָר, אַז די באַפרידיקונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין זיינע גייסטיקע באַדערפענישן איז פאַר דער פּ. ז. ס. אַ צווייט־ראַנגיקע זאַך" *).

ווייטער ווערן דערמאָנט די אַמאָליקע אַרטיקלען פון „פּזשעדשוויט", וועלכע מיר האָבן ציטירט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען — דער רוב איז, ווי מיר ווייסן היינט, געווען געשריבן דורך פּילסודסקין. דאָרטן האָט די פּ. פּ. ס. געגעבן פיל שיינע צוזאָגן, וועלכע זי האָט נישט רעאַליזירט, און פאַר דער צייט זענען דערוויל אַנטשטאַנען צוויי פאַרטייען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די יידישע און ליטווישע אַרבעטער — דער „בונד" און די ליטווישע ס. ד. ערשט דעמאָלט, ווען די העגעמאָניע פון פּ. פּ. ס. איז געשטעלט געוואָרן אין סכּנה, האָט די פּ. פּ. ס. אויפגעהויבן אַ טומל, אַז „דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר".

צעשמעטערנדיק פאַר דער פּ. פּ. ס. איז דער אָפּזאָץ וועגן דער באַציונג פון איר 4־טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר צו די ליטווישע סאָציאַליסטן. דערמאָנענדיק די פּ. פּ. ס.־ישע רעזאָלוציע, אַז בנוגע ליטע זענען די פּרינציפּן פון פּ. פּ. ס. זייער ווייט פון פאַרכאַפּערישקייט, ווייזט אָן די בראָשור, אַז די דאָזיקע שפּראַך „דערמאָנט מעכטיקע מלכים, וועלכע באַרויקן שוואַכע נאַציעס, פאַרזיכערנדיק זיי, אַז זייער אומאָפּהענגיקייט איז אויסער יעדער געפאַר".**).

„אונז — פירט אויס די בראָשור — זעט אויס אַזאַ מעלדונג זייער משונהדיק. אויף וויפיל ס'איז אונז באַקאַנט, האָט קיין איין פאַרטיי ביז איצט נישט אָפּגעגעבן קיין מעלדונג, אַז זי האָט נישט בדעה עפּעס־וואָס צו פאַרכאַפּן, און די פּ. פּ. ס. האָט עפּעס מאָדנע געהאַלטן פאַר נויטיק אָפּצוגעבן אַזאַ מעלדונג. דאָס צווינגט אונז צו טראַכטן, אַז דאָ איז עפּעס נישט אַלץ אין אָרדענונג" ***).

---

*) דאָרט.
**) דאָרט.
***) דאָרט.

צוקומענדיק צו דער טענה, אַז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט געמיינזאַמע אינטערעסן מיטן פּראָלעטאַריאַט, צווישן וועלכן ער וווינט — ווייזט די בראָשור אָן, אַז יידישע אַרבעטער וווינען נישט נאָר צווישן פּאָליאַקן און, אַז וואָס שייך די ליטווישע שטעט, איז די לאַגע יעדנפאַלס פאַרקערט: פּאָליאַקן, ליטווינער און רוסן וווינען גאָר צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע בילדעט אין די דאָזיקע שטעט אַ מערהייט.

אַזוי פיל — וועגן די באַשלוסן פון פּ. פּ. ס.־ישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. איבערגייענדיק צום אַרטיקל, מיט וועלכן דער „ראָבאָטניק" האָט באַגלייט די דאָזיקע באַשלוסן, גיט די בראָשור אַ געניטעם אַנאַליז פון דער טעאָריע פון יענעם אַרטיקל, אַז די אַנטשטייאונג פון „בונד" איז, אייגנטלעך, אַ רעזולטאַט פון דער אייביקער יידישער אָפּגעזונדערטקייט — אַז די גרינדער פון „בונד" בוקן זיך צום אָפּגאָט פון „אַלגעמיין־יידישער סאָלידאַריטעט" און „שלעפּן זיך אין עק פון דער בורזשואַזיע".

די דאָזיקע טענות זענען געווען אַזוי אומגעלומפּערט — און אין מויל פון דער פּ. פּ. ס. אַזוי קאָמיש — אַז נישט אומזיסט האָט די בראָשור דערויף אָפּגעענטפערט פולשטענדיק אויפריכטיק, אַז אין דעם פאַל „לאָזן זיך אונז פשוט אַראָפּ די הענט און מיר פאַרלירן זיך פולשטענדיק". *)

„מיר קענען איר (דער פּ. פּ. ס. — פּ. ש.) בלויז אָנווייזן — גיט צו די בראָשור — אויפן „באַריכט פון דער רוסישער דעלעגאַציע צום לאָנדאָנער קאָנגרעס", אין וועלכן זי וועט געפינען אַ גאָר אַנדערע אָפּשאַצונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און אָפּשאַצונג פון מענטשן, וואָס זענען באַקאַנט מיט דער דאָזיקער באַוועגונג גאָר נישט ווייניקער פון דער פּ. פּ. ס.".**)

די בראָשור ווייזט אָן אויף צענטליקער סתירות אין דער שטעלונג פון דער פּ. פּ. ס. און אין אירע אַמאָליקע דעקלאַראַציעס וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט. פאַרוואָס

*) דאָרט.

**) דאָרט.

האלט די פ. פ. ס., אז זי מעג ארגאניזירן די פוילישע ארבעטער אין א באזונדער פארטיי סיי אין רוסלאנד און סיי אין עסטרייך, גישט זעענדיק דערין קיין שום נאציאנאליזם? פארוואס אנערקענט זי דאס זעלבע רעכט די ארבעטער פון א רייע אנדערע נאציעס אין רוסלאנד (ליטווינער, לעטן א. א.) און אין עסטרייך (טשעכן, רייטשן א. א.), נאר ווען עס קומט צו דער יידישער ארבעטערשאפט, אנערקענט זי נישט דאס דאזיקע רעכט און שטעמפלט עס, ווי א בוקן זיך צום אפגאט פון „אלגעמיין-יידישער סאלידאריטעט" און ווי א „שלעפן זיך אין עק פון דער יידישער בורזשואזיע"?

די בראשור גייט איבער צום אנגריף:

„וואס האט געטון — פרעגט זי — די פ. פ. ס. אויף צו דערוועקן דעם קלאסן-באוווסטזיין פון יידישן פראלעטאריאט? וואס האט זי געטון אויף אפצושוואכן אין דער פוילישער ארבעטער-מאסע איר נאציאנאלע אפגעזונדערטקייט און נאציאנאלע פיינטשאפט צו יידן? — שטעלט דאך די פ. פ. ס. אליין פעסט, אז זיי זענען פאראן אין פוילישן פראלעטאריאט! פארוואס באמערקט מען נישט אין דער פ. פ. ס.-ישער ליטעראטור די מינדעסטע פרוון אין דער דאזיקער הינזיכט? ווען יידישן פראלעטאריאט האט די פ. פ. ס. פיערלעך געשוויגן, די יידישע ארבעטער האט זי פולשטענדיק איגנארירט. פארוואס-זשע האט זי איצט פלוצים גענומען ארויסווייזן אזא פאטערלעכע זארג ווענן יידישן פראלעטאריאט? פארוואס האט זי גענומען שליידערן פארסמטע פיילן אין „בונד" פונקט איצט, ווען דער יידישער פראלעטאריאט האט אליין, אן דער הילף פון פ. פ. ס., זיך גענומען באהאנדלען זיין עקאנאמישע און פאליטישע לאגע, טראכטן ווענן איינארדענען זיין ארגאניזאציע, ארויסגעבן זיין אייגענע ליטעראטור? ווו-זשע זענט איר פריער געווען, איר בעלי-טובות? די דאזיקע זעלבסטהילף, וועלכע קומט צום אויסדרוק אינם יידישן פראלעטאריאט, איז דאך א פרוכט פון פיליאריקער, שווערער ארבעט, וועלכע האט זיך געפירט אויף אייער „טעריטאריע", אין לאנד, ווו איר געפינט זיך, ביי אייך אונטער דער נאז, און איר האט ווענן איר גארנישט נישט

געוווסט, — נישט געוווסט אָדער נישט געוואָלט וויסן! איר האָט נישט באַמערקט און נישט געוואָלט באַמערקן, אַז ס'וואַקלט זיך דאָס אַלטע, אַז מיט יעדן טאָג ווערן אונטערגעגראָבן די יסודות און ס'וואַקלט זיך דער אַלטער בנין פון דער באַרימטער אחדות פון יידישן פאָלק, אַז די איינהייטלעכע, סאָלידאַרע יידישע נאַציע צעטיילט זיך אויף צוויי פיינטלעכע קלאַסן, אַז איינער פון די דאָזיקע קלאַסן, דער אַרבעטער־קלאַס, הויבט אָן ביסלעכווייז אַנערקענען די נויטווענדיקייט פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. וואָס־זשע האָט איר געטון די גאַנצע צייט פאַר די יידישע אַרבעטער? אויב איר קענט נישט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, וועלן מיר פאַר אייך ענטפערן:

איר זענט געווען פאַרנומען מיט נישט־אָנשטענדיקע רכילות־טרייבעריי אויפן באַוווסטזיניקן טייל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכן איר האָט באַרעדט, אַז ער העלפט מיט רוסיפיצירן ליטע— די דאָזיקע רכילות האָט איר אָן אויפהער אונטערגעטראָגן אייערע לעזער, זייענדיק אַזויאַרום שנאה צווישן פוילישן, ליטווישן און יידישן פּראָלעטאַריאַט. אין אייער שקר און חוצפה זענט איר אַוועק אַזוי ווייט, אַז איר האָט זיך אַנטשלאָסן צו וואַרפן אין פּנים דעם בעסערן, דעם אינטעליגענטערן טייל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, דעם שרעקלעכן פאָרוואורף, אַז ער האַלט אונטער אין לאַנד די סיסטעם פון ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר קאַכאַנאָוו!*). קוקט אַריין אין די ווילנער טורמעס, — און איר וועט דערזען, ווי ס'לעבן דאָרט הינטער די קראַטעס אין ווייטאָג יענע, וועלכע האַלטן אונטער, לויט אייער מיינונג, די פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג! וואַרפט אַ בליק אויף די פאַרטיעס פאַרשיקטע פּאָליטישע פאַרברעכער, — און איר וועט דאָרט דערזען די יידישע קאַכאַנאָוס, די דאָזיקע רוסיפיקאַטאָרס, וואָס גרייטן זיך אין „ססילקע" אין

---

*) דעם דאָזיקן פאָרוואורף קעגן „בונדיי" האָט אַרויסגערוקט פּילסודסקי אין איינער פון זיינע ווילנער קאָרעספּאָנדענצן צום אויסלענדישן „פּזשעדשוויטיי". דעם דאָזיקן אַרטיקל ברענגען מיר צום סוף פון בוך.



צוא דיא אַרבײטער און אַרבײטערקעס פון גראָדנע!!

בריִדער און שוועסטער!

אינטערעסאַנטער היסטאָרישער דאָקומענט

(ווי אַזוי פּוילישע זעצער האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם זאַץ פון די ערשטע יידי־שע אויפרופן פון פּ. פּ. ס. (זע זייט 174) — דער דאָקומענט געפינט זיך ביז הײנט אין אַרכיוו פון פּ. פּ. ס.).

די וויטע גובערניעס אָדער אין די ווייטע סיבירער שניי־טיגעס''! *)

אין שאַרפע ווערטער ווערט ווייטער פעסטגעשטעלט, אַז נישט געקוקט אויף די אַלע רכילותן, האָבן די יידישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן באַשיידן געטון זייער אַרבעט און דערפירט צו אַ סאָלידאַ־רער צוזאַמענאַרבעט פון די יידישע און פוילישע אַרבעטער אין ביאַליסטאָק, ווילנע און אַנדערע שטעט.

,,דער דאָזיקער רעזולטאַט—קומט דאָן דער אויספיר—ווייזט בעסער פון וואָסערע נישט איז ווערטער, ווי פאַלש ס'איז אייער פאָרשטעלונג וועגן דעם, אַז אַ באַזונדערע יידישע אָרגאַניזאַציע צעטיילט דעם יידישן און פוילישן פּראָלעטאַריאַט: איצט, ווען איר האָט דערזען די גאַנצע קראַפט פון דער יידישער אָרגאַניזאַציע, האָט איר פּלוצים דערפילט אין זיך אַ גרויסמוטיקן דראַנג צו העלפן די יידישע אַרבעטער, האָט איר אָנגעהויבן רעדן וועגן דער נויט־ווענדיקייט אַרויסצוגעבן אַ זשאַרגאָנישע צייטונג און זשאַרגאָנישע בראָשורן. וואָלט נישט געגרינדעט געוואָרן דער ,,בונד'', וואָלט אונז נישט אויסגעקומען צו הערן אַזעלכע גרויסמוטיקע רעדעס''.**)

גאַנץ באַזונדער פאַרנעמט זיך די בראָשור מיט דער אַרויס־טרעטונג פון אויסלענדישן ,,פּזשעדשוויט'' קעגן ,,בונד'', וועלכע איז — לויט דער מיינונג פון דער בראָשור — ,,נאָך קלאָרער און נאָך חוצפּהדיקער'' פון דער אַרויסטרעטונג פון ,,ראַבאָטניק''.

דער ,,פּזשעדשוויט'' ווערט זייער שאַרף אָנגעגריפן פאַר זיין אומערלעכקייט, ווייל — כדי זיך לייכטער צו מאַכן די אויפגאַ־בע — האָט ער איינגערעדט זיינע לעזער, ווי מען קען דאָס איבער־דיקנס זען פון די ציטאַטן אין אונזערע פריערדיקע קאַפּיטלען, אַז דער ,,בונד'' באַשולדיקט די פּ. פּ. ס. אין שאָוויניזם. די בראָשור שטעלט פעסט, אַז אין קיין שום אויסגאַבע פון ,,בונד'' און פון דער רוסישער ס. ד. איז ביז איצט אַזאַ זאַך נישט געווען און אַז

---

*) זאַמלבוך ,,ראַבאָטניק'', זשענעווו, נר. 5—6, 1899.
**) דאָרט.

די רעדאַקטאָרן פון „פּשעדשוויט" האָבן זיך באַנוצט מיט שקר בלויז, כּדי לייכטער צו קאָנען פּראָוואָרפן דעם „בונד", אַז ער איז „אַ כּשר קינד פון דער יידישער בורזשואַזיע און גרייטלעך אַדורכגעדרונגען מיט בורזשואַזע שטרעבונגען". אָבער אויפן גרונט פון אַ רייע אויספירן פון די פּ. פּ. ס.־ישע מחברים, קומט די בראָשור צום שלום, אַז פּאַקטיש האָבן זיי יאָ פאַרדינט די נעמען פון שאָוויניסטן.

דאָ ווייזט די בראָשור אָן אויף אַ רייע וויטערדיקע סתירות פון די פּ. פּ. ס.־ישע שרייבער. פון איין זייט טענהן זיי, אַז דער „בונד" באַמיט זיך איינצוהאַלטן די יידישע אָפּגעזונדערטקייט, און פון דער צווייטער זייט — אַז די יידן זענען רוסיפיקאַטאָרס. ווי־זשע פּאַרט זיך אָפּגעזונדערטקייט מיט רוסיפיקאַציע? אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן טרעט אַרויס די בראָשור קעגן דעם, וואָס די פּ. פּ. ס. אוזורפּירט זיך די רעכט צו רעדן נישט נאָר אין נאָמען פון פּוילישן, נאָר אויך — אין נאָמען פון גאַנצן קריסטלעכן אַרבעטער־קלאַס. „די רוסישע אַרבעטער — שטעלט פעסט די בראָשור — האָבן זייער אייגענע אָרגאַניזאַציע און זיי האָבן שוין, אָן דער הילף פון פּ. פּ. ס., פאָרמולירט זייער באַציונג צום „בונד": דאָס זעלבע קען מען זאָגן אויך וועגן די ליטווישע אַרבעטער, וועמענס פאָרשטייער ס'איז די „ליטווישע ס. ד.", און בשום אופן נישט די פּ. פּ. ס."*).

מיטן אויסנאַם פון איין אָפּזאַץ, איז דאָס דער אינהאַלט פון דער גאַנצער בראָשור. דער איינציקער אָפּזאַץ, וועלכן מיר טיילן אויס באַזונדער, דאָס איז דער אָפּזאַץ וועגן דער אומאָפּהענגיקייט. וועגן דערדאָזיקער פראַגע איז אונז שוין פיל מאָל אויסגעקומען צו רעדן. ביז היינט איז, ליידער, נישט אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דערדאָזיקער פראַגע קיין שום קלאָרקייט און וועגן דער דעמאָלטיקער שטעלונג פון „בונד" אין דער אומאָפּהענגיקייט־פראַגע, איז דאָן און אויך נאָך היינט פאַרשפּרייט נישט־וויניק גוזמאות. ס'לוינט דעריבער זיך אָפּצושטעלן ביי דער דאָזיקער פראַגע אַביסל גענויער.

*) דאָרט.

18

ווי אזוי איז עס געווען אויף אן אמת?

צי איז טאקע אמת, אז דער „בונד", ווי די ערשטע יידישע סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציעס פארן „בונד", האבן פארנומען א פיינטלעכע פאזיציע צום אידעאל פון אן אומאפהענגיקן פוילן?

די צעווארפענע יידישע סאציאל־דעמאקראטישע גרופן האבן אין ערגעץ נישט ארויסגערוקט אזא שטעלונג. דער „בונד" האט נאך זיין גרינדונג נישט גענומען א ווארט אין דער פראגע און אויף זיין דריטן פארטיי־צוזאמעפאר (קאוונע, דעצעמבער 1899), האט ער באשלאסן ערשט צו שטעלן די פראגע צו א דיסקוסיע אין דער פארטיי:

„וועגן אונזערע קינפטיקע באציונגען צו דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי (פ. ס. פ.) — לייענען מיר אין די באשלוסן פון דריטן בונדישן פארטיי־צוזאמענפאר — און צו איר טאקטיק קעגן „בונד" האט דער צוזאמענפאר באשטימט:

עפענען אין „יידישן ארבעטער" א פרייע דיסקוסיע אויף די פאראנטווארטלעכקייט פון יעדן אויטאר וועגן דער אומאפהענגיקייט פון פוילן;

אזוי ווי די עקזיסטענץ פון „בונד" איז נויטווענדיק פאר דער אנטוויקלונג פון קלאסן־באוווסטזיין פון יידישן פראלעטאריאט; —

אזוי ווי די פ. פ. ס. מיינט מיט אירע אנפאלן אויפן „בונד" אפצושוואכן זיין זעלבשטענדיקייט און עקזיסטענץ —

האט דער צוזאמענפאר באשטימט צו קעמפן קעגן דער ראזי־

קער טאַקטיק פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט אַלע פּאַסנדיקע מיטלען''.*).

שוין דער דאָזיקער באַשלוס אַליין לייקנט אָפּ אַלע בלבולים אויפן ,,בונד'' אין די ערשטע יאָרן פון זיין אַנטשטייאונג. ריכטיק איז, ווי דער לעזער זעט, אַז ביזן דריטן צוזאַמענפאָר האָט דער ,,בונד'' די דאָזיקע פראַגע נישט געשטעלט. דער באַשלוס פון דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. פון ,,בונד'' וועגן אַ דיסקוסיע אין דער דאָזיקער פראַגע איז שפּעטער נאָכאַמאָל באַקרעפטיקט געוואָרן אויפן פערטן פּאַרטיי - צוזאַמענפאָר פון מאַי 1901 אין ביאַליסטאָק. די פראַגע איז אין יאָר 1901 (און שפּעטער) דיסקוטירט געוואָרן אין אויסלענדישן אָרגאַן פון ,,בונד'', אין ,,יידישן אַרבעטער'' (אַרטיקלען פון גאַליציאַנער יידישן סאָציאַליסט מאַקס צעטערבוים, פון ראָזאַ לוקסעמבורג, פון קאַרל קויטסקי א. א.), און ס'איז במילא פאַרשטענדלעך, אַז ביז דאַן האָט דער ,,בונד'' יעדנפאַלס נישט געהאַט קיין שטעלונג אין דער פראַגע.

מיט רעכט טרעט דעריבער אַרויס די ציטירטע בראָשור קעגן די אינסינואַציעס, אַז דער ,,בונד'' האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. די מחברים פון דער בראָשור שטעלן פעסט, אַז דאָס איז אַ הוילער בלבול און אַז דאָס איז אין ערגעץ, אין קיין שום אויסגאַבע פון ,,בונד'', נישט געזאָגט געוואָרן. ,,משמעות, אַז די פּ. פּ. ס. האָט ביי זיך מכשפים, וואָס לייענען פרעמדע געדאַנקען, ווייל נאָר אַזוי־אַרום האָט זי געקענט באַקומען אַזעלכע אינפאָרמאַציעס'' **).

די בראָשור ווייזט אָן אויף אַ רייע היסטאָרישע פאַקטן, ווען די יידישע באַפעלקערונג פון פּוילן האָט געקעמפט, האַנט־ביי־האַנט מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג, פאַר באַפרייען דאָס לאַנד פון דער צאַרישער אָקופּאַציע. די גאַנצע היסטאָריאָזאָפיע פון די פּ. פּ. ס.־ישע שרייבער און זייער גאַנצע געשיכטע - מאַכעריי איז נישט נאָר פאַלש, נאָר זי בלאָזט אויך פאַנאַנדער שנאה צו יידן. דער לעצטער אויספיר פון דער בראָשור איז דעריבער, אַז וויפיל

*) דער ,,אידישער אַרבייטערי', נומער 9, 1900, זייט 7.
**) זאַמלבוך ,,ראַבאָטניקי', נומער 5—6, זשענעוו, 1899.

די פירער פון פּ. פּ. ס. זאָלן זיך אין זייערע ארויסטרעטונגען נישט אָפּגרענעצן פון אַנטיסעמיטיזם, זענען זיי דאָך נאָך אַלץ אַדורכגעדרונגען מיטן געפיל פון ראַסן־האַס, וועלכן זיי האָבן געירשנט פון דער פּוילישער „שליאַכטע".

י. מילל (דזשאָן), וועלכן די פּ. פּ. ס. האָט אין די ציינציקסטע יאָרן געהאַלטן אין וואָרשע אַלס איר פאַרבינסנטן קעגנער, האָט אין איינעם פון זיינע שפּעטערדיקע אַרטיקלען גענוג קלאָר פאָרמולירט די שטימונגען, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין „בונד" אין דער אומאָפּהענגיקייטס־פראַגע.

„דער „בונד" — שרייבט י. מילל — האָט נישט געקענט אָננעמען די קאָנצעפּציע פון פּ. פּ. ס. יזם. די צעריסונג פון דער רוסישער מלוכה, די אָפּטיילונג פון פּוילן, האָט נישט געקאָנט ווערן דער עיקר, די קווינטעסענץ פון זיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט און דער ציל פון זיינע פּאָליטישע שטרעבונגען. די באַפרייונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט ער דערוואַרט נישט פון פּוילן, נאָר פון זיג פון די פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע קרעפטן פון גאַנץ רוסלאַנד" *).

ס'האָבן, איבריקנס, נישט געפעלט אויך אין דער פּ. פּ. ס. מענטשן, וועלכע האָבן געקוקט קריטיש אויף דער עוואָלוציע, וואָס פּ. פּ. ס. מאַכט אַדורך אין דער דאָזיקער פראַגע. שוין אויף דער שוועל פון הייַנטיקן יאָרהונדערט זענען די מיינונגס־פאַרשידנקייטן וועגן דעם געווען אין דער פּ. פּ. ס. זייער גרויס.

„קאַזשימיעזש קראַוז (לושניאַ) — דערציילט וועגן דעם נישט עמעץ אַנדערש, ווי פעליקס פּערל — האָט פאַרטרעטן דעם געדאַנק, אַז אַמוואַרשיינלעכסטן וועלן מיר דעראָבערן די אומאָפּהענגיקייט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין מיטל־אייראָפּע. אַנדערע האָבן פאָרויסגעזען די דעראָבערונג פון דער אומאָפּהענגיקייט אין רעזולטאַט פון אַן אייראָפּעישן קריג (צווישן

*) י. מילל (דזשאָן): „דער אַנטיסעמיטיזם אין די פּוילישע סאָציאַליסטישע באַציונגען" („צוקונפט", נו־יאָרק, 1921, מאַי, זייט 728).

זיי האָט זיך אויך געפונען פּילסודסקי — פּ. ש.). נאָך אַנדערע האָבן געשטעלט הויפּטזאַכלעך אויף אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד"*).

טאַקע דערזעלבער פּערל — אַן אַנטשידענער אַנ־הענגער פון פּ. פּ. ס׳ישן אומאָפּהענגיקייטס־פּראָגראַם — איז אומ־דירעקט מודה, אַז אויב ס׳איז היינט פאַראַן אַן אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה, האָט דאָ דער באַוואָפנטער קאַמף פון פּ. פּ. ס. און פון די לעגיאָנען נישט געשפּילט די הויפּט־ראָל.

„....און אַ דאַנק די גרויסע געשיכטלעכע איבערקערענישן — שטעלט פּערל אַליין פעסט — איז ענדלעך מקוים געוואָרן דער טרוים פון פיל דורות „פּאָווסטאַנצעס", ס׳איז מקוים געוואָרן דער ציל, וועלכער איז פאַר דער פּ. פּ. ס. געווען אַ פאַרבאַדינג פאַר אירע ווייטערדיקע צילן און ווייטערדיקער אַקציע — ס׳איז מקוים גע־וואָרן די אומאָפּהענגיקייט און די רעפּובליק" **).

אין פּ. פּ. ס. גופא איז אַרום דער דאָזיקער פראַגע איגגיכן — נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 — גע־קומען אפילו צו אַ שפּאַלטונג. פיל טוער פון פּ. פּ. ס. האָבן דאַן אַליין מודה־געווען, אַז דער קאַמף פון פּ. פּ. ס. קעגן „בונד" איז געווען אַ באַדויערונגס־ווערטער היסטאָרישער פעלער.

וואָס שייך די מיטלען, מיט וועלכע די דאָזיקע מלחמה איז גע־פירט געוואָרן, זענען זיי טאַקע געווען זייער ווייט פון ריטערלעכ־קייט, וועלכע האַרף פּאַרפליכטן אין אידייאישן שטרייט.

אויף אייניצלנע מאָמענטן פון דעם מין שטעלט זיך אָפּ די בראָשור, ווי דער לעזער האָט עס געקאָנט זען פון אונזערע ציטאַטן. אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועט אונז נאָך נישט איינמאָל אויס־קומען דערמיט זיך צו באַגעגענען.

---

*) פ ע ל י ק ס פ ע ר ל : „אַ סקיץ פון דער פּ. פּ. ס.ישער גע־שיכטע" (אינם זאַמלבוך צום 30־טן יאָרטאָג פון פּ. פּ. ס., וואַרשע. 1923, זייט 8).

**) דאָרט.

19

דער „אַרבייטער“

דער באַשלוס פון פערטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס. (נאָוועמבער 1897) וועגן אַרויסגעבן „אַ נישט־פּעריאָדיש אַרבעטער־בלעטל און בראָשורן אין זשאַרגאָן“ איז רעאַליזירט געוואָרן ערשט מיט אַ יאָר שפּעטער. אין דעצעמבער 1898 דערשיינט אין לאָנדאָן דער ערשטער נומער פון דאָזיקן בלעטל, נאָך וועלכן ס׳קומט ווידער אַן איבעררייס פון צוויי יאָר. אין סך־הכּל איז פון נאָוועמבער 1897, ווען דער פערטער צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס. האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַזאַ בלעטל, ביז אַפּריל 1901, אַלזאָ — אין משך פון פערטהאַלבן יאָר — דערשינען נישט מער, ווי דריי נומערן פון פּ.פּ.ס.ישן אָרגאַן פאַר די יידישע אַרבעטער.

געהייסן האָט ער „דער אַרבייטער“ — דעם דאָזיקן נאָמען האָט ער געירשנט פון לעמבערגער „אַרבייטער“, וועלכער האָט אויפגעהערט צו דערשיינען נאָך אין יאָר 1896 (אויף זיין אָרט האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דאָס „יידישע פאָלקס־בלאַט“). דער ערשטער נומער האָט אַנטהאַלטן 16 זייטן און אַ צוויי־זייטלדיקע בייַלאַגע מיט קאָרעספּאָנדענצן פון ביאַליסטאָק און גראָדנע. דער „בונד“ האָט דאַן שוין געהאַט אַ רעגולער־דערשיינענדיקע פּרעסע: אין אויסלאַנד — דעם „יידישן אַרבעטער“, וועלכער פלעגט דערשיינען אין עטלעכע צענטליק זייטלעך, און אין לאַנד — די „אַרבעטער־שטימע“.

דער באַשלוס פון פערטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט געהאַט אַזאַ ביטער מזל טאַקע צוליב דער מניעה, וועלכע דער זעלבער

צוזאמענפאר האט פארויסגעזען: די פארטיי האט נישט געהאט קיין איין נישט־אסימילירטן ייד, וואס זאל קענען שרייבן יידיש.

פארשטייט זיך, אז ווען די פ. פ. ס. וואלט דעם ענין באטראכט נישט ווי א נעבן־זאך, זאלט זי זיך אז עצה־געגעבן מיט דער דאזיקער מניעה. ווייסן מיר דאך וועגן פיל בונדישע אסימילירטע אינטעליגענטן, וועלכע האבן אין א שנעלן טעמפ זיך אויסגעלערנט יידיש, ווייל זיי האבן גענומען ערנסט זייער שליחות אלס פירער און אויפקלערער פון דער יידישער מאסע. ערשט, ווען מען האט שוין מער נישט געקענט אפשלעפן, איז „דער ארבייטער" געווארן א פאקט. אבער ארום זיינע ערשטע נומערן האבן זיך געפירט נישט ווייניק קאמפן

„איינע פון די שוואכסטע זייטן פון דער יידישער ארגאניזאציע פון דער פ. פ. ס. — דערציילט וועגן דעם איינער פון די דעמאלטיקע פ. פ.ס.ישע יידישע ארבעטער „משה מעזריטשער" — איז געווען דאס באזארגן איר דורך די פארטיי־אינסטאנצן מיט ליטעראטור. פון סאמע אנהויב אן איז די דאזיקע פראגע געווען זייער אנגעווייטיקט. פריער פון אלעם איז דאס געווען א רעזולטאט דערפון, וואס צווישן דער פארטיי־אינטעליגענץ זענען נישט געווען קיין מענטשן, וואס זאלן קענען יידיש. די פארטיי־אינטעליגענטן פון יידישער אפשטאמונג האבן זיך רעקרוטירט אויסשליסלעך פון אסימילירטע קרייזן, צוליב וואס מען האט נישט געקענט רעכנען אויף זייער ליטעראַרישע ארבעט אין געביט פון יידישע אויסגאבן. ווען ס'איז אויפן קאטעגארישן פארלאנג פון די ארבעטער, וועלכע האבן געהערט צו דער יידישער ארגאניזאציע פון פ. פ. ס., געגרינדעט געווארן א ספעציעלער ארגאן „דער ארבייטער", איז נישט געווען, ווער ס'זאל אים רעדאגירן, צוליב וואס ער איז דערשינען זייער זעלטן. ס'האט זיך אפילו געשאפן אזא אנאמאליע, אז ס'האט אים א געוויסע צייט רעדאגירט לעאן וואסילעווסקי, וועלכער האט צוליב דעם אויף גיך זיך אויסגעלערנט לייענען און רעדן יידיש" *).

*) משה קויפמאן (משה מעזריטשער): „צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער ארגאניזאציע פון דער פ. פ. ס." („ניעפאדלעגלאשטשי", 1935, באנד 12, העפט 1 (30), זייטן 49—50).

אָפּקלאַנגען פון דער שטענדיקער אומצופרידנקייט פון די יידישע פּ. פּ. ס.־יש־געשטימטע אַרבעטער מיט דער דאָזיקער לאַגע האָבן מיר שוין נישט איינמאָל באַגעגנט אין די ביז־איצטיקע קאַפּיטלען, הויפּטזאַכלעך — אין די ציטירטע בריוו פון די פּ.פּ.ס.ישע פירער. אין יאָר 1898 איז דער אָנגריף פון די יידישע אַרבעטער אין דער פּ. פּ. ס. געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז שוין געווען אוממעגלעך ווייטער אָפּצושלעפּן מיטן אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטונג. אַ נישט־קליינע ראָל האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געשפּילט די אַנטשטייונג פון „בונד".

„ענדלעך — דערציילט וועגן דעם פּילסודסקיס ביאָגראַף — הערבסט 1898, ווי ס'שטעלט פעסט וואָיטשעכאָווסקי, צוליב דער מעלדונג פון די יידן, וואָס האָבן געהערט צו דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, אַז „זיי קאָנען זיך עס אַליין אונטערנעמען, איז די רעדאַקציע פון דער צייטונג אָפּגעגעבן געוואָרן אין זייערע הענט". דער ערשטער נומער פון דער דאָזיקער צייטונג אונטערן נאָמען „אַרבייטער" איז דערשינען אין לאָנדאָן אין דעצעמבער 1898, אַלס אָרגאַן פון דער פּ. פּ. ס., אין אַן אויפלאַגע פון 5000 עקזעמפּלאַרן. דער צווייטער נומער איז דערשינען ערשט אין 1900. דער דאָזיקער לענגערער איבעררייס איז געווען אַ רעזולטאַט פון די צאָלרייכע אַרעסטן, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין לאַנד אין יאָר 1899. ס'איז צוליב דעם אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט איבערצוגעבן די רעדאַקציע די מיטגלידער פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע" *).

אין לאָנדאָן האָט זיך דאַן געפונען מאַקס האָראָוויץ (וואַלעצקי), וועלכער רעדאַגירט דעם ערשטן נומער „אַרבייטער" — אָנגעשריבן איז דער נומער געוואָרן דורך די אינלענדישע טוער. אין משך פון די שפּעטערדיקע יאָרן האָט רעדאַגירט דעם

---

*) וול. פּאָבוג־מאַלינאָווסקי: „יוזעף פּילסודסקיי", וואַרשע 1935, ערשטער באַנד, זייט 297.

„ארבייטער" ל ע אָ ן וואַ ש י ל ע ו ו ס ק י, וועלכער האָט זיך דערמיט פאַרנומען ביזן יאָר 1900, ווען ס'נעמט איבער די דאָזיקע פונקציע דר. פ ע ל י ק ס ז אַ ק ס.

„דעמאָלט — לייענען מיר אין די זכרונות פון לעאָן וואַשי־לעווסקי — צוליב דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעט פון פּ. פּ. ס. צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט אין וואַרשע, ביאַליסטאָק און גראָד־נע, איז כסדר געוואַקסן די באַדערפעניש פון ספּעציעלע פּאַרטיי־אויסגאַבן אין זשאַרגאָן. צוליב דעם איז אַנטשטאַנען אין אונזער לאָנדאָנער דרוקעריי אַ יידישע אָפּטיילונג. מיר האָבן אַראָפּגע־בראַכט אַ קאָמפּלעט יידישן שריפט און מיר האָבן אָנגעהויבן דרוקן די צייטונג „דער ארבייטער", און נאָך דעם ווי דער לעצטער איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין לאַנד אַריין — „די פּראָלעטאַ־רישע וועלט", און אַ רייע בראָשורן, איבערזעצט פון פּויליש. כמעט אַלע אינטעליגענטערע יידישע אַרבעטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס שרייבער, צוליב וואָס מיר האָבן געהאַט נישט ווייניק קלאָפּאָט, ווייל צווישן אונז איז נישט געווען קיין איין אינטעליגענט, וועל־כער זאָל קענען אָפּשאַצן דעם ווערט פון זייער אַרבעט. איך האָב זיך דעריבער אויסגעלערנט אַביסל זשאַרגאָן און ביי דער מיטהילף פון ט ע ר ע ז ע ר ע ז נ י ק אָ וו ס ק אַ (פעליקס פערלס שפּעטער־דיקע פרוי) האָב איך צוגעגרייט צום דרוק די צוגעשיקטע זשאַרגאָ־נישע מאַנוסקריפּטן. מיר האָבן אויך געהאַט ספּעציעלע יידישע זעצערס, פון וועלכע איינער, אַן עמיגראַנט פון וואַרשע ה אַ ר ט־מ אַ ן, האָט געטויגט צו ליטעראַרישער אַרבעט (דאָ האַנדלט זיך וועגן היינטיקן מיטאַרבעטער פון אַמעריקאַנער „פאָרווערטס" לעאָן גאָטליב — פּ. ש.) "*).

מיר ברענגען אַזעלכע אויספירלעכע ציטאַטן פון פּ. פּ. ס.ישע טוערס סיי פון די שפּיצן און סיי פון דער מאַסע, ווי אויך די פעסט־שטעלונגען פון פילסודסקיס ביאָגראַף, כדי דער לעזער זאָל באַקו־

*) ל ע אָ ן וואַ ש י ל ע וו ס ק י: „די פּוילישע לאָנדאָנער עמיגראַציע אויף דער שוועל פון 19־טן און 20־טן יאָרהונדערטיי („ניעפּאָדלעגלאָשטשי", 1933, באַנד 1 (העפט 2), זייט 256).

מען אַ פּילזייטיק בילד פון די אומשטענדן, אין וועלכע די פּ. פּ. ס. האָט געפירט איר אַזוי־גערופענע יידישע אַרבעט. די ציטירטע מחברים קען מען נישט חושד־זיין אין ווען פאַרשטעלן די זאַכן צו שוואַרץ.

אין דער אונטערשטער שורה באַקומט זיך פון זייערע ווערטער אַ זייער טרויעריק בילד: אַ פּאַרטיי, וואָס האָט מכלומרשט נישט אויפגעהערט צו לערנען אַנדערע, אַז צו די יידישע אַרבעטער דאַרף מען רעדן יידיש, האָט נישט געהאַט אין אירע רייען קיין איין מענטש, וואָס זאָל דאָס קענען באַווייזן אין שריפט!

אויפּריכטיק שטעלט פעסט לעאָן וואַשילעווסקי אַליין:

„דער זשאַרגאָן פון אונזערע יידישע אויסגאַבן איז אַפילו נישט געווען קיין „קלאַסישער“, ווי אונזערע קעגנער פון „בונד“ פלעגן עס אַפּט אונטערשטרייכן“ *). אומדערוואַרט גיט ער אָבער באַלד צו: „פאַר אונזערע באַדערפענישן האָט ער פונדעסטוועגן געקלעקט“ **).

אָן בייזוויליקייט מוז מען זאָגן, אַז אין דעם אָרט ווייזט אַרויס דער רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער“ אַ היפּשע מאָס גרינגשעצונג צו דער פונקציע פון אַ רעדאַקטאָר, וואָס ער וואָלט זיכער נישט געטאָן אין באַצוג צו די פּ. פּ. ס. סישע פּוילישע אויסגאַבעס. ס'איז גענוג אויפצומישן דעם ערשטן נומער „אַרבייטער“, כדי זיך איי־בערצוצייגן, ווי אַזוי ער איז געווען רעדאַגירט. אפילו ביי דעם דעמאָלטיקן כאַאָס אין אָרטאָגראַפישער הינזיכט, איז די אָרטאָ־גראַפיע פון „אַרבייטער“ געווען אַזוי פאַטאַל, וואָס ערגער קען שוין נישט זיין. גענוג צו זאָגן, אַז די רעדאַקטאָרן פון דאָזיקן נומער האָבן זיך נישט געמיט אַריינצוברענגען אין די צוגעשיקטע מאַנוסקריפּטן די מינדעסטע אָרדנונג אפילו אויפן געביט פון פונקטאַציע!

אויסער אַן אויפרוף פון צ. ק. ר. אין פּויליש און אין יידיש, גיט אין דאָזיקן נומער אַ פּאָליטישער אַרטיקל און, ווי מיר האָבן

*) דאָרט.
**) דאָרט.

שוין דערמאָנט, אַ רייע קאָרעספּאָנדענצן (פון וואַרשע, ביאַליסטאָק און גראָדנע). אין פּאָליטישן אַרטיקל ווערט פאָרמולירט די פאָדערונג „אָפּצוטיילן פּוילן פון רוסלאַנד" און די פאָדערונג פון אַן „אומאָפּהענגיקע דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין פּוילן".

20

דער ערשטער מאסן-ארעסט אין „בונד" און פילסודסקי

פילסודסקי אנגאזשירט זיך זייער שטארק אין קאמף קעגן „בונד''. ער געהערט צו דער גרופע אינלענדישע טוער, וואס האבן דירעקט געהאט אויסצושטיין דעם דרוק פון די יידישע פ.פ.ס־ישע גרופן, און אויב פ. פ. ס. האט אין יאר 1898 אויסער דעם ערשטן נומער פון לאנדאנער „ארבייטער'', נאך ארויסגעגעבן עטלעכע אויפרופן אין לאנד, איז דאס געשען ביי דער דירעקטער מיטווירקונג פון פילסודסקין.

אנהויב 1898 — א פאר חדשים נאכן פערטן צוזאמענפאר פון דער פ. פ. ס. — מאכט פילסודסקי א רייע באמיונגען איינצושטעלן אן אינלענדישע יידישע דרוקעריי פון דער פארטיי.

„אנהויב 1898 — דערציילט וועגן דעם פילסודסקיס ביאגראף — האט מען אריבערגעבראכט אין לאנד אריין דרייצנטהאלבן קילא העברעישן שריפט. ארויסשיקנדיק די דאזיקע באשטעלונג, האט פילסודסקי דערקלערט דעם 2־טן פעברואר 1898: „מיר גרינדן איצט א קליינע יידישע דרוקעריי פאר דער יידישער ארבעט''. נאכן דערהאלטן דעם דערמאנטן שריפט זענען, במשך פון 1898 און 1899, ארויסגעגעבן געווארן אין לאנד 6 זשארגאנישע אויפרופן אין צאל פון 5250 עקזעמפלארן'' *).

בלויז א טייל פון די דאזיקע אינפארמאציעס אנטשפרעכן דער ווירקלעכקייט. פאקטיש האט די פ. פ.ס־ישע דרוקעריי ארויס־

*) וול. פאבוג־מאלינאווסקי: „יוזעף פילסודסקיי", ווארשע, 1935, ערשטער באנד, זייט 297.

געגעבן פאר דער צייט בלויז 4 אייגענע אויפרופן. 2 אויפרופן צום גרויסן וועבער־שטרייק אין ביאַליסטאָק (יוני 1898) זענען בלויז געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון פּ. פּ. ס., אָבער ארויסגע־געבן האָט זיי אַן אַלגעמיינער שטרייק־קאָמיטעט פון די ביאַליסטאָ־קער וועבער.

ארום די דאָזיקע אויפרופן האָט זיך שפּעטער געפירט א שאַרפע פּאָלעמיק און דער „בונד" האָט געהאַט גרויסע טענות צו דער פּ. פּ. ס. פאַר צושרייבן זיך די דערמאָנטע 2 אויפרופן*). מיר פון אונזער זייט קענען צוגעבן, אַז די דאָזיקע ביאַליסטאָקער 2 אויפ־רופן, זענען טאַקע אונטערגעשריבן אַנדערש, ווי אַלע פּ.פּ.ס.ישע אויפרופן פון יענער צייט. די פּ.פּ.ס.ישע אויפרופן פלעגן דעמאָלט טראָגן די אונטערשריפט פון אַרטיקן קאָמיטעט און די פירמע פון דער גאַנצער פּאַרטיי. די ביאַליסטאָקער שטרייק־אויפרופן פון יוני 1898 זענען אונטערגעשריבן בלויז מיט 3 ווערטער „ביאַליסטאָקער ארבייטער קאָמיטעט" אין יידיש און אין פּויליש, ווייל, ווי דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט שפּעטער פעסטגעשטעלט אין נאָמען פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון „בונד", אַזוי איז לכתחילה געווען אָפּגעשמועסט.

די אינלענדישע דרוקעריי פון פּ. פּ. ס., וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אין ווילנע (ביז סוף 1898 און שפּעטער אין לאָדז ביז פעברואר 1900), האָט נישט געהאַט קיין יידישן זעצער, און די יידישע אויפרופן זענען דאָרט געזעצט געוואָרן אויף אַן אייגנ־אַרטיקן אופן. די מאַנוסקריפּטן זענען געשריבן געוואָרן זייער שיי־טער, אַזוי, אַז איבער יעדן יידישן אות זאָל מען קאָנען צושטעלן א לאַטיינישן בוכשטאַב, לויט וועלכן דער קריסטלעכער זעצער זאָל זיך אָריענטירן, ווי אַזוי צו זעצן. אויך דער קאַסטן מיט שריפט אין דער דרוקעריי איז געווען איינגעאָרדנט אויף אַן ענלעכן אופן. ביזן היינטיקן טאָג געפינט זיך נאָך אין אַרכיוו פון פּ. פּ. ס. אַזאַ יידישער מאַנוסקריפּט מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן איבער יעדן יידישן אות.

---

*) „יידישער אַרבייטער", נר. 13, זייטן 113—114.

דריי פון די דערמאַנטע אויפרופן, וואָס די פּ. פּ. ס. האָט אַרויסגעגעבן, זענען געווידמעט דעם 1־טן מאַי. צווישן זיי געפינען זיך די ערשטע צוויי אויפרופן פון די ביאַליסטאָקער און וואַרשעווער קאָמיטעטן פון פּ. פּ. ס. דער טעקסט פון ביידע אויפרופן איז דער זעלבער, בלויז די אונטערשריפטן זענען אַנדערע און די קאָליר פון פּאַפּיר איז פאַר יעדער שטאָט געווען אַן אַנדערע.

אויך אין אַפּריל 1899 גיט אַרויס די דרוקעריי פון פּ. פּ. ס. יידישע מאַי־אויפרופן, וועלכע זענען דאָסמאָל געחתמעט מיט דער אונטערשריפט פון צ. ק. ר. בלויז דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּ. פּ. ס. האָט פאַר זיין געברויך געלאָזן צוזעצן צום אַלגעמיינעם אויפרוף פון צ. ק. ר. אַ מעלדונג וועגן אַ דעמאָנסטראַציע אין די אויאַזדאָווער אַלייען, נייע וועלט און קראָקעווער פאָרשטאָט. פאַקטיש אָבער קאָן מען דעריבער רעכענען, אַז דאָס זענען געווען 2 אויפרופן. אויסערדעם האָט די פּ.פּ.ס־ישע דרוקעריי אַרויסגעלאָזן אין מאַי 1899 אַ לאָקאַלן וואַרשעווער אויפרוף צו די קאַמאַשן־מאַכער.

דערווייל ווען פּילסודסקי שטעלט איין אין לאַנד אַ יידישע דרוקעריי פאַר דער פּ. פּ. ס. און ווען די פּ.פּ.ס־ישע יידישע גרופּ גרייטן צו דעם ערשטן נומער „אַרבייטער“, קומט פאָר דער ערשטער מאַסן־אַרעסט פון בונדיסטן (סוף יולי 1898). עס קומען פאָר אַרעסטן אין וואַרשע, לאָדזש, מינסק, ווילנע, באָברויסק, באַראַנאָוויטש, אָדעס, גראָדנע און בריאַנסק (דאָ ווערט אַרעסטירט אַ ר ק אַ ד י ק ר ע מ ע ר). ס'פאַלן אַדורך אַלע מיטגלידער פון ערשטן צ.ק. פון „בונד“ (אַ ר ק אַ ד י ק ר ע מ ע ר, וו ל. ק אָ ס אָ וו ס ק י, ג ל ע ב מ ו ט נ י ק), ס'פאַלט אַדורך די אומלעגאַלע דרוקעריי פון „בונד“, וועלכע האָט אַרויסגעלאָזן ביז דאַן 8 נומערן „אַרבייטער־שטימע“ (דער נומער 9־10 איז געווען אין דער אַרבעט) און אַ רייע באַשורן, ס'ווערן אַרעסטירט די פירער פון דער בונדישער אַרבעט פון די וויכטיקסטע צענטרען פון לאַנד (סך־הכל זענען צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט 67 פּערזאָן).

פּילסודסקי איז זיכער, אַז דער „בונד“ וועט לאַנג נישט קאָנען

קומען צו זיך נאָך דעם שווערן קלאַפּ, וואָס זובאַטאָוו האָט אים דערלאַנגט. מיטן דאָזיקן דורכפאַל פון „בונד' פאַרבינדט פּיל־סודסקי וויטגייענדיקע פּלענער. אַזוי, למשל, האָפט ער צוליב דער אָפּגעשוואַכטקייט פון „בונד" צו געווינען פאַר דער פּ. פּ. ס. די סימפּאַטיעס פון דער ליטווישער ס. ד., וועלכע איז ביז איצט צו־זאַמענגעגאַנגען מיטן „בונד".

דעם 22־טן סעפּטעמבער שרייבט פּילסודסקי קיין אויסלאַנד:

„כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, אַז די רעשטלעך פון „אַרבעטער־בונד" האָבן זיי (די ליטווינער — פּ. ש.) פאָרגעשלאָגן פּראָסט צוצוטרעטן צו דער רוסישער פּאַרטיי, און די לעצטע האָבן, נאָך לאַנגע דעבאַטן, אָפּגעזאָגט, ווי ס'האָט מיר געזאָגט זייער שעף, ווייל מען ציט איצט איבעראַל גיכער צו דער פּ. פּ. ס., ווי צו רוסלאַנד. טיילווייז איז דאָס אַ רעזולטאַט פון יידישן דורכפאַל (געמיינט דעם דורכפאַל פון די וויכטיקסטע בונדישע טוער—פּ.ש.), צוליב וואָס אונזער אויטאָריטעט איז נאָך מער אויסגעוואַקסן".

וואָס שייך די ליטווינער, האָט פּילסודסקי זיך זייער גיך איבערצייגט, אַז זיינע אויסרעכנונגען זענען אַוועק צו ווייט. שוין מיט אַ חודש שפּעטער — אין בריוו אין וועלכן ער רימט אַזוי שטאַרק יאָדקאָן פאַר זיין אַרטיקל קעגן די אַנטי־פּ.פּ.ס־ישע פאַר־טייען אין ליטע (דעם בריוו האָבן מיר שוין ציטירט אין די פריער־דיקע קאַפּיטלען), ציט זיך פּילסודסקי צוריק:

„דאַכט זיך — שרייבט ער צו זיינע אויסלענדישע פריינט — אַז כ'האָב געמוזט אייך אָנשרייבן צו אָפּטימיסטיש וועגן די אַר־טיקע, ווייל כ'האָב אַזש דערוועקט אין אייך אַזעלכע ראָזע האָפּ־נונגען און אַפילו פּאַראייניקונג־פּלענער. כ'האָב שוין עטלעכע מאָל גערעדט מיט זייערע פאָרשטייער (פון דער ליטווישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע). ווייטער ווי צו אַ „פעדעראַציע" — כ'ווייס נישט מיט וועמען און כ'ווייס נישט פאַרוואָס — בין איך מיט זיי נישט דערגאַנגען. זיי האָבן אַפילו נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך, אַז זיי ווילן זיך פעדערירן מיט פוילן און נישט מיט עמעצן אַנדערש."

כדי צו פאַרענדיקן מיט די ליטווינער, ווערן מיר דאָ צוגעבן,

ד״ר פעליקס זאַקס

פיליפ קראַנץ

מאַקס האָרוויץ (וואַלעצקי)

רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון דער פ.פ.ס.ישער פרעסע אין יידיש.

אַז אויך מיט זיי האָבן די באַציונגען, ווי מיטן „בונד'', זיך ענדגילטיק אָפּגעריסן. דעם 31־טן אויגוסט 1899 שרייבט פּילסודסקי צו זיינע אויסלענדישע חברים, אַז די אונטערהאַנדלונגען מיט די ליטווינער האָבן ענדגילטיק געפּלאַצט:

„ס'האָט זיך צעקלאַפּט — שרייבט ער — אָן די אינטריגעס פון איינעם אַ ליטוואַמאַן, וועלכער האָט צעבונטעוועט די ערנסטערע אַרבעטער, איינרעדנדיק זיי, אַז די פּ. פּ. ס. איז נישט „אויפריכטיק'' און אַז זי וועט באַנוצן דעם צוטרוי צום שלעכטן און צו עוולה פון ליטע — אָט אַזעלכע און ענלעכע בלימעלעך.''

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו מאַכן אויספירן וועגן דעמאָלטיקן שטרייט צווישן דער ליטווישער ס. ד. און פּילסודסקין הן אין הינזיכט פון פּאָליטישע אויסרעכענונגען און הן אין הינזיכט פון צוטרוי — די געשיכטע האָט שוין לאַנג פאַרענטפערט די דאָזיקע פראַגן. דאָס, וואָס אינטערעסירט אונז איצטער, איז די וויטערדיקע אַנטוויקלונג פון די באַציונגען צווישן „בונד'' און פּ. פּ. ס. אין דער הינזיכט האָט זיך גאָרנישט געביטן און דער קאַמף האָט זיך אינגיכן אויפסניי צעפלאַקערט. פריינט און פיינט האָבן גאָר גיך געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַוואונדערן די טיף־איינגעוואָרצלטע לעבן־פעאַטעגצן פון „בונד'': בערך 2 חדשים נאָך דער „ליקווידאַציע'' פון „בונד'', איז די יינגע פּאַרטיי צוריק אויפגעשטאַנען תחית־המתים — אין סעפּטעמבער 1898 קומט פאָר אין קאָוונע דער 2־טער צוזאַמענפאָר פון „ב ו נ ד'', באַלד דערנאָך דערשיינט ווידער די „אַרבעטער־שטימע'' און אין זשענעוו בילדעט זיך אויס דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד'', מיט וועלכן ס'פירן אָן אַרקאַדי קרעמער און וול. קאָסאָווסקי, וועלכע ס'איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון זובאַטאָווס הענט און צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד.

21

הינטער די קוליסן

מיר האָבן שוין פיל מאָל ציטירט פאַרשידענע אַרויסטרעטונגען פון דער פּ. פּ. ס. און פון פּילסודסקין וועגן דער יידן־פראַגע — דעקלאַראַציעס וועגן גלייכבארעכטיקונג פאַר יידן, אַרגומענטן פאַרן פּ. פּ. ס׳ישן פּראָגראַם אַלס בעסטער אויסוועג אויך פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט א. ד. גל. איצטער האָבן מיר אַ מעגלעכקייט אַרונטערצוּבליקן הינטער די קוליסן און זיך צו באַקענען מיט דעם, ווי אַזוי די פירער פון דער דעמאָקראַטיקער פּ. פּ. ס. האָבן זיך באַצויגן צו זייערע אייגענע דעקלאַראַציעס, ווי אַזוי זיי האָבן פאַרשטאַנען די דאָזיקע דעקלאַראַציעס, ווי אַזוי זיי האָבן גערעדט וועגן דער יידן־פראַגע „אונטער פיר אויגן", צווישן זיך.

פּילסודסקי איז אין יענע יאָרן געווען אַריינגעטון אין „די יידישע באַציונגען". קומענדיק קיין אויסלאַנד, וווהין ער פלעגט זיך אַרויסכאַפּן פון צייט צו צייט, פלעגט ער מיט זיינע דאָרטיקע חברים פיל רעדן וועגן די פאַרהעלטעניש בײַ די יידישע אַרבעטער.

„אין געשפּרעכן אויף טעמעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי־אַרבעט אין לאַנד — דערציילט וועגן דעם לעאָן וואַשילעווסקי — איז אָפט אויסגעקומען צו רעדן וועגן „די יידישע באַציונגען". חבר „וויקטאָר" פלעגט גערן וועגן דעם רעדן, בפרט, אַז דאָ האָט קודם־כל זיך געהאַנדלט וועגן אַגיטאַציע צווישן די יידן אין דער ליטע — אין ווילנע, מינסק א. ד. גל." *).

---

*) לעאָן וואַשילעווסקי: „יוזעף פּילסודסקי, ווי איך האָב אים געקענט" (וואַרשע, 1935, זייט 29).

וואַשילעווסקי חזרט דאָ איבער אַ פּרט, וועלכער איז אונז שוין באַקאַנט פון פּילסודסקיס בריוו.

,,חבר ,,וויקטאָר'' — דערציילט ער — האָט געפירט אין ווילנע הייסע דיסקוסיעס מיט די אָרטיקע פאָרשטייער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — מיט די קינפטיקע פירער פון ,,בונד'' — וועגן אומאָפּהענגיקייט־פּראָגראַם, וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועגן דער באַציונג צו רוסלאַנד א. ד. גל. זעט אויס, אַז ער פלעגט אַרויסטרעטן זייער שאַרף, ווייל, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים אין דער יידישער סביבה די באַצייכענונג — ,,איזוויעסטני אַראַגאַנט'', און טייל זיינע ווערטלעך האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג אַפילו אין דער אַגיטאַציע־ליטעראַטור פון די בונדיסטן. למשל, זיין באַהויפּטונג, אַז אונז גייען אָן די רוסישע פאַרהעלטענישן אין דער זעלבער מאָס (,,פּונקט אַזוי''), ווי די פאַרהעלטענישן אין אויסטראַליע, איז ציטירט געוואָרן אַלס באַווייז פון עקסטרעמען שאָוויניזם פון דער פּ. פּ. ס.'' *).

אַלס אילוסטראַציע פאַר דער פסיכישער איינשטעלונג פון פּילסודסקין צו די יידישע סאָציאַליסטן און צו די טוער פון ,,בונד'' איז, דאַכט זיך, גענוג מאַסגעבנדיק פאַלגנדיקער אומגלויבלעכער ,,וויץ'', וועלכן וואַשילעווסקי דערציילט אין נאָמען פון ,,חבר וויקטאָר'':

,,אויפן פּאַן פון די דאָזיקע באַציונגען מיט די ליטווישע ,,זשידקעס'', וועגן וועלכע ער פלעגט זיך וויצלען, כאָטש אָן אַ שפּור פון אַנטיסעמיטיזם — שרייבט וואַשילעווסקי — האָט ער דערציילט פאַרשידענע אַנעקדאָטן, וואָס איינע פון זיי איז מיר געבליבן אין זכרון. ס'איז אַמאָל געשען, אַז זייענדיק צעפייערט פון די דיסקוסיעס וועגן נאַציאָנאַלע פראַגן, זענען די ,,זשידקעס'' אַוועק צו זייערן עפּעס אַ סאָציאַליסטישן ,,ראַבין'', וואָס האָט געוווינט ערגעץ אין ש ק לאָ וו צי אין פּ י נ ס ק, פאַרלאַנגנדיק, אַז ער

---

*) דאָרט.

זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל דעפיניזרן פּינקטלעך און וויסנשאַפט־לעך, וואָס אייגנטלעך ס'איז אַזוינס נאַציע. דער דאָזיקער סאָציאַ־ליסטישער „ראַבין" האָט נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת זיי געגעבן אַ תשובה, וועלכע האָט אַ סוף געמאַכט מיט אַלע ווייטערדיקע דיס־קוסיעס: („народность — это абстракция — נאַציע איז אַן אַבסטראַקציע").(*)

אויף אַזעלכע וויצן, פאַרשטייט זיך, פלעגט פּילסודסקי זיך דערלויבן, נאָר אין פּריוואַטע געשפּרעכן און בריוו. די דאָזיקע וויצן זענען אָבער תמיד געווען אַ מין באַגלייט־דערשיינונג פון זיינע בסדרדיקע „יידישע באַציונגען".

אין יאָר 1899 אונטערהאַנדלט ער מיט דער לאָנדאָנער עקס־פּאָזיטור פון דער פּ. פּ. ס. וועגן אַ בראָשור, וואָס האָט געדאַרפט באַלויכטן די שטעלונג פון דער פּ. פּ. ס. צו די איבעריקע אונטער־דריקטע נאַציעס אין צאַרישן רוסלאַנד.

די דאָזיקע בראָשור האָט אָנגעשריבן וואַשילעווסקי, אָבער דעם צ. ק. ר. אין לאַנד איז די בראָשור לכתחילה נישט געפעלן געוואָרן, ווייל זי האָט זיך צופיל אָפּגעשטעלט אויף געשיכטע. ס'האָט זיך פאַרפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן פּילסודסקין און וואַשילעווסקין, פון וועלכן דער צ. ק. ר. האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל די בראָשור איבעראַרבעטן. אין איינעם פון זיינע דעמאָלטיקע בריוו האָט פּילסודסקי געגעבן דעם מחבר גענויע אָנווייזונגען, ווי אַזוי די בראָשור איבערצואַרבעטן. די דאָזיקע אינסטרוקציעס, ווי דער גאַנצער בריוו, געהערן צו די אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן, וואָס פּילסודסקי האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן פון יענעם פּעריאָד.

די אַלגעמיינע אינסטרוקציע איז, אַז די בראָשור מוז אַקטו־אַליזירט ווערן. נאָך אַ רייע גענויע אינסטרוקציעס וועגן איינצל־הייטן, קומט אַן אָפּזאַץ וועגן די ווייסרוסן:

„וועגן די ווייסרוסן — שרייבט פּילסודסקי צו וואַשילעוו־סקין דעם 19־טן נאָוועמבער 1899 — וועט זיין גענוג צו זאָגן

*) דאָרט.

עטלעכע ווערטער: מען דאַרף אונטערשטרייכן די אומדויטלעכקייט פון זייערע נאַציאָנאַלע געפילן, עפּעס דאַרף געזאָגט ווערן וועגן די רדיפות אויף זייער שפּראַך און רעליגיע".

וואָס שייך אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן צוזאַמען, איז אַמ־נוויטיקסטן אונטערצושטרייכן דעם פּ. פּ. ס.־ישן אויספּיר. וועגן דעם לייענען מיר אין דעם בריוו אַזוי:

וועגן דער צוקונפט: ס'פעלן אומשטענדן פאַר זעלבשטענדי־קייט, אַמבעסטן וועט זיין זיך איינצואָרדענען מיט פּוילן, פאַרזי־כערנדיק יעדער נאַציאָנאַליטעט — די פּאָליאַקן, ליטווינער, ווייס־רוסן און יידן — אַ פרייע אַנטוויקלונג און די באַזייטיקונג פון וואָסער נישט איז איבערוואָג פון איין נאַציע איבער דער צווייטער".

נישט ווייניקער פּאָרזיכטיק — כדי זיך נישט צו אַנגאַזשירן אין קיין קאָנקרעטע פאַרפליכטונגען — רעדט פּילסודסקי וועגן דער יידן־פראַגע:

„ענדלעך — שרייבט ער אין זעלבן בריוו — איז פאַראַן נאָך אַ פראַגע — די יידן. אַמבעסטן וועט זיין זיי אינגאַנצן דורכצו־לאָזן, ס'איז אַ קיצלדיקער ענין און מען קען עס דערליידיקן אין עטלעכע ווערטער און אַלגעמיינע באַהויפּטונגען, צו וועלכע ס'איז שווער זיך צו טשעפּען. מיר מיינען, אַז אַמבעסטן וועט זיין צו דערמאָנען וועגן זיי אין קאַפּיטל וועגן ליטע. דערמאָנען אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זענען אונטערדריקט מער פון אַלע און פּונקט אַזוי, ווי אַלע אונטערדרוקטע, דאַרפן זיי זוכן אַ רעטונג אין געמיינזא־מען קאַמף צוזאַמען מיט די קריסטן פאַר דער פרייהייט פון לאַנד".

פּילסודסקי איז אַזוי קאַרג אויף ווערטער און הבטחות נישט דערפאַר, ווייל ער גיט זיך נישט אָפּ קיין געוויסן חשבון פון דער ראָל, וואָס ס'שפּילן די יידן. פאַרקערט, ער האַלט, אַז פון אַלע זאַכן, וואָס די בראָשור באַרירט, איז אַממייסטן דרינגנדיק די פראַגע וועגן ליטע און וועגן די יידן. אָבער, זעט אויס, אַז גראָד דערפאַר האָט ער געהאַלטן פאַר פּאַסיק זיך צו באַגרענעצן צו דער־

קלאַראַטיווע „עטלעכע ווערטער און אַלגעמיינע באַהויפּטונגען, צו וועלכע ס'איז שווער זיך צו טשעפּען"...*)

*) די באַהאַנדלטע בראָשור — זי האָט געזאָלט הייסן „אין געמיינזאַמען יאָדיי — איז קיינמאָל נישט דערשינען. נאָכדעם, ווי וואַשילעווסקי האָט די איבערגעאַרבעט, האָט ער זי אָפּגעשיקט צו־ריק קיין פוילן. דער מאַנוסקריפּט האָט זיך געפונען אין דער אומ־לעגאַלער דרוקעריי פון פּ. פּ. ס. אין לאָדזש, וואו ער איז פאַרלוירן געגאַנגען בעתן דורכפאַל פון דער דרוקעריי (אין דער נאַכט פון 21־טן אויפן 22־טן פעברואַר 1900 — אויך פּילסודסקי איז דאַן, ווי באַוואוסט, אַרעסטירט געוואָרן).

22

טאַטאַראָוו

איינע פון די שוואַכסטע זייטן פון דער פּ. פּ. ס. איז געווען איר פולשטענדיקע איזאָלאַציע אין סאָציאַליסטישן לאַגער פון דעמאָלטיקן רוסלאַנד. שפּעטער איז איר געלונגען זיך צו פאַרבונדן מיט דער ס. ר. און ענלעכע נישט־מאַרקסיסטישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. אָבער אין די לעצטע יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט און אויף דער שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז פּ. פּ .ס. געווען פולשענדיק איזאָלירט און זי האָט געהאַלטן, אַז דער שולדיקער דערין איז דער „בונד”. פּילסודסקי און די איבעריקע טוער פון דער פּ. פּ. ס. האָבן דעריבער אָפּגעגעבן נישט ווייניק ענערגיע אויף אָפּצושוואַכן די השפּעה פון „בונד” אויף דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. די פירער פון פּ. פּ. ס. האָבן געשטיצט יעדן פּרווו אָפּצושוואַכן דעם כּוח פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ., וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיטן „בונד”. געווען אַפילו מאָמענטן, ווען די פּ. פּ. ס. האָט זיך זייער שטאַרק אָנגעשטרענגט (?) אַנגאַזשירט, כּדי אויפצושטעלן קעגן דער ר. ס. ד. אַ. פּ. קאָנקורענץ־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען פּאַקטיש געווען עקספּאָזיטורן פון דער פּ.פּ.ס.

איינעם אַזאַ פּרווו האָט די פּ. פּ. ס. געמאַכט אין יאָר, ווען דער „בונד” איז אַנטשטאַנען — אין 1897. דער דאָזיקער פּרווו האָט געדויערט 2—3 יאָר. מיט דער הילף פון קעגנער פון „בונד” אין דער יידישער סביבה און מיט דער הילף פון עטלעכע פּ. פּ. ס.־יש געשטימטע רוסן איז געגרינדעט געוואָרן אַ רוסישע צייטונג „ראַבאָטשעיע זנאַמיאַ” („די אַרבעטער־פאָן”), וועלכע האָט געהאַט איר געהיימע דרוקעריי אין ביאַליסטאָק און גרופּן אין אַ רייע שטעט (ביאַליסטאָק, גראָדנע, פּעטערבורג א. אַ.).

די ציימונג הויבט אָן דערשיינען נאָך דער גרינדונג פון דער ר.ס.ד.א.פּ. (מערץ 1898), צו וועלכער די דאָזיקע גרופּן זענען נישט צוגעטרעטן, פּראָקלאַמירנדיק זיך אַליין אַלס אַ צווייטע „רוסישע ס. ד.״ (אין קעגנזאַץ צו יענער, וועלכע האָט זיך גערופן „רוס־לענדישע ס. ד.״).

אין יולי 1898 זענען צווישן יענע גרופּן פאָרגעקומען די ערשטע אַרעסטן און די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן פאַר־נאַנדערפאַלן. טייל גרופּן, למשל די גראָדנער, האָבן זיך דאַן אָנגע־שלאָסן אין דער פּ. פּ. ס., פאַרשטאַרקנדיק דערמיט אירע יידישע טיילן. אין דער שפּיץ פון דער גראָדנער גרופּע איז געשטאַנען דער רום פּ י אָ ט ר ש ו מ אָ ו (און נישט ווי ס'רופט אים ב. מיכאַלע־וויטש אין „רויטן פּנקס״—סאָמאָוו) — שפּעטער אַן אָנגעזעענער טוער ביי דער פּ. פּ. ס. (נאָך העכער 20 יאָר עמיגראַציע, האָט ער לעצטנס זיך אומגעקערט קיין פּוילן).

די גאַנצע „רוסישע ס. ד.״ איז געווען — ווי די פּ. פּ. ס. לייקנט נישט היינט — אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַן עקספּאָזיטור פון דער פּ. פּ. ס. יעדנפאַלס האָט די לעצטע זייער פיל געטאָן, כדי אונטערצוהאַלטן און אויפצוהאַלטן די דאָזיקע גרופּן.

„די דעמאָלטיקע פּ. פּ. ס. — זאָגט וועגן יענעם עפּיזאָד איי־נער פון די עלטסטע פירער פון דער פּ. פּ. ס. — האָט, ווענדנדיק זיך דווקא צו יידן, אויסגעקליבן אַ גוטן וועג משפּיע צו זיין די רוסישע באַוועגונג און זי האָט ענדגילטיק דערגרייכט איר ציל״.*)

דער צווייטער פּרוון פון דעם מין איז געווען פיל טרויעריקער. ער האָט געהאַט אָן אָרט אין יאָר 1900. צי ער האָט געהאַט אַ וואַ־סערע נישט איז שייכות מיט דער טעטיקייט פון די אָפּשטאַרבנדיקע גרופּן פון דער „רוסישער ס. ד.״, איז אונז, ליידער, נישט געלונגען

---

*) ק אָ ז ש י מ י ע ז ש פּ י ע ט ק י ע וו י ט ש: „משה לוריע און די „ראַבאָטשעיע זנאַמיאַ״ („ניעפּאָדלעגלאָשטש״, באַנד 6, העפט 1 (12), 1932, זייט 38).

געגוי פעסטצושטעלן.*) לויט אַלע סמנים — יאָ. וואַרשײַנלעך איז דער דאָזיקער פּרווו אויך געווען פאַרבונדן מיט די ערשטע פּרוּוון פון עסערישער טעטיקייט.

דער דאָזיקער עפּיזאָד איז ענג פאַרבונדן מיטן נאָמען פון אַ מענטש, וועלכער האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך טרויעריק באַרימט געמאַכט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ זון פון אַ וואַרשעווער רוסישן פּאָפּ — ער האָט געהייסן נ י ק אָ ל י י ט אַ ט אַ ר אָ ו—וועלכער האָט אויף דער שוועל פון 20־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן זיין טרויעריקע פּאָליטישע קאַריערע אַלס פיגוראַנט פון דער פּ. פּ. ס. אין קאַמף קעגן דער ר. ס. ד. אַ. פּ. און קעגן „בונד“.

„דער „פּירשט“ (טאַטאַראָוום פּסעוודאָנים — פּ. ש.) — שרייבט פּילסודסקי דעם 7־טן יאַנואַר 1900 אין איינעם פון זיינע בריוו — דרייט זיך דאָרט שוין פון לאַנג (ד אָ ר ט ווערט געמיינט אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן — פּ. ש.). דערווײַלע האָבן מיר אַ ממשותדיקן נוצן, הויפּזעכלעך אַ מאָנעטאַרן, ד. ה. ס׳דרייט זיך מער געלט און דאָס העלפט אונז אַרויסגיין פון שווערע מערכהס. אויסער דעם וועלן מיר, דאַכט זיך, דערגרייכן אויך אַן איזאָלירונג פון „בונד“ און זיין דערווייטערונג פון דער רוסישער באַוועגונג. צו דער, דורכן „פּירשט“ ניי־געגרינדעטער אָרגאַניזאַציע, וועט יעדנפאַלס נישט געהערן גאָרנישט, וואָס שמעקט מיט „בונד“.

דער אויסלענדישער צענטער פון פּ. פּ. ס. אין לאָנדאָן איז נישט געווען צופרידן פון דער נייער אונטערנעמונג. אָבער פּילסודסקי באַרויקט זיינע חברים, אַז מען דאַרף ווייטער טאָן די דאָזיקע אַרבעט, ווייל אין דער פּ. פּ. ס. קען מען טאַטאַראָוון סיי־ווי נישט אויסנוצן.

„דער „פּירשט“ — שרייבט פּילסודסקי מיט אַ חודש שפּע־

---

*) ווי סיפאַרזיכערט דער אָקאָרשט ־ דערמאָנטער ש ו מ אָ ו, איז דער דאָזיקער עפּיזאָד יאָ פאַרבונדן מיט דער טעטיקייט פון דער „רוסישער ס. ד.“.

טער — האָט פאַר אונז סיי־ווי נישט געטויגט און איך רעכן אים נישט. „קיזשאַ" (דער פסעוודאָנים פון דעמאָלטיקן אָנגעזעענעם פּ. פּ. ס.־ישן טוער סולקעוויטש — פּ. ש.) האָט אַ שטיקל צוגאָבּ־לאַסט. אַלע אַנדערע אינלענדישע כּוחות זענען אין דער זאַך אינ־גאַנצן נישט אַנגאַזשירט און האָבּן נישט מיט דעם קיין שום שייכות, אויבּ מען זאָל נישט רעכענען די עטלעכע געשפּרעכן וועגן דאָזיקן ענין מיטן „פירשט" פון צייט צו צייט אָדער צווישן זיך".

אינטערעסאַנט זענען פּילסודסקיס מאָטיוון, צוליבּ וועלכע ער האַלט פאַר נויטיק צו פירן די דערמאָנטע אַרבּעט:

„ווייטער — שרייבּט ער אין ציטירטן בּריוו — מוז מען זיך רעכענען מיט דעם פאַקט, אַז די „קאַצאַפּסקע" בּאַוועגונג עקזיסטירט און וועט עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון אונז. אונזער אָנטייל אין איר דורכן „פירשט" קען אונז נאָר פאַרזיכערן אַן איינפלוס אויפן לויף פון די געשעענישן אין דער דאָזיקער בּאַוועגונג — אויבּ נישט קיין דעצידירנדיקן איינפלוס, איז יעדנפאַלס אַן ערנסטן, בּפרט, אַז מיר איילן זיך נישט מיט קיין שום שריט און מיר ווילן בּויען נאָר פון די ציגעלעך, וועלכע גיבּן אַ געוויסע גאַראַנטיע, אַז זיי וועלן אונז אַנטשפּרעכן".

דאָ רירט פּילסודסקי אָן איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פראַגן — די בּאַציונגען מיט די פאַרטייען פון די איבּעריקע נאַציעס:

„ווייטער — שרייבּט ער — דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז אַזוי די יידן־פראַגע, ווי אין אַ געוויסער מאָס די ליטווישע פראַגע און אוודאי און אוודאי די לעטישע און אוקראַאינישע פראַגע וועלן מיר נישט לעזן אָן דירעקטע אָדער אומדירעקטע קאַצאַפּישע איינפלוסן".

אין די בּריוו צו זיינע חברים דעקט פּילסודסקי אויף זיין גאַנצע פּאָליטישע סטראַטעגיע.

„כ'בּין כּמעט זיכער — אַגיטירט פּילסודסקי זיינע אויסלענדישע חברים — אַז ווען מיר זאָלן שליסן אַ פאָרמעלן בּונד מיט אַ קאַצאַפּישער פאַרטיי, וועלכע וואָלט אויך דורך אַנדערע פעלקער אַנערקענט געווען אַלס די פאַרשפּרייטעריין פון דער רעוואָלוציאָנערער בּאַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָלט דאָס דערהרגעט אין אונזערע

באַגנטסטע שכנים, די ליטווינער און די יידן, דעם ווילן צו קעמפן מיט אונז, און דאָס וואָלט זיי אונטערגעגעבן אונטער אונזער מאַכט. און אַז די „קאַצאַפּעס" וועלן זיין פאַרינטערעסירט אין האַלטן מיט אונז, ווען ס׳וועט זיי אַ שווינדל־טון אין קאָפּ אַ געוויסע, אַ דאַנק אונז דערוואַרבענע חשיבות אין זייער אייגענער געזעלשאַפט, וועלן מקריב־זיין די ליטווינער און די יידן, כדי איינצוהאַלטן אונזער הילף — דאָס בין איך זיכער".

אין ווייטערדיקן טייל פון בריוו דערציילט פילסודסקי אָפּנ־האַרציק, אַז די פּ. פּ. ס.־ישע אינספּיראַטאָרן פון טאַטאַראָוס אַר־בעט האָבן דעם לעצטן גאַנץ גוט אויף אַ שטריקל און לאָזן אים אַנטוויקלען אַ טעטיקייט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דאָס איז נויטיק דער פּ. פּ. ס. ס׳וויכטיקסטע איז — מיינט פילסודסקי — אַז טאַטאַראָוו זאָל וואָס מער רודערן, אַרויסטרעטן אַגיטאַציע־מעסיק. צו דעם צוועק האָט מען אים צווישן אַנדערן אינספּירירט אַרויסצוטרעטן בסדר אין נאָמען פון עפּעס אַ מיטישער צענטראַ־לער אינסטאַנץ, בעת ער איז פאַקטיש געווען איין מענטש, וואָס האָט בלויז געהאַרכזאַם אויסגעפירט די אַרבעט פון אַ פּאָליטישן אַגענט פון פּ. פּ. ס.

„די פּ. פּ. ס. — פירט אויס פילסודסקי — מוז געבן דעם „פירשט" אַ מעגלעכקייט צו שפּילן די ראָל, וואָס מיר באַשטימען פאַר אים. מען דאַרף געדענקען, אַז זיין איינפלוס דאָרטן, איז אונ־זער איינפלוס. דעם דאָזיקן איינפלוס קאָנען מיר פאַרשטאַרקן דאַן, ווען מיר וועלן אים געבן אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצושטעלן אַלס דעם פאַקטישן פירער פון דער גאַנצער דאָרטיקער אַרבעט, אַלס אַ מענטש, וואָס דיספּאָנירט מיט געוויסע מיטלען און באַפרידיקט געוויסע גלוסטונגען פון מענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער פּלאַן קאָן נישט געלונגען, קאָן פּלאַצן מיטן מאָמענט, ווי ס׳ווערט אַרעסטירט דער „פירשט". ס׳וועט דאַן אָבער בלייבן דער נוצן, אַז ס׳זענען יעדנפאַלס דאָרט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אונזערע שונ־אים"...

אין איין הינזיכט האָט פילסודסקי טאַקע נישט געהאַט קיין

טעות: טאַטאַראָוו איז אינגיכן אַרעסטירט געוואָרן און די גאַנצע זאַך איז זיך צעפאַלן.

אויף פאַרשיקונג, אין א י ר ק ו ט ס ק, איז ער אַריין אין דער ס. ר., פאַרנומען דאָרט איינעם פון די אָנפירנדיקע אַמטן, נאָכן צוריקקומען קיין רוסלאַנד זיך פאַרבונדן און געהערט צו די שפּיצן פון די ס.ר.ישע טעראָר־גרופּן, געשטאַנען אין ענגען קאָנטאַקט מיט סאַווינקאָוו און לסוף... דעמאַסקירט געוואָרן אַלס פּראָוואָקאַטאָר, פאַרוואָס די ס. ר. האָט אויף אים אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל, וועלכער איז אויסגעפירט געוואָרן אין וואַרשע, אין דער וואוינונג פון זיינע עלטערן.*)

---

*) זע די מעמואַרן פון באָריס סאַווינקאָוו („בילאָיע", נומערן 23 פון יאָר 1917 און 29 פון 1918).

23

ווען פּילסודסקי איז געזעסן אין תּפיסה

אין דער נאַכט פון 21־טן אויפן 22־טן פעברואַר 1900 ווערט פּילסודסקי אַרעסטירט אין לאָדזש אויף וושכאָדניע 19 וו. 4. עס פאַלט דאַן אַדורך די גוט־איינגעאָרדנטע פּ. פּ. ס.ישע דרוקעריי— אויך די יידישע טייל פון דער דרוקעריי, פאַרשטייט זיך — און פּילסודסקי באַקומט אַ געצוואונגענעם „אורלויב" (ס'זענען דעמאָלט אויך אַרעסטירט געוואָרן אַלעקסאַנדער מאַלינאָווסקי און נאָך עטלעכע וויכטיקע טוער פון דער פּאַרטיי) *)

ביזן אַרעסט ליגן אַלע פעדים פון דער אַרבעט אין פּילסודסקיס הענט. אין זיינע לעצטע בריוו קיין אויסלאַנד שרייבט ער דעמאָלט זייער פיל וועגן דער שפּיאָנאַזש־אַרבעט פון דער „אָכראַנע" און וועגן די דעמאָלטיקע צאָלרייכע אַרעסטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר זיין דורכפאַל.

דעם 7־טן יאַנואַר 1900 שרייבט ער קיין אויסלאַנד, אַז „בעת די לעצטע אַרעסטן האָבן זיי אונז בלויז קאַליע געמאַכט די יידישע באַציונגען... פאַרשטייט זיך, אַז די פעדים וועלן זיך לאָזן איינהאַלטן".

אַ חודש פאַר זיין אַרעסט קלאָגט זיך פּילסודסקי אויפן „בונד". די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון דער ליטע האָבן אָנגעהויבן באַקומען איינפלוסן צווישן די וואַרשעווער שוסטערס

---

*) כדי נישט אַרויסצורופן קיין צערודערונג אין די אייגענע פּאַרטיי־קרייזן, האָבן די פירער פון פּ. פּ. ס. לכתּחילה געלאָזן אין אויסלאַנד אַ קלאַנג, אַז ס'איז אַדורכגעפאַלן די דרוקעריי פון „בונד".

און דאָס האָט פֿאַרשאַפֿט פּילסודסקין זייער פֿיל עגמת־נפֿש. ע־האַלט, אַז שולדיק איז דאָ ווידער דער „בונד".

„אַמערגסטן, דאַכט זיך, — שרייבט ער דעם 23־טן יאַנואַר 1900 — איז מיט די שוסטערס, וועלכע בילדן פּאַרטייאיש אַן אַמ־וויניקסטן זיכערן עלעמענט. איצט פֿירן צווישן זיי אַגיטאַציע עפּעס צוגעפּאַרענע „ליטווינער"; ווי מען דערציילט וועגן זיי, פֿירן זיי די אַרבעט אין סאָציאַל ־ דעמאָקראַטישן גייסט און קעגן אומאָפּהענ־גיקייט ־ פּראָגראַם. די דאָזיקע „ליטווינער" זענען, ווי כ'האָב זיך דערוואוסט מן־הצד, אינספּירירט און געשטיצט דורך אונזערע האַר־ציקסטע, דורכן „בונד". זיי האָבן אונז גאַנץ פֿעסט דאָרט קאַליע געמאַכט די באַציונגען. כ'באַדויער איצט, אַז דער אַנג. (אַנגליק — דער ענגלענדער — האָט דאָן געהייסן דער ניי ־ צוגעקומענער פּ. פּ. ס.־ישער טוער און שפּעטערדיקער פֿירער פֿון דער „יידישער אַרבעט" דר. פֿעליקס זאַקס — פּ. ש.) האָט אָפּגערייניקט דעם שוסטער־קרייז פֿון פּאַטריאָטישע עלעמענטן, וואָס זענען פֿאַראַן צווישן די שוסטערס אויך אין אַ היפּשער צאָל — ס'וואָלט געווען לכל־הפּחות אַ קענגעוויכט".

אין זעלבן בריוו שרייבט פּילסודסקי וועגן די שאָדנס, וואָס די אַרעסטן אין די וואַרשעווער יידישע גרופּן האָבן דאָן געמאַכט (פֿון סוף אָקטאָבער ביז סוף דעצעמבער 1899 זענען אַרעסטירט גע־וואָרן עטלעכע צענטליק מיטגלידער פֿון דער יידישער פּ. פּ. ס., צווישן זיי: מענדל רובינשטיין ־ מיכעלסאָן, מאַקס האָרוויץ, פּרל. אונשליכט, פּסח ברוזעל און זיינע צוויי שוועסטערס פּרומע און ליבע, דוד פּערלמוטער („ליאַלקע") א. אַנד. — שאול דעגענפּיש („סאָול") און בורגין („דער גראָבער") זענען אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד).

„מיט אונזערע יידן — שרייבט פּילסודסקי אין זיין דערמאָנטן בריוו — הענגען די באַציונגען אויף אַ האָר; ווי ס'דאַכט זיך, האָבן זיי אַמיסטן געליטן; ס'האָט זיי פֿאַרשיט ברוזעל".

אָבער אָט ווערט אַרעסטירט פּילסודסקי אַליין און צוזאַמען מיט אים — כמעט די גאַנצע אָנפֿירונג פֿון דער פּ. פּ. ס. אויף

דער פּריי בלייבט נאָר איין מיטגליד פון צ. ק. ר. סולקעוויטש. ער קאָאָפּטירט גלייך עטלעכע טוער און שאַפט אַ צייטווייליקן נייעם צ. ק. ר. צווישן די קאָאָפּטירטע געפינט זיך אויך דר. פעליקס זאַקס. אויפן נאָנטסטן, פיינפטן, צוזאַמענפאָר פון דער פּ. פּ. ס. (ער איז פאָרגעקומען אין סקערניעוויץ אין די ערשטע טעג סעפּטעמבער 1900) ווערט ער געווײלט אין נייעם צ. ק. ר., צו וועלכן ס׳געהערט אויסער אים אויך סולקעוויטש („בראָניסלאַוו", „ראָבערט") און וואָיטשעכאָווסקי („עדמונד"), וועלכן ס׳פאַרבייט שפּעטער טשאַרקאָווסקי („לעאָן", „בערטראַנד").

דר. זאַקס רוקט זיך גיך אַרויס אויף די אָנגעזעענסטע אַמטן אין דער פּ. פּ. ס. און אויך — אין דער יידישער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. ער איז געווען דער ערשטער אינטעליגענט פון יידישער אָפּשטאַמונג, וואָס האָט געקענט יידיש, און זיין קומען צו דער פּ. פּ. ס. איז צוליב דעם געווען פאַר איר אַ גרויס געווינס, ווייל ער ווערט דער אויסגעטרוימטער פירער פון דער „יידישער אַרבעט". ער פאָרט אַרום איבערן לאַנד און גרינדעט יידישע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּ. פּ. ס., וועלכע האָט ביז דאַן אייגנטלעך געפירט אַ נאָר־מאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט נאָר צווישן די וואַרשעווער יידישע אַרבעטער — אין גראָדנע, ביאַליסטאָק און ווילנע האָט זי ביז דאַן געהאַט בלויז פאַרבינדונגען.

ביי דער מיטווירקונג פון דר. זאַקס טרעט צו צו דער פּ. פּ. ס. די גראָדנער „רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע" (1896—1901), וואָס האָט דאָרט געקעמפט מיטן „בונד". אין שפּיץ פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע זענען געשטאַנען צווישן אַנדערע אויך רוסן: דער שוין־דערמאָנטער פּיאָטר שומאָוו („פּסח"), דער סטודענט פון קאַזאַניער אוניווערסיטעט און סעקרעטאַר פון דער גראָדנער אַקציז וואַסילי פּריימאַן א. אַנד. ווי מ׳האָבן שוין פריער געשריבן, איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע לכתחילה געשטאַנען אין פאַרבינדונגען מיט דער ביאַליסטאָקער גרופּע „ראַבאָטשעיע זנאַמיאַ". אָבער אין יאָר 1901 פאַרבינדט זי זיך ענדלעך מיט דער פּ. פּ. ס., אָנהויבנדיק פירן אַן אַרבעט אויך צווישן די

פוילישע ארבעטער אין דער שטאט. פון דער דאזיקער ארגאניזאציע, וועלכע האט שפעטער געהערט צו די פ. פ. ס.ישע פעסטונגען צווישן די יידישע ארבעטער, גייען ארויס די אנגעזעענע שפעטערדיקע יידישע טוער פון דער פ. פ. ס.: מ נ ח ם וו יי נ ע ר („זיידקע"), מ ר ד כ י ג א ל ו ב („מאטקע"), מ ש ה נ א ט ע ס ע־ג א ל, מ י נ ע ה ו ר וו י ט ש, די סטודענטין כ וו י ל ע־וו י צ ק א, ש ל מ ה ק א פ ו ל ס ק י און י א נ ק ל ל י־מ א נ י. דער טוער פון דער גראדנער יידישער פ. פ. ס. ב ר ו ך (באַרים) ג ע ץ האט פארפאסט א רייע פאפולערע ארבעטער־לי־דער. מנחם וויינער האט שפעטער רעדאגירט א רייע פ. פ. ס.ישע צייטונגען אין יידיש („דער קאמף", „ארבייטער־שטימע אין לי־טע") און ער באטייליקט זיך אין דער ארבעט פון דער פ. פ. ס. אין וו א ר ש ע, ש ע ד ל ע ץ, פ ל א צ ק, ל ו ב ל י ן, וו י ל נ ע א. א. די גראדנער פ. פ. ס. איז, אגב, געשטאנען אין א קאנטאקט מיט דער באקאנטער שריפטשטעלערין מאריא קאנאפניצ־קא, וועלכע האט דאן געוואוינט אין גראדנע.

איינגיכן מוז דר. זאקס אפפארן קיין אויסלאנד, וויל די פא־ליציי איז שוין אויף זיינע שפורן. אין לאנדאן הויבט ער אן מיט־צוארבעטן און שפעטער צו רעדאגירן דעם „ארבייטער" — ער איז דער ערשטער אמתער רעדאקטאר פון דער דאזיקער צייטונג, און אונטער זיין רעדאקציע באקומט זי אביסל א בעסער פנים און הויבט אן דערשיינען עפטער. ער זעצט אויך איבער א רייע בראשורן פון פויליש (קיין אריגינעל־יידישע בראשורן האט די פ. פ. ס. כמעט נישט ארויסגעגעבן).

די צייט, וואס פילסודסקי פארבראכט אין דער תפיסה, איז א צייט פון וואוקס פון דער ארבעטער - באוועגונג און במילא אויך — פון דער פ. פ. ס.. די יידישע גרופן פון דער פ. פ. ס. אין ווארשע, ביאליסטאק, גראדנע און ווילנע פארפעסטיקן זיך, באקומען־צו נייע טוער און בויען אויס ארגאניזאציאנעלע פארמען פאר זייער באוועגונג. זיי האבן אבער קיינמאל נישט און אין ערגעץ נישט געקאנט פארמעסטן זיך מיט די ארגאניזאציעס פון „בונד" — די פ. פ. ס.ישע טוער אליין זענען אפן מודה, אז די צאל יידישע א־



פילסודסקיס באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ פון צ. ק. ד. פון
פ. פ. ס. אין ווילנע אין יוני 1903.

(אָפּזאַץ וועגן פילסודסקיס רעדע מכּוח דעם „בונד" — זע זייטן 204—207)

בעטער אין דער פּ. פּ. ס. איז אפילו אין ווילנע, ביאַליסטאָק און גראָדנע געוועזן נישט גרויס אין דער צאָל *).

*) מנחם ווײַנער: „צו דער געשיכטע פון דער פּ. פּ. ס. אין דער ליטע“ („ניעפּאָדלעגלאָשטש“, 1934, באַנד 9, העפט 2 (22), זייט 228).

24

נייע ווינטן

אין מאַי 1902 געלונגט פּילסודסקין צו אַנטלויפן פון איינעם פון די פּעטערבורגער שפּיטאָלן, וואוהין מען האָט אים געבראַכט פון וואַרשעווער „צענטן פּאַווילאָן" אויף אָבסערוואַציע, ווייל ער האָט סימולירט משוגעת.

פּילסודסקי פאָרט קיין גאַליציע און פון דאָרט קיין לאָנדאָן. דאָ רוט ער זיך אָפּ אַ צייט און שפּעטער — אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1902 (דעם 21־טן אַפּריל) — פאָרט ער צוריק קיין פּוילן, וואו ער אָרגאַניזירט דעם 6־טן צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס. אין לובלין (יוני 1902).

די פּאָר חדשים אָפּרו נוצט פּילסודסקי אויס אויף באַקענען זיך מיט די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר דער צייט פון זיין געצוואונגענעם „אורלויב". דאָ באַגעגנט ער זיך מיט די טוער פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" און, ווי מיר ווילן עס זען שפּעטער, פאָרט פּילסודסקי צוריק קיין פּוילן מיט אַ היפּש־געענדערטער שטעלונג צום „בונד". כאָטש ער זאָגט זיך אויך ווייטער נישט אָפּ פון קאַמף קעגן „בונד", איז ער אָבער שוין גרייט צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן.

„נישט געקוקט — דערציילט וואַשילעווסקי וועגן יענעם וויזיט פון פּילסודסקין אין לאָנדאָן — אויף די שאַרפע קאָנפליקטן צווישן דער פּ. פּ. ס. און „בונד", וועלכער האָט דאַן פאַרנומען אַ צענטראַליסטיש־רוסישע און, אַזוי צו זאָגן, עסדעקישע שטעלונג אין דער פראַגע פון דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, האָט די דערינערונג וועגן די אַמאָליקע ווילנער דיסקוסיעס מיט די יידישע סאָציאַליסטן נישט געמוזט זיין פאַר „זשיוקן" צו פריקרע. כ׳בין

געמלעך, געווען אן עדות פון א זייער פריינטלעכן געשפרעך צווישן אים און דעם אָנגעזעענעם לידער פון „בונד", ק ר עמ ע ר, וועלכן מען האָט אַקאָרשט געהאַט אַרויסגעשיקט פון זשעגעוו און וועלכער האָט זיך געהאַט באַזעצט אין לאָנדאָן. דערוויסנדיק זיך וועגן „זשיוקעס" באַזוך אין לאָנדאָן, האָט אים קרעמער באַזוכט באַלד נאָך זיין קומען" *)

וואַשילעווסקי דערציילט, אַז פּילסודסקי האָט זיך דאָן באַטייליקט אין אַ דיסקוסיע, וואָס ס'האָבן איינגעאָרדנט די לאָנדאָנער בונדיסטן. פּילסודסקי האָט גערעדט רוסיש, אין די ערשטע ווערטער פון זיין רעדע האָט ער דערקלערט

— Я этого проклятого языка не забыл!

(— איך האָב דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם לשון נישט פאַרגעסן!)

„אַגב—זאָגט וואַשילעווסקי—האָט „זשיוק" בכלל ליב געהאַט דורכצופּלעכטן זיינע געשפּרעכן מיט פאַרשידענע כאַראַקטעריסטישע אויסדרוקן און ווערטלעך, מיט וועלכע די רוסישע שפּראַך איז אַזוי רייך. די דאָזיקע געוואוינהייט איז אים געבליבן אויף אייביק, מסתּמא פון די צייטן פון סיבירער פאַרשיקונג" **).

אויפן 6־טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר שטעלט זיך פאַר דער פּ.פּ.ס. אויפסניי די פראַגע וועגן דער אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. זעענדיק דעם וואוקס פון „בונד", קומען ענדלעך די פירער פון דער פּ. פּ. ס. צו דער איבערצייגונג, אַז אויב זיי ווילן נישט איינגאַנצן פאַרשווינדן פון דער אויבערפלאַך פון יידישן אַרבעטער־לעבן, מוזן זיי זיך דעצידירן אויף אַן ערנסטע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַקציע צווישן די יידישע אַרבעטער. די פּ. פּ. ס. טרעט אָפּ טיילווייז פון אירע פּרינציפּן און גיט שוין איר הסכם צו גרינדן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר דער „יידישער אַרבעט".

די רעזאָלוציע פון 6־טן צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס. (יוני 1902) רעדט דאַסמאָל אויספירלעך אַרום די לאַגע און די ראָל פון יידישן

---

*) לעאָן וואַשילעווסקי: „יוזעף פּילסודסקי, ווי איך האָב אים געקענט", זייט 65.

**) דאָרט, זייט 59.

ארבעטער־קלאס — פארשטייט זיך, געזען פון פ. פ. ס.ישן שטאנד־פונקט. זי קומט צום אלטן אויספיר, אז נישט נאר אלס ארבעטער, נאר אויך אלס יידן איז דער יידישער פראלעטאריאט פארינטערעסירט אין דער אומאפהענגיקייט.

דאן קומט פאלגנדיקער באשלוס:

„אזוי ווי די אגיטאציאן צווישען די יידישע מאסען מוז גע־פיהרט ווערען אין זשארגאן; אזוי ווי די מיטלען פון דיזער אגי־טאציאן מוזען ביי א געוויסער שטופע זיין פארשידען; אזוי ווי דאס וואקסען פון אונזער אגיטאציאן צווישען די אידישע ארביי־טער פאדערט ביז א געוויסע שטופע טהיילונג אין אונזער ארבייט— בעפעהלט דער צוזאמענפאהר דעם צענטראלען ארבייטער־קאמיטעט ארגאניזירען א ספעציעלען קאמיטעט (צו) פיהרען די אגיטאציאן צווישען אידישען פראלעטאריאט אונטער דעם קאנטראל פון צענטראלען ארבייטער־קאמיטעט" *).

אזא קאמיטעט ווערט טאקע געשאפן. ער באשטייט פון צוויי פערזאן: איינער פון זיי איז דער ייד פ ע ל י ק ס ז א ק ס („יאן") און דער צווייטער — דער רוס פ י א ט ר ש ו מ א ו („פסח"). ס'ווערט אויך אינגיכן געגרינדעט אין לובלין א געהיימע יידיש־פוילישע דרוקעריי פון דער פ. פ. ס. די דרוקעריי האלט זיך אבער נישט לאנג און זי ווערט אינגיכן ליקווידירט, ווייל ס'אנטשטייט א פארדאכט, אז די פאליציי איז אויף אירע שפורן.

פילסודסקי באנייט זיין ארבעט אין דער פארטיי - אנפירונג אין לאנד. אין זין פון די באשלוסן פון 6־טן צוזאמענפאר פון דער פארטיי, בויט ער אוים א נייעם פארברייטערטן אפאראט, אין וועלכן יעדער מיטגליד פון ניי - געוויילטן צ. ק. ר. נעמט איבער אויף זיין אחריות א ראיאן. פילסודסקי געהערט צום פרעזידיום פון צ. ק. ר. און געפינט זיך אין קראקע אדער רייזט ארום איבערן לאנד. אויסערדעם רעדאגירט ער פון קראקע אוים די ערשטע דריי נומערן פון פ. פ. ס.ישן ארגאן פאר ליטע „וואלקא", וועלכער ווערט געדרוקט אין לאנדאן (פון 4־טן נומער אן און ווייטער ווערט

---

*) „ארבייטערי, נאוועמבער 1902, נומער 7, זייטן 1—2.

ער געדרוקט אומלעגאַל אין ווילנע). ווי פּילסודסקי דרוקט זיך אויס אין זיינע בריוו „שרייבט ער אויס אין דער „וואַלקאַ'' זיין גאַנץ ליטוויש האַרץ''.

פּילסודסקיס פּשרה - שטימונגען לגבי דעם „בונד'' זענען נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון זיינע לאָנדאָנער באַטראַכטונגען, נאָר נאָך מער — פון דעם, וואָס ער זעט אַרום זיך. הגם ס'מערקט זיך אַ גרויסער וואוקס פון דער אַרבעטער - באַוועגונג, געפינט ער אָבער די פּאַרטיי - אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד אין אַ שטאַרק דעזאָרגאַניזירטן צושטאַנד. ווי שוואַך ס'איז דאַן געווען אָרגאַניזאַציאָנעל די פּ. פּ. ס., קאָן מען זען פון פּילסודסקיס באַריכט וועגן צושטאַנד פון דער פּאַרטיי אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1903, ווען ס'איז אים שוין געהאַט געלונגען צוריק אָפּצובויען אין אַ גרויסער מאָס דעם פּאַרטיי - אַפּאַראַט. „די פּאַרטיי - אָרגאַניזאַציע — דערציילט פּילסודסקיס ביאָגראַף — איז אין פיל ערטער געווען שוואַכער נישט נאָר פון יידישן „בונד'', נאָר אפילו פון דער גרופּקע „פּ. פּ. ס. — פּראָלעטאַריאַט'' און פון דער צוריק-אויפשטייענדיקער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע'' *).

די יידישע אַרבעט פון דער פּ. פּ. ס. האָט אויסגעזען נאָך ערגער:

„אין ווילנע זענען „די יידישע באַציונגען'' געווען זייער שוואַך — די אַלטע און שטאַרקע איינפלוסן פון „בונד'' האָבן אומגעהויער באַשווערט די אַרבעט''; אין קאָוונע „איז קיין יידישע באַציונגען נישט געווען'' א. אז. וו.**).

אין „פּזשעדשוויט'' און אין „ראָבאָטניק'' גייט נאָך אַ שאַרפער פייער - אָנגריף קעגן „בונד''. אָבער אין דער „וואַלקאַ'', וועלכע איז באַשטימט פאַר דער ליטע, וואו דער „בונד'' איז אַמשטאַרקסטן, לאָזט פּילסודסקי צום ערשטן מאָל הערן די שטים פון פּשרה לגבי דעם „בונד''.

באַלד אויף די ערשטע זייטלעך פון דער „וואַלקאַ'', אינם

*) וול. פּ אָ ב ו ג - מ אַ ל י נ אָ וו ס ק י: „יוזעף פּילסודסקיי (2-טער באַנד, 1935, זייט 40).

**) דאָרט.

לייט - ארטיקל, רוקט פילסודסקי אויפסניי ארויס, ווי אין זיין אויפ־רוף פון פאר 10 יאר צוריק, דעם לאזונג פון קאנסאלידאציע און פאראייניקונג:

„דער ערשטער שריט — שרייבט פילסודסקי — ארויסצובאַקומען ביי אונז פון די מאסן אן ערנסטן פאליטישן כח, מוז זיין די פאראייניקונג פון אלע ביז־איצט באזונדער־עקזיסטירנדיקע סאציאליסטישע ארגאניזאציעס אין איין קערפערשאפט, וואס זאל זיין באהערשט מיט איין גייסט, מיט איין ציל. שוין איצט, ווען מיר שטייען נאך ביים אנהויב פון אונזער וועג, לאזט זיך אונז שוין שטארק פילן דאס פעלן פון איניקייט צווישן באוואוסטזיניקן טייל פון ארבעטער־פאלק".*)

פילסודסקי דערפירט זיין ארטיקל צו דער אלטער, פ.פ.ס.ישער פאדערונג, אז די יידישע און ליטווישע סאציאליסטן דארפן זיך פאראייניקן מיט דער פ. פ. ס.:

„דער געדאנק וועגן ענגער פארבונדנקייט מיט דער פוילישער סאציאליסטישער באוועגונג איז זייער נאטירלעך ביים פוילישן טייל פון דער ארבעטער - באוועגונג אין ליטע. מיר ווייסן אבער, אז דער דאזיקער געדאנק וועקט געוויסע ספקות, אפטמאל אפילו אומווילן, צווישן די חברים־יידן און ליטווינער. אמאפטסטן איז דאס א רעזולטאט דערפון, וואס מען גיט זיך נישט אפ קיין געגוגנדיקן רעכנונג פון דער לאגע. ביי די ליטווינער איז עס טיילמאל א נישט־געדעכטער אויספיר פונם בארעכטיקטן אומווילן צו דער פוילישער „שליאכטע", וועלכע עקספלאאטירט זיי, און צו די פאלאניזאטאָרישע איינפלוסן פון אונזער בורזשואזן קלאס. מיר זענען אבער איבערצייגט, אז צוזאמען מיטן וואוקס פון פאליטישן באוואוסטזיין צווישן ארבעטער - פאלק, וועט ס'ווען אין די ערשטע שלאכטן זיך שאפן אין די פארשידנשפראכיקע רייען א וואפן - ברודערשאפט, וועלן פארשווינדן אלע מיספארשטענדנישן און דער קעגנזייטיקער אומווילן" **).

*) „וואלקאיי, 1902, נומער 1, אקטאבער.
**) דארט.

ניִשט געקוקט דערויף, וואָס די שטעלונג, וועלכע פּילסודסקי ברענגט דאָ צום אויסדרוק, איז ניִשט קיין נייע אין איר עצם, מוז מען אָבער באַטראַכטן דעם אַרטיקל — נאָך די יאָרן פון אָפענער מלחמה — אַלס אַ דירעקטע אָפּערטע. און ווי וועלנדיק באַווייזן די ערנסטקייט פון דער דאָזיקער ווענדונג, באַגלייט פּילסודסקי דאָס לייט־אַרטיקל מיט אַ רייע אַנדערע אַרטיקלען — אין זעלבן און אין די שפּעטערדיקע נומערן פון דער „וואַלקאַ" — וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וועגן קאַמף מיטן שאָוויניזם סיי צווישן די פּאָליאַקן און סיי צווישן די ייִדן, וועגן דער נידערטרעכטיקייט פון דער בורזשואַזיע און אונטערשייד פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט א. אַ. וו. צווישן אַנדערן רעדט פּילסודסקי זייער בייסיק וועגן ד"ר ה ע ר צ ל ס וויזיט ביים צאַרישן פּאָגראָם־מיניסטער פ אָ ן פּ ל ע וו ע.

פּילסודסקיס דעמאָלטיקע שטימונגען לגבי דעם „בונד" קומען צום אויסדרוק אויך אין זיינע בריוו פון יענעם יאָר (1902). ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער נאָענטסטער צוקונפט, זעט ער ניִשט די מעגלעכקייט פון אַ באַלדיקער פאַרשטענדיקונג מיטן „בונד", אָבער — ווי ער אַליין דריקט זיך אויס — געהערט ער ניִשט צו „די פאַרצווייפלטע אין דער פראַגע פון אַ מעגלעכער פאַרשטענדיקונג", ווייל „דער „בונד" — ניִשט געקוקט אויף אַלע זיינע אָפּשטויסנדיקע חסרונות — פירט אָן אַרבעט, וואָס רעוואָלוציאָניזירט די ייִדישע מאַסע".

אַנטקעגן דעם, וואָס די פּ. פּ. ס. האָט געשריבן וועגן „בונד" אין יאָר 1898 און שפּעטער, איז דאָס אַ בפירושע קאַפּיטולאַציע. פון רוסיפיקאַציע, פון טאָן אַרבעט „לטובת די קאַצאַפּאָוס" ביז „רעוואָלוציאָניזירן די ייִדישע מאַסע" איז — פּאָלגמיך אַ גאַנג.

פּילסודסקי באַדויערט שוין די פאַרביטערטע מלחמה, וועלכע איז געפירט געוואָרן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד קעגן „בונד". זי האָט — שטעלט ער פעסט — דערוועקט אַזויפיל קעגנזייטיקן אומצוטרוי און אומווילן, אַז ער צווייפלט, צי ס'וועט קענען קומען אין דער נאָענטער צייט „אַ באמת־אויפריכטיקער שלום".

צוליב טאַקטישע טעמים זאָגט זיך פּילסודסקי דערווייל אָרויס

קענען מאכן וואָסערע נישט איז קאָנקרעטע פאָרשלאָגן. ער ראָט דער־ווייל „פאַרנעמען אַן אָפּוואַרטנדיקע פּאָזיציע, לכל הפּחות ביז דאַן, ווען די פּשרה ־ עלעמענטן צווישן זיי (אין „בונד") וועלן ענדגילטיק זיך אויספאַרמירן".

גלייכצייטיק — ווי ער וואָלט געפילט די גאַנצע האָפענונגלאָ־זיקייט פון דער יידישער אַרבעט פון דער פּ. פּ. ס. — האָט ער גע־זשאָלעוועט די בעסערע טוער, נישט וועלנדיק זיי אָפּגעבן דער „יידישער אַרבעט". ביי זיין גאַנצן אינטערעס צוצוציען די יידישע אַרבעטער־מאַסן צום אומאָפּהענגיקייט־פּראָגראַם פון דער פּ. פּ. ס., קוקט פּילסודסקי מיט אומווילן אויף די „צו גרויסע" קרבנות, וואָס די פּאַרטיי ברענגט אויפן מזבח פון דער יידישער אַרבעט. אַזוי, למשל, קען ער זיך נישט מוחל זיין, וואָס זאַקס, וועלכן ער רימט זייער שטאַרק פאַר זיינע גרויסע און אַלזייטיקע פעיקייטן, „ציט זיך אַריין — ווי ער שרייבט אין נאָוועמבער 1902 — אַלץ מער אין דער יידישער אַרבעט און אין דעם טיף"...

פריער האָט מען גרינגגעשעצט די יידישע אַרבעט, האַלטנדיק זי אין תוך פאַר אַ נעבן־זאַך: דעמאָלט האָט מען זיך פאַרענטפערט, אַז ס'איז נישטאָ קיין מענטשן. איצט, ווען מענטשן זענען שוין יאָ געווען, האָט מען זיי נישט געוואָלט „פאַרלירן" לטובת דער יידי־שער אַרבעט — פּאַקטיש דיזעלבע באַציונג, וואָס אַמאָל...

ווי אין באַצוג צו יידישע אויסגאַבן, אַזוי איז אויך אויף דעם באַהן געקומען צו קאָנפליקטן מיט די מיטגלידער פון די יידי־שע גרופּן. יעדן בעסערן טוער פון צווישן זיי, פלעגט מען זייער גיך „אָפּשוימען" פאַר דער אַלגעמיינער אַרבעט. פריער איז אַזוי געשען מיט רוגן („מאַריאַן"). ווען ס'איז שפּעטער (1899) געקו־מען צו דער באַוועגונג אַ צווייטער אינטעליגענט מ י כ אַ ל ק ר ו ל, האָט אים די יידישע גרופּע פון פּ.פּ.ס. (אין וואַרשע) 2 יאָר „אויס־באַהאַלטן" פאַר די אַלגעמיינע פּאַרטיי־אינסטאַנצן. די לעצטע האָבן אים לסוף טאַקע „אָפּגעשוימט", און ער גייט אַוועק צו אַלגעמיינע פּאַרטיי־אַרבעט.*)

---

*) „ניעפּאָדלעגלאָשטשי", באַנד 12, העפט 1 (30), 1935, זייט 35.

25

1902—1903

דער ערשטער נומער פון ייִדישן פּ. פּ. ס.ישן אָרגאַן „דער אַ־בייטער" איז, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, דערשינען אין דע־צעמבער 1898. דאַן קומט, ווי געזאָגט, אַן איבעררייס פון גאַנצע 2 יאָר. דער צווייטער נומער „אַרבייטער" דערשיינט אין דעצעמ־בער 1900. זיין שפּראַך, זיין סטיל זענען נאָך נישט פון די בעסטע, אָבער אין פאַרגלייך מיטן ערשטן נומער איז עס אַ פאָרשריט.

די רעדאַקציע אַליין קלערט עס אויף אין אַ מעלדונג, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף דער ערשטער זייט פון דאָזיקן נומער: „מיר שטייען היינט — לייענען מיר דאָרט — זאָגלייך אין טעכנישע ווי אין ליטעראַרישע קרעפטן פיל בעסער, ווי פאַר 2 יאָר" און אין אויספיר — קומט די האָפענונג, אַז „דער אַרבייטער" וועט איצט דערשיינען שוין אָפטער.

דער דריטער נומער איז דערשינען מיט 3 חדשים שפּעטער. אין יאָר 1901 דערשיינט נאָך איין נומער און אין יאָר 1902 דער־שיינען „אַזש" 3 נומערן פון דער דאָזיקער צייטונג.

דער ערשטער נומער „אַרבייטער" פון די 3, וואָס דערשיינען אין יאָר 1902, ווערט נאָך געדרוקט אין לאָנדאָן (מאַי 1902) — דאָס איז דער פינפטער נומער פון דער צייטונג, זינט זי האָט אָנגע־הויבן דערשיינען. ביזן נומער 5 אַרבעט ד"ר זאַקס מיט אין „אַר־בייטער" גאָר נאָענט און דעם נומער 5 רעדאַגירט ער אינגאַנצן.

באַלד דערנאָך פאָרט ד"ר זאַקס אָפּ פון לאָנדאָן קיין פּוילן, וו ער באַטייליקט זיך — ווי מיר האָבן שוין דערציילט — אין זעקסטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר (יוני 1902 אין לובלין). נאָכדעם, ווי ער ווערט געוויילט אין ייִדישן קאָמיטעט, שטעלט ער זיין אַן

אינלענדישע געהיימע דרוקעריי פאַרן „אַרבייטער" און אינגיכן גייט טאַקע אַרויס — דאַסמאָל שוין אין לאַנד — דער זעקסטער נומער פון דער צייטונג.

פון דאַן אָן גייט טאַקע דער „אַרבייטער" אַרויס אין לאַנד. ס'דערשיינען אַזויאַרום נאָך 2 נומערן: דער נומער 7 (1902) און 8 (1903). די דרוקעריי געפינט זיך אין ל ו ב ל י ן און שפּעטער אין ב ר י ס ק. דאָס יאָר 1904 איז ווידער אַן איבעררייס, ווייל די בריסקער דרוקעריי פאַלט דורך, און דער נאָענטסטער נומער, דער 9-טער, דערשיינט ערשט אין יאַנואַר 1905 אין קראָקע.

דאָס דערשיינען פון נומער 6 „אַרבייטער" אין לאַנד איז פאַר דער לאָנדאָנער פּ.פּ.ס.ישער קאָלאָניע געקומען גאַנץ אומגעריכט. דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער" לעאָן וואַשילעווסקי האָט, נישט וויסנדיק פון גאָרנישט, געגרייט אין לאָנדאָן אַ נומער „אַרבייטער". ווען ער איז שוין כמעט געווען פאַרטיק צום דרוק, איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן אַ פאַרטיקער נומער „אַרבייטער", דער נומער 6. נישט וועלנדיק פאַרניכטן דעם פאַרטיקן מאַטעריאַל, האָט אים וואַשילעווסקי אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אונטערן נאָמען „די פּראָלעטאַרישע וועלט" (אָקטאָבער 1902). אַזויאַרום, גאַנץ צופעליק, האָט די פּ. פּ. ס. צובאַקומען נאָך איין יידישע צייטונג, וועלכע איז אָבער דערשינען סך - הכּל אין 3 נומערן: דער נומער 2 איז דערשינען אין יאַנואַר און דער נומער 3 אין פעברואַר 1903.

לויטן כאַראַקטער פון די לעצטע 2 נומערן איז „די פּראָלעטאַרישע וועלט" געווען ענלעך צום פּוילישן פּ. פּ. ס.-ישן זשורנאַל „שוויאַטלאָ", וועלכער איז געווען אַ בילדונג-צייטונג. צווישן אַנדערע האָט אין דער „פּראָלעטאַרישער וועלט" מיטגעאַרבעט אויך פ י ל י פּ ק ר א נ ץ. דער 2-טער און 3-טער נומער האָבן געהאַלטן צו עטלעכע צענטליק זייטן (נומער 2—40, נומער 3 — 48 זייטלעך).

ד"ר זאַקס האָט דעם בעסטן ווילן ענדלעך פאַנאַנדערצוּוויקלען אַ ברייטע פּ. פּ. ס.-ישע טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער. ער שרייבט זייער פיל אין יידיש און פּויליש. קעגן „בונד" טרעט ער אַרויס גאַנץ שאַרף, כּמעט אינערלעך, אין דער פּאַרטיי, פּרע-

דיקט ער אַ דערנענטערונג מיטן „בונד“. די בראָשור קעגן „בונד“, וואָס די פּ. פּ. ס. האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1903 אַלס ביילאַגע צום נומער 8 „אַרבייטער“ — די בראָשור האָט געהייסן „אַ קלאָרער ענטפער“ — איז געשריבן דורך אים (דער נומער 8 „פּזשעדשוויט“ פון יאָר 1903 האָט זי איבערגעדרוקט).

אין רעזולטאַט פון אַ יאָר טעטיקייט פון יידישן קאָמיטעט ביים צ. ק. ר. קומט צושטאַנד אין יוני 1903 די ערשטע יידישע קאָנפערענץ פון דער פּ.פּ.ס. זי ווערט אָפּגעהאַלטן אין גראָדנע, אין דער וואוינונג פון מיטגליד פון דער פּ. פּ. ס. טאָמאַסאָן (אַ לעט, אַ לערער פון פאַך).

אין דער קאָנפערענץ באַטייליקן זיך פאָרשטייער בלויז פון 3 שטעט—פון וואַרשע, ביאַליסטאָק און גראָדנע. דעם צ.ק.ר. און דעם יידישן קאָמיטעט רעפּרעזענטירן זאַקס און שורמאָן. וואַרשע איז פאַרטרעטן אויף דער קאָנפערענץ דורך מאַקס האָרוויץ (וואַלעצקי). די קליינע צאָל אָרגאַניזאַציעס אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ, זאָגט עדות וועגן די נעבעכדיקע רעזולטאַטן פון דער פּ. פּ. ס.־ישער אַרבעט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט.

וואָס ווייטער זעט דאָס פּילסודסקי אַלץ קלאָרער און הייבט אָן אַלץ אָפטער עס פעסטצושטעלן עפנטלעך. אין צווייטן נומער פון דער „וואַלקאַ“ (מערץ 1903) בייזערט ער זיך נאָך אינם לייטאַרטיקל אויף דער מפּלומרשט־רוסיפיקאַטאָרישער ראָל פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן אין דער ליטע, אָבער ער שטרייכט גלייכצייטיק אונטער דעם וווקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן די יידישע מאַסן אין דער ליטע. גאַנץ באַזונדער פאַרצייכנט פּילסודסקי די בונדישע דעמאָנסטראַציעס פון דער לעצטער צייט און הירש לעקערטס העלדן־טויט.

אין פּילסודסקין קומט פאָר אין באַצוג צום „בונד“ אַ בפּירושער איבערברוך. אַ גרויסע ראָל שפּילט דאָ אין דער הינזיכט די שטימונג פון אַנערקענונג פאַרן „בונד“, וואָס באַהערשט אַלץ ברייטערע קרייזן פון דער פּוילישער אַרבעטערשאַפט.

26

פילסודסקיס ארויסטרעטונג וועגן „בונד“ אין יוני 1903

באלד נאך דער גראָדנער קאָנפערענץ פון דער יידישער פּ. פּ. ס., קומט פאר אין ווילנע א קאָנפערענץ פון אלע פּ. פּ. ס.ישע „וואיעוואָדעס“ — די פירער פון דער פארטיי־ארבעט אין די באַזונדערע ראיאָנען. דאָרט אנטוויקלט פילסודסקי אין דער גאַנצער ברייט זיין נייע באציונג צום „בונד“. צווישן אים און זאַקסן קומט צוליב דעם צו א גרונטזעצלעכער מיינונג־פארשידנקייט. ס'טיילן זיך אויס 2 פארשידענע פערספּעקטיוון, 2 בליקן אויף דער אַרבעט.

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ רוקט זיך ארויס צום ערשטן מאָל אַן אָפּאָזיציע קעגן פילסודסקין. זאַקס פירט אדורך א רעזאָלוציע וועגן מאכן א רייע שריט, כּדי זיך אָפיציעל צו פארשטענדיקן מיט דער ר. ס. ד. א. פּ. אויך אין אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן אַנטשטייען מיינונגס־פארשידנקייטן. ס'שיילט זיך אויס דער פאָרשטייענדיקער גרויסער קאָנפליקט צווישן די „יינגע“ און „אַלטע“.

אויף יענער זיצונג האָט זיך אויך געפירט א גרויסע דעבאַטע וועגן „בונד“. פילסודסקי איז נישט געווען צופרידן מיט זאַקסנס פראָיעקטירטער בראָשור „א קלאָרער ענטפער“, אין וועלכער זאַקס האָט געוואָלט אדורכפירן דעם געדאַנק, אַז ס'איז מעגלעך א גלייכמעסיקע עקזיסטענץ פון א באַזונדערער יידישער פארטיי־אָרגאַניזאַציע נעבן דער פּ. פּ. ס.

ווי ס'דרינגט פון באַריכט פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ, וועלכן ס'האָט שפּעטער אָנגעשריבן פילסודסקי, האָבן אין דער דיסקוסיע זיך באַטייליקט כּמעט אַלע מיטגלידער פון צ. ק. ר. געווען



8 PRZEDŚWIT № 5

I. — Czasopismo „Przedświt“, które miał prowadzić będziemy jako miesięcznik w duchu uchwał, powziętych na konferencyi zjazd-rocznej.

II. — Obszerniejsze prace wydawać będziemy zbiorowo w terminach czasu nieokreślonych. Nieperyjodyczne to wydawnictwo, dzielnie poparte pracą wszystkich towarzyszy, będzie — mamy nadzieję — stanowiło poważne archiwum naszej teoretycznej pracy socyjalistycznej.

III. — W zakresie dzieł i broszur mamy na widoku prace następujące:

A) Seryja teoretyczna.

Dalszy ciąg dzieł Marksa, Engelsa, Lassala i in.
Centralizacyja przemysłowa i handlowa.
Kryzysy przemysłowe i handlowe.
Państwo i jego rola w życiu dzisiejszem.

B) Seryja historyczna.

Kautsky. Morus i jego utopija.
Babeuf i babuwiści (praca oryginalna).
St. Simon i St. Simoniści (idem).
Bebel. Karol Fourier.
Życiorysy i ocena działalności L. Blanc'a, Blanki'ego, Lassala i innych szermierzy sprawy naszej.
Teoryja anarchii.
Socyjalizm chrześcijański.
Historyja fachowych związków robotniczych.
Tkacze Lyońscy.
Czartyści.
Ruch r. 1848.
Dzieje Międzynarodówki.
Komuna paryska.
Obecny stan różnych partyj socyjalistycznych.
Historyja niemieckiej partyi socyjalno-demokratycznej.
Nadto — seryja prac o historyi polskiej.

IV. — Naszą literaturę agitacyjną chcemy pomnożyć szeregiem nowych tomików „Biblioteki robotnika polskiego“, a mianowicie:

a). Sprawy dnia dzisiejszego.

1. Prawodawstwo fabryczne.
2. Walka z fabrykantami i organizacyja fachowa u nas.

b). Sprawy ogólne życia ekonomicznego.

1. Historyja klasy robotniczej w Polsce.
2. Wielka produkcyja i drobny przemysł.
3. Kryzysy.

c). Sprawy rolne.

1. O zniesieniu pańszczyzny.
2. Polityka rządu względem chłopów.
3. Podatki.
4. Chłopi i wielcy właściciele ziemscy.
5. Walka z wyzyskiem na wsi.
6. Komunizm rolny.
7. Emigracyja.

d). Sprawy fachowe.

Szereg broszur, przeznaczonych dla oddzielnych fachów i rozpatrujących położenie robotników danego fachu u nas i za granicą, ich organizacyje, ich walki. Jedną z pierwszych w tym dziale będzie broszura agitacyjna dla górników.

e). Kwestyje polityczne.

W tej seryi ukaże się wkrótce obszerna broszura agitacyjna.

f). Filozofija socyjalizmu.

1. Historyja, moralność i etyka socyjalizmu.

g). Beletrystyka.

* * *

Wkrótce wyjdzie z druku dzieło Thuna. [illegible] sa rzeczy następujące:
Engels. Kwestyja rozbrojenia w Europie.
Lanin. Charakterystyka Aleksandra III.

Po wydaniu tych prac [illegible] drukowania broszury agitacyjnej [illegible] w Polsce, broszury dla górników [illegible] pojęcych:
Marks. Wojna domowa we Francyi (z dodatkiem — pierwsze wydanie wyczerpane).
Historyja żydów w Polsce.
Instytucyje [illegible] w dawnej Polsce.
Cudzoziemcy w Polsce.
Powstanie Kościuszki.
Bebel. Kobieta i socyjalizm.
Babeuf i babuwiści.
W kwietniu 1893 r.

ZARZĄD
Związku Zagranicznego Socyjalistów Polskich

DO TOWARZYSZY SOCYJALISTÓW ŻYDÓW w polskich zabranych prowincyjach

Towarzysze!

Między nami, socyjalistami polskimi, a Wami, socyjalistami żydami, pracującymi w naszym kraju, [illegible] dziś niezmiernie ważne [illegible] strony panuje gorąca chęć [illegible] i dlatego zwracamy się do Was w [illegible] wspólne nam interesy mas pracujących w kraju naszym, wspólna nam troska o [illegible] wspólna wreszcie [illegible] międzynarodowego [illegible] rękojmią naszej przyszłej zgody i harmonijnego współdziałania.

W kraju naszym miasta posiadają [illegible] żydowską, proletaryjacką w swej większości. [illegible] [illegible]

Jeż i dawniej [illegible] polityczna [illegible] [illegible]

פּילסודסקיס אויפרוף „צו די חברים סאָציאַליסטן יידן", אַרויס־
געגעבן אין נאָמען פון דער ליטווי־שער סעקציע פון פּ. פּ. ס. אין
יאָר 1893, דערשינען אין לאָנדאָנער „פּשעדשוויט" פון מאַי
.1893

אזעלכע רעדנער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די פּ. פּ. ס. האָט שוין צופיל אָפּגעטרעטן לגבי דעם „בונד“. פּילסודסקי גופא האָט אין דער פראַגע נישט געהערט צו די עקסטרעמיסטן. אָבער ער איז געזוען אַנטשידן קעגן מאַכן דעם „בונד“ ווייטערדיקע קאָנצעסיעס.

אינטערעסאַנט איז געווען די אַרויסטרעטונג פון זאַקסן. ער האָט אַדורכגעפירט דעם געדאַנק, אַז פּ. פּ. ס. מוז זיך אָפּזאָגן פון איר אַלטער איינרעדעניש איינצושלינגען דעם „בונד“, ווייל אויף אַן אמת איז דער „בונד“ ערטערווייז שטאַרקער פון דער פּ. פּ. ס. אין זעלבן גייסט האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט אַדאַם בוינא („יעזשי“). פעליקס פערל („יוליוש“) און באַלעסלאַוו טשאַרקאָווסקי („לעאָן“) האָבן אונטערגעהאַלטן פּילסודסקין. אויך יאַן ראַטקעוויטש („וויצעק“) — איינער פון די „יינגע“ — האָט זיך געשטעלט אויפן דאָזיקן שטאַנדפּונקט.

פּילסודסקיס אַרויסטרעטונג אויף יענער קאָנפערענץ האָט געהאַט אין זיך אַ רייע סתירות: פון איין זייט האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר איינהאַלטן לגבי דעם „בונד“ דעם אַלטן קורס און פון דער צווייטער זייט איז ער שוין גרייט געווען, ווי מיר זעען עס פון זיינע עפּנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון יענער צייט, שלום צו מאַכן מיט דער עקזיסטענץ פון „בונד“, אויב דער לעצטער וואָלט זיך אַנטשידן געשטעלט אויפן באָדן פון פּ.פּ.ס.־ישן פּראָגראַם.

„אויב דער „בונד“ קען שטיין — האָט געזאָגט פּילסודסקי אין דער דאָזיקער דיסקוסיע — אין אויטאָנאָמע באַציונגען מיט רוסלאַנד, קען ער דאָך אונטערהאַלטן אַזעלכע באַציונגען אויך מיט אונז, נישט אָנרירענדיק דערמיט זיין כבוד. נאָר וועגן דעם דאַרף עס אונז גיין. אַ שטערונג אין דער הינזיכט איז דאָס, וואָס דער „בונד“ גייט אין זיינע באַציונגען ווייטער פון אונז, און אַזוי אַרום קען אַנטשטיין די פראַגע, וואָס דער „בונד“ זאָל טון מיט יענער טייל זיינער, וועלכע אַרבעט און לעבט צווישן אַ באַפעלקערונג, וואָס האָט נישט קיין סעפּאַראַטיסטישע שטרעבונגען“ *).

*) לויטן באַריכט, וואָס פּילסודסקי האָט אָפּגעשיקט קיין אויסלאַנד וועגן דער יוני־קאָנפערענץ פון צ. ק. ר. אין יאָר 1903.

נאָכדעם, ווי פּילסודסקי באַגרינדעט זיין אָקאָרשט־ציטירטע נייע שטעלונג, פון וועלכער ס'דרינגט, אַז ער וואָלט מסכים געווען אויף אַ פעדעראַציע צווישן „בונד“ און פּ. פּ. ס., מאַכט ער אַ ריי אויספירן:

„דאָס איז אַ שווערער ענין און ביז איצט זעט נישט חבר מיעטשיסלאַוו (פּילסודסקיס דעמאָלטיקער פּסעוודאָנים — פּ. ש.) פון דעם קיין גוטן אויסוועג. די דאָזיקע זאַך, אין וועלכער ס'זענען פאַרמישט אַזוי פיל פאַרשידנאַרטיקסטע היסטאָרישע און קולטור־רעלע פאַקטאָרן, איז בכלל זייער שווער צום לייזן, און מען דאַרף דעריבער זיך דערמיט נישט אײַלן. דאַקעגן דאַרף מען משער זיין, אַז דאָס לעבן אַליין וועט פּאַמעלעך שטויסן דעם „בונד“ צו זוכן סאָלידאַריטעט און פאַרבינדונג נישט מיט עמעצן אַנדערש, נאָר מיט אונז. די געפאַר פון דער קישיניעווער יידן־העצע (ס'האַנדלט זיך וועגן קישיניעווער פּאָגראָם, וועלכער איז דאַן געהאַט פאַרגעקומען — פּ. ש.) איז געווען אַזוי ערנסט, אַז דער „בונד“ האָט, נישט געקוקט אויף זיין מכלומרשטער קראַפט, זיך אָפּגעזאָגט אינגאַנצן פון מאַי־מאַניפעסטאַציעס אין ליטע; דאָס דאַרף צווינגען די בונדיסטן זיך צו פאַרטראַכטן... דער וווקס פון דער קריסטלעכער באַוועגונג אין דער ליטע וועט זיין דער שטאַרקסטער אַרגומענט, וואָס וועט צווינגען דעם „בונד“ זיך צו דערנענטערן צו אונז“ *).

פון די ווייטערדיקע ווערטער פון באַריכט קומט אויס, אַז פּילסודסקי האָט געפירט געשפּרעכן מיט די בונדיסטן און אַז ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי די בונדיסטן וואָלטן שוין געווען גרייט צו אָנערקענען דעם פּראָגראַם פון פּ. פּ. ס.(?), אויב די לעצטע וואָלטן מסכים געווען, אַז דער „בונד“ זאָל אויך נאָכדעם בלייבן עקזיסטירן אַלס אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי.

„דערויף — לייענען מיר ווייטער — קענען מיר אָבער נישט מסכים זיין, ווייל ביי אַזאַ באַזונדערקייט וועט פון דער אומבאַהאַוונטקייט אונזערער תמיד אַרויסקומען אַזעלכע מיספאַר־

*) דאָרט.

שטייענישן, אַז די גאַנצע געשיכטע מיטן אָננעמען אַזאַ אינזער פּראָגראַם וועט זיין אַ פּיקציע'' *).

איינשטימיק האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן נישט צו ענדערן די טאַקטיק לגבי דעם „בונד'', און וואָס שייך דער בראָשור, צוליב וועלכער ס'איז אַנטשטאַנען די גאַנצע דיסקוסיע, האָט מען באַשלאָסן, אַז פּילסודסקי מיט זאַקסן דאַרפן זי ענדגילטיק אויסרעדאַגירן.

פּילסודסקיס רעדע אויף דער יוניקאָנפערענץ פון צ. ק. ר., ווי אַלע זיינע פריערדיקע אַרויסטרעטונגען וועגן דעם, זענען אינטערעסאַנט נישט צוליב זייער פּרינציפּיעלן צוגאַנג צו דער פראַגע, ווייל אין דער הינזיכט איז נישט אַריינגעקומען קיין שום ענדערונג, נאָר — צוליב דעם פולשטענדיקן ריקצוג פון די אַמאָליקע שווערע פאַרוואורפן פון פּ. פּ. ס. וועגן דער דורכגעדרונגענקייט פון „בונד'' מיט „די בליקן פון דער דאָזיקער (יידישער—פּ.ש.) בורזשואַזיע'' און וועגן זיין „שטאַרקן די פּאָזיציעס פון דער רוסישער רעגירונג**).

---

*) דאָרט.

**) „פּזשעדשוויטי'', 1898, נומער 4. פון אַ גאַנצער ריי אַנדערע פאָרוואורפן פון יאָר 1898 האָט די פּ. פּ. ס. זיך צוריקגעצויגן נאָך פריער. אַזוי, למשל, האָט די רעוואָלוציאָנערע און רעוואָלוציאָניזירנדיקע טעטיקייט פון „ב ו נ ד'' געצוואונגען דער פּ.פּ.ס. מודה זיין, אַז „די חברים־יידן האָבן תמיד אַרויסגעוויזן אַ גרעסערע ווידערשטאַנד־קראַפט און פאַרשטענדניש פאַר די פרינציפּן פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט'' („ביאַלאָסטאָטשאַנין'', 1899, אַפּריל — דאָ האַנדלט זיך וועגן דער באַקאַנטער פּלאָג פון אַרויסשטויסן יידישע אַרבעטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטרי). די ציטירטע פעסטשטעלונג מאַכט, פאַרשטייט זיך, אַ פולשטענדיקן שטריך איבער די אַמאָליקע פּ.פּ.ס.ישע טענות, אַז די אַנטשטייונג פון „בונד'' וואָלט „אַנטקעגנגעשטעלט דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס קעגן זיינע פּוילישע קלאַסן־חברים'' („ראָבאָטניק'', פעברואַר 1898, נום. 26).

27

קאַפּיטולאַציע

צו פולשטענדיקער קאַפּיטולאַציע פון די פריערדיקע פּאַרוואורפן לגבי דעם „בונד" איז פּילסודסקי דערגאַנגען אין דריטן נומער „וואַלקאַ", וועלכער איז דערשינען אין נאָוועמבער 1903. דער דאָזיקער נומער איז אין אַ גרויסן טייל זיינעם געווידמעט דער יידן־פראַגע און דעם „בונד".

דער יידן־פראַגע איז געווידמעט אַ ספּעציעל אַרטיקל, וועלכעם מיר ברענגען ווערטלעך אַלס ביילאַגע צו אונזער בוך. דער אַרטיקל איז ספּעציעל אינטערעסאַנט, ווען מען פאַרגלייכט אים מיט פּילסודסקיס אַרטיקלען אויף דער זעלבער טעמע פון מיט 10 יאָר פריער.

אויך דער לייט־אַרטיקל איז אין אַ גרויסער מאָס געווידמעט יידישע פראַגן. דאָ ווערט געשטעמפּלט די קריכערישקייט פון דער פּוילישער, יידישער און ליטווישער בורזשואַזיע לגבי דעם צאַריזם; צווישן אַנדערע ווערט דאָ דערמאָנט, ווי מיר האָבן שוין פריער פאַרצייכנט, ד"ר הערצלס שענדלעכער וויזיט ביים דעמאָלטיקן צאַרישן אינערן־מיניסטער פּ ל ע װ ע.

דאָן קומט פּילסודסקי צו דער ראָל פון „בונד":

„מיר ווילן דאָ — זאָגט ער — נישט נעמען אָפּשאַצן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן, וועלכע איז ביז איצט רעפּרעזענטירט הויפּטזאַכלעך דורכן „בונד" — מיר ווילן דאָס טון אויף אַן אַנדער אָרט. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס מיט געוויסע פּרינציפּן פון „בונד" קענען מיר נישט מסכים זיין, האַלטנדיק זיי פאַר שעדלעך פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ליטע, מוזן מיר מודה־זיין, אַז די טעטיקייט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע



פילסודסקיס בריוו צו אַלעקסאַנדער מאַלינאָווסקין („וולאַדעקי״) פון
14 סעפּטעמבער 1903. אַן אָפּזאַץ פון דאָזיקן בריוו איז געווידמעט
דער גלענצנדיקער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון „בונד״, וועלכע
פּילסודסקי שטעלט העכער פון דער פּ. פּ. ס.־ישער טעטיקייט (זע זייט
213)

האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין די ליטווישע שטעט. זי האָט אויפגעוועקט צום בירגערלעכן לעבן יענעם טייל פון דער באַפעלקערונג אין דער ליטע, וועלכער האָט ביז איצט געבילדעט דעם פּאַסיווסטן, דעם אונטערטעניקסטן עלעמענט לגבי דער רעגירונג. די לעצטע קען זיך נישט קיין עצה־געבן מיט דער דאָזיקער באַוועגונג. נישט רדיפות, נישט דער פּרווו צו שאַפן אַ רעגירונג־טריִע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע צווישן די יידן — נישט האַרבקייט און נישט מילדקייט האָבן נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן. די באַוועגונג צווישן די יידן האָט זיך אַנטוויקלט, צונעמענדיק ביי דער רעגירונג איר איינציקע זיכערע שטיצע אין די שטעט פון דער ליטע. און ווען מיר וועלן געדענקען, אַז אונזערע שטעט זענען אין גרעסטן טייל באַפעלקערט טאַקע דורך יידן, וועלן מיר לייכט פאַרשטיין, אַז די רעגירונג האָט זיך דערזען אין אַ שווערער לאַגע".

פּילסודסקי דרוקט אויס זיין האָפנונג, אַז די קריסטלעכע באַפעלקערונג וועט זיך נישט לאָזן אויפהעצן צו אַנטי־יידישע פּאָגראָמען, וועלכע די רעגירונג וויל איצט צעפלאַקערן, כדי אין זיי צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די יידישע מאַסן.

ווי אַ דעקלאַראַציע קלינגט אַן אָפּזאַץ פון דערנעבנדיקן אַרטיקל („אונזער שטעלונג אין דער ליטע"):

„מיר — לייענען מיר דאָרט — די פאָרשטייער פון אַ מינדערהייט פון אַרבעטנדיקן פאָלק אין דער ליטע, האַלטן זיך נישט פאַר אויסשליסלעכע באַלעבאַטים פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דאָזיקן לאַנד און אַלס אַזעלכע ווילן מיר נישט און מיר האָבן נישט קיין רעכט צו דעצידירן אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די ליטווישע, ווייסרוסישע און יידישע חברים וועגן קינפטיקן גורל פון אונזער געמיינזאַם פאַטערלאַנד".

פּילסודסקי חזרט איבער דאָס זעלבע, וואָס ער זאָגט אין די פריערדיקע נומערן „וואַלקאַ": אַז ער און זיין פּאַרטיי שטרעבן דערווייל צו איין זאַך — צו דער פאַראייניקונג פון אַלע סאָציאַליסטישע כוחות אין דער ליטע. קלאָר: פּילסודסקי שטעלט זיך פאָר די פאַראייניקונג אַזוי, אַז אַלע אַנדערע פּאַרטייען זאָלן זיך אַריינגיסן

אין דער פּ. פּ. ס. — דאָס איז איבעריק אונטערצושטרייכן. פּיל־סודסקי דערקלערט דערביי גאַנץ נישט־צווייִדייטיק זיין הסכם, אַז דאָס פאָלק פון פּוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד אַליין זאָל אין דער צוקונפט באַשליסן וועגן דער מלוכה־פאָרם פון אַלע אויסגערעכנטע טעריטאָריעס: צי זיי זאָלן זיין 3 באַזונדערע רעפּובליקן, צי איין פעדערירטע מלוכה מיט אויטאָנאָמע טיילן.

וואָס שייך דער באַציונג צום „בונד" האָבן מיר דאָ שוין ענדלעך אַ פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע פון די פריערדיקע טענות. אין יאָר 1898 האָט די פּ. פּ. ס. געזידלט דעם „בונד" אַלס אַ פּאַר־טיי פון „סאָציאַליזירנדיקע בורזשויעס"*), אָבער אין יאָר 1903 קען פּילסודסקי נישט פאַרלייקענען, אַז דער „בונד" האָט „אַרויס־גערופן אַ שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין די ליטווישע שטעט" און אַז די רעגירונג „קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער דאָזיקער באַוועגונג". די פעסטשטעלונג, אַז די אַנטוויקלונג פון דער בונדישער באַוועגונג „גייט באַרג אַרויף, צונעמענדיק ביי דער רעגירונג איר איינציקע זיכערע שטיצע אין די שטעט פון דער ליטע" — קלינגט ווי אַ חרטה־דערקלערונג אַנטקעגן דער אַמאָלי־קער טענה פון „פּזשעדשוויט", אַז די אַנטשטייונג פון „בונד" איז „נישט נויטיק און זיין ריכטונג איז פּראָסט־פּשוט שעדלעך"**).

אינם שוין־ציטירטן לייט־אַרטיקל רעדט פּילסודסקי מיט גאַל וועגן דער האַלטונג פון די פּאָליאַקן אין דער ליטע נאָך דער „פּאָוו־סטאַניע":

„זיי האָבן דאָך — רופט ער אויס — נאָך דער „פּאָווסטאַניע" פון יאָר 63 איטאַנצן נישט אָדער זייער ווייניק געקעמפט".

און ער גיט צו דעם צו:

„צו זייער גרויסער חרפּה מוז מען מודה־זיין, אַז דאָס איז אמת. אָבער ס'האָבן פאַר זיי געקעמפט אַנדערע. אין דער ליטע זענען די דאָזיקע אַנדערע געווען הויפּטזאַכלעך די... יידן".

הייסט עס, אַז אַלץ, וואָס איז, אָנהויבנדיק פון יאָר 1893 גע־

*) „פּזשעדשוויט", 1898, נומער 4.

**) דאָרט.

זאָגט געוואָרן וועגן דעם, אַז דער „בונד״ און די יידישע סאָציאַ־ליסטישע גרופּן פאַר דער אַנטשטייונג פון „בונד״ האָבן פאַרנאַכלעסיקט דעם פּאָליטישן קאַמף, ווידמענדיק צופיל אויפמערקזאַמקייט דעם ריין־עקאָנאָמישן קאַמף — איז געווען נישט ריכטיק און פאַלש. הייסט עס, אַז דער מכלומרשטער עקאָנאָמיסטישער „בונד״ האָט דערגרייכט גרעסערע רעזולטאַטן אין זיין קאַמף קעגן צאַריזם, ווי ס׳האָט דערגרייכט די פּוילישע באַפעלקערונג (יעדנפאַלס — אין דער ליטע) אונטער דער אָנפירונג פון דער מכלומרשט דורכוים־פּאָליטישער פּ. פּ. ס.?

אין ליכט פון פּילסודסקיס ציטירטער פעסטשטעלונג פון יאָר 1903 קלינגט ווי אַ פּוסטע פראַזע די פּערספּעקטיווע באַרימעריי פון געוועזענעם פּ.פּ.ס.־אָוויעץ „משה מעזריטשער״, אַז „ווען די פּ. פּ. ס. וואָלט דאַן געהאַט די מעגלעכקייט צוצושטעלן דער יידישער אָרגאַניזאַציע גענוג יידישע ליטעראַטור, וואָלט נישט געווען אין פּוילן קיין „בונד״*) און אַז די פּ. פּ. ס. איז דאַן — אין 1904 — געווען „די איינציקע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אין פּוילן״**).

*) „ניעפּאָדלעגלאָשטשי״, באַנד 7, העפט 3 (17), 1933, ז. 343.
**) דאָרט, באַנד 12, העפט 1 (30), 1935, זייט 45.

28

חשבון־הנפש

דאָס יאָר 1903 און אַ טייל פון יאָר 1904 איז געווען פאַר פּילסודסקין אַ יאָר פון שווערער דעפּרעסיע.

אַ גרויסע טייל פון דאָזיקן אָפּשניט צייט האָט ער פאַרבראַכט אין לאָנד, די איבעריקע צייט — אין גאַליציע. צו זיין גרויס באַדויערן האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז נישט נאָר דער „בונד" באַדראָט די פּאָזיציעס פון פּ. פּ. ס., נאָר אַז די לעצטע האָט בכלל פאַרלוירן איר אַמאָליקע באַדייטונג. פון דער איינציקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין פּוילן איז די פּ. פּ. ס. געוואָרן איינע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פּוילן, פון דער אָנפירערין און טאָנגעבערין איז זי צוריקגעוואָרפן געוואָרן צו דער ראָל פון אַ פּאַרטיי, וואָס איז געווען איזאָלירט אין רוסלאַנד און אין אַ גרויסער מאָס אויך — אין אויסלאַנד.

פּילסודסקין באַהערשט אַ שווערע דעפּרעסיע און ער באַהאַלט דאָס נישט פון זיינע חברים. דעם 14 סעפּטעמבער 1903 שיקט ער אַרויס קיין לאָנדאָן אַ בריוו, וועלכער געהער ווי איינציקע פּריוואַטע בריוו צו די אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך אים. דאָס איז אַ סך־הכל און אַ ווידוי גלייכצייטיק.

אייגנטלעך איז דאָס מער, ווי אַ בריוו — ס'איז אַן אַלגעמיינער איבערזיכט איבער דער געשיכטע און קעגנוואַרט פון דער פּאַרטיי.

אין דער פאַרגאַנגענהייט — פּירט פּילסודסקי אויס — איז פּ. פּ. ס. געווען אַ גוט - קאָנספּירירט הייפל, וועלכעס איז דורך אַלעמען באַוווּנדערט געוואָרן. ס'האָט אַלעמען געלאָקט און גערייצט דער סוד פון פּ. פּ. ס., „וועלכע האָט געהאַט פיל רעוואָלוציע אין

דער געמבע און זוויניק וואָרצלען און פאַרבינדונג מיטן רעאַלן לעבן״.

שפּעטער האָט אַלץ געפּלאַצט. דער דורכפאַל פון דער דרוקעריי אין לאָדזש (פעברואַר 1900), דער צופאַל פון נייע מענטשן אין צ. ק. ר. און אין אויסלענדישן קאָמיטעט פירט דערצו, אַז ס׳פאַרשווינדט די אַמאָליקע ״פּאַרייניקטע קליקע״ און אויך אַנדערע אויסער דער אַלטער לאָנדאָנער גוואַרדיע באַקומען אַ ״באַרירונג מיטן אַלימפּ״. מיט איין וואָרט: ס׳פּלאַצט די ל ע ג ע נ ד ע, ס׳פּלאַצט דער ס ו ד.

״מיר האָבן כסדר — שרייבט פּילסודסקי אין יענעם בריוו — געטרעטן אויף אַלטע שטעגן, מיר האָבן, ווי פריער, זיך געהאַלטן ביים אויסגעטרעטענעם וועג, מיר האָבן געחזרט מיט דער עקשנות פון פּאַקירן: אומאָפּהענגיקייט, קאָנספּיראַציע, ״ביבולע״, ״ביבולע״, אומאָפּהענגיקייט, קאָנספּיראַציע און ווידעראַמאָל דאָסזעלבע. מען האָט דערוואַרט פון אונז — סיי צווישן דער אינטעליגענץ און סיי צווישן די אַרבעטער — דעם כוח, וואָס וועט קענען אין קאָמפּליצירטע אומשטענדן געפינען אין יעדן פאַל אַן אויסוועג. אָבער מיר האָבן דעם אויסוועג נישט געגעבן: מען האָט פון אונז דערוואַרט, אַז מיר וועלן אומעטום זיין, אָבער שוין צו אָפט האָט מען אונז נישט אָנגעזען; מען האָט דערוואַרט פון אונז, אַז מיר וועלן מאַכן שווייגן אַלע רעוואָלוציאָנערע גרופּן, אָבער דער ״בונד״ האָט ווי אַמגלענצנדיקסטן זיך אַנטוויקלט״*).

ווייטער שטעלט פּילסודסקי פעסט דעם סוד פאַר גאַנץ בראַד, אַז סיי אין רוסלאַנד און סיי אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב (פּילסודסקי דערמאָנט די דייטשע אַרבעטער־באַוועגונג) איז פּ.פּ.ס. איזאָלירט. אַלץ צוזאַמען — פּילסודסקי רעכנט אויס נאָך אַ שיעור אַנדערע מאָמענטן — גיט דעם סך־הכל, אַז ״מיר האָבן

---

*) אין אַ צווייטן אָרט פון זעלבן בריוו דריקט ער זיך אויס: ״דער ״בונד״ גיט אַרויס צייטונגען בעסער און לעבעדיקער פון אונזיי.

פארלוירן פיל פון אונזער אַנזען, באַדייטונג און מאָנאָפּאָל טיילמאָל אפילו אין די אויגן פון אונזער טרייסטער ארבעטער־אַרמיי".

און דאָ קומט די ווידוי:

„מען קען — זאָגט ער — רייסן צוליב דעם די האָר פון קאָפּ, מען קען שרייען געוואַלט, אָבער אַזוי בלייבט עס און איך זע עס אויסגעצייכנט. אין דאַזיקן בילד, וועלכעס איר וועט אפשר וועלן באַצייכענען אלס אַ צו שוואַרץ געמאָלטס, באַשולדיק איך נישט קיינעם אויסשליסלעך; ווי זאָגט סלאָוואַצקי: „כ'רעד, ווייל כ'בין טרויעריק און אַליין פיל מיט שולד". אָבער גלייבט מיין נאָז, מיין געזעלשאַפטלעכער אינטואיציע".

פילסודסקי גלויבט, אַז די ישועה קען קומען נאָר פון דער אַלטער לאַנדאָנער גוואַרדיע — „מיטן וואָרט מ י ר מיין איך סיי די פּ. פּ. ס. און סיי אונז אַלס פּערזאָנען (די אַלטע לידערס, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט פונם נעכטן מיטן היינט און וואָס פּערזאָניפיצירן אין זיך די דערפאַרונג, איינפלוס און געשיכטע)" — זיי זענען מחויב איבערצובויען די פּאַרטיי.

אַלס רעטונג גיט ער אויף אין דערמאָנטן בריוו 4 זאַכן: 1) מען מוז אריבערגיין צו אַלפּוילישקייט ד. ה. פּ. פּ. ס. מוז אויפהערן צו טרייבן אַ פּאָליטיק פון אַ פּאַרטיי, וואָס רעכנט זיך בלויז מיטן רוסישן טייל פון פּוילן; 2) קולטור־ארבעט; 3) ארויסגיין פון די ראַמען פון אַ קלייזל און ווערן אַ גרויסע עפנטלעכע פּאַרטיי און 4) נישט שטעלן נאָר אויף יחידים, נאָר אויך אויף די מאַסן. אויסערדעם רעדט פילסודסקי אויך וועגן דער נויטווענדיקייט ארויסצוווייזן טאָלעראַנץ צו אַלע ארום, מען דאַרף אויפהערן צו רעדן מיטן טאָן פון פּראָפּעסאָרן און דיקטאַטאָרן...

אַ גרויסער טייל פון בריוו איז געווידמעט זיך אַליין — „אייער אונטערטעניקן קנעכט". ער באַצייכנט זיך אַלס דעם מח פון דער פּאַרטיי. „ווען אפילו — דריקט ער זיך אויס — איך וואָלט פריי געווען פון די אַלע חסרונות און פעלערן, וועלכע איך האָב, ווען כ'וואָלט אַנשטאָט פיל פעלערן געהאַט מעלות, וואָלט איך נישט געווען בכוח אויסצופילן די אויפגאַבע".

29

פילסודסקי זוכט די מיטארבעט פון „בונד"

אומאָפּהענגיק פון די אַלע ספקות און פון דער גאַנצער דער־פּרעסיע פירט פּילסודסקי ווייטער זיין טעטיקייט און פון צייט צו צייט קומט ער ווידער אין באַרירונג סיי מיט דער יידישער אַרבעט פון דער פּ. פּ. ס. און סיי מיטן „בונד".

דער „אַרבייטער" וואַנדערט מיט זיין דרוקעריי פון שטאָט צו שטאָט. פון לובלין, וואו זי אַרבעט עטלעכע חדשים (1902), ווערט זי אַריבערגעטראָגן קיין בריסק. דעם 8 אויגוסט 1903 פאַלט זי אָבער דורך. דער נאָנסטער נומער „אַרבייטער" (דער נומער 9) דערשיינט, ווי מיר האָבן עס שוין פאַרצייכנט, ערשט אָנהויב 1905!

דער דורכפאַל פון דער בריסקער יידישער דרוקעריי פון דער פּ. פּ. ס. האָט אָן אָפּקלאַנג אויף דער קאָנפערענץ פון צ. ק. ר. דעם 16 ן און 17־טן דעצעמבער 1903. דאָרט ווערט באַשלאָסן גלייך צו שאַפן נייעם יידישן שריפט און איינצושטעלן אַ נייע פּאַר־טיי־דרוקעריי פאַר יידישע און פּוילישע אויסגאַבן. אָבער, ווי גע־זאָגט, דער נאָנסטער נומער „אַרבייטער" איז דערשינען ערשט אָנהויב 1905.

דערווייל קומען אָן גרויסע געשעענישן. אין פעברואַר 1904 ברעכט אויס דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג, וועלכער עפנט אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. ס'הייבט זיך אָן אַ צייט פון גרויסע האָפנונגען פאַר די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

פּילסודסקי ווידמעט דעם „בונד" פיל מער אויפמערקזאַמקייט, ווי דער „יידישער אַרבעט" פון דער אייגענער פּאַרטיי, ווייל דער

„בונד" איז אַ כּוח און די יידישע גרופּן פון פּ. פּ. ס. אַנטוויקלען זיך (אין פאַרגלייך מיטן „בונד") ביז גאָר טעמפּ.

פּיבערהאַפּט זוכט פּילסודסקי אַ קאָנטאַקט מיטן „בונד". ווי ס'דרינגט פון עטלעכע זיינע בריוו פון פעברואַר 1904 זוכט ער אַזאַ קאָנטאַקט סיי אויפן אָרט, אין לאַנד, און סיי אין אויסלאַנד. צו זיינע אויסלענדישע חברים (די אויסלענדישע פאַרשטייערשאַפט האָט דאַן זיך שוין געהאַט אַריבערגעטראָגן פון ל אָ נ ד אָ ן קיין ק ר אָ ק ע) שרייבט ער (דער בריוו איז געשריבן צו לעאָן וואַסי־לעווסקין):

„שרייבט אָן צו וו ל אַ ד ע ק ן (אַלעקסאַנדער מאַלינאָווסקי, וועלכער האָט דאַן זיך געפונען אין לאָנדאָן — פּ. ש.), אַז ער זאָל זיך תיכּף פאַרבינדן מיטן „בונד" און כאַפּן מיט זיי אַ שמועס, וואָס זיי האָבן בדעה צו טון, וואָסערע פּלענער זיי האָבן און צי ס'איז נישט צייט זיך צו פאַרשטענדיקן וועגן אַ נענטערן קאָנ־טאַקט, כּדי צו פאַרגרעסערן אין אונזער לאַנד דעם „עסאָוון" (סאָ־ציאַליסטישן — פּ. ש.) כּוח, כּדי צו באַיינפלוסן דעם לויף פון די געשעענישן. זאָל ער דאָרט אָנווייזן, אַז ס'איז אוממעגלעך פאָרויסצוזען, ווי ווייט ס'וועלן אוועק די געשעענישן, וואָסערע עווענטואַליטעטן ס'קענען אַנטשטיין און זיי וועלן דאַן שפּילן די ראָל פון מענטשן, וואָס וועלן אַריינגעצויגן אין ווירבל פון גע־שעענישן, און נישט די ראָל פון אַ זעלבשטענדיקן כּוח, וואָס האָט אַ ווירקונג אויפן לויף פון די געשעענישן".

פּילסודסקי איז „פּאָרזיכטיק": ער וואָרנט זיינע אויסלענדישע חברים, אַז זיי זאָלן זיך נאָר נישט צופיל אַנגאַזשירן אין קאָנקרעטע זאַכן:

„דעפיניטיוו — וואָרנט ער זיי אין זעלבן בריוו — זאָלט איר נאַטירלעך נאָרנישט פאָרמולירן, איר זאָלט בלויז אָנהויבן אונ־טערהאַנדלונגען".

פון אַ צווייטן בריוו, וועלכן ער שיקט אַרויס קיין קראָקע צום סוף פון חודש פעברואַר, דערווייסן מיר זיך, אַז אויך אין לאַנד האָט

ער אויפגעזוכט דעם „בונד“ און מיט אים געשמועסט וועגן דער לאַגע.

פון די בונדיסטן „נישט אַלס אָרגאַניזאַציע, נאָר אַלס מענטשן“ איז ער צופרידן. דערציילנדיק וועגן אַ פּ.פּ.ס.־ישער דעמאָנסטראַציע אויף מאַרשאַלקאָווסקע אין וואַרשע, שטרייכט ער אונטער:

„ס'איז געווען פיל יידישע אַרבעטער, — מען דאַרף דאָס אונטערשטרייכן מיט אַנערקענונג — בונדיסטן, וועלכע זענען אין דעם פאַל געקומען העלפן זייערע חברים פון דער פּ. פּ. ס.“.

וועגן „בונד“ — ווי ער דרוקט זיך אויס — „אַלס אָרגאַניזאַציע“ האָט פּילסודסקי אין פּאָליטישער הינזיכט אַן ערגערע מיינונג, אָבער ער פאַרלירט נישט די האָפענונג:

„מיטן „בונד“ — דערציילט ער — האָבן מיר געהאַט אַ געשפּרעך. זיי פילן נישט דעם ערנסט פון דער לאַגע (?) — פּ. ש.). אָבער וואַרשיינלעך וועלן זיי זיך לאָזן פּראָוואָצירן. מען אַרעסטירט זיי שרעקלעך, איינמאָל נאָכן צווייטן, אין די צענטליקער און הונדערטער. זייערע קאָמיטעטן אין ו ו אַ און ו ו י (וואַרשע און ווילנע) האָט מען אַרעסטירט בעת פאַרזאַמלונגען. ס'וועט פאָרקומען אַ צווייטע ראַנדקע און דאַן וועלן זיי געבן אַ תשובה דערויף, צי זיי וועלן גיין מיט אונז אין אַרויסטרעטונגען האַנט ביי האַנט מיטן זעלבן ציל, וואָס מיר, נישט באַטאָנענדיק זייערע באַזונדערע פּאָליטישע אידעאַלן און שטרעבונגען“.

ווי מיט 10 יאָר צוריק, איז פּילסודסקי אויך איצט זיכער, אַז עפּעס־וואָס וועט אים געלונגען:

„אַז זיי וועלן זיך לאָזן פּראָוואָצירן — שרייבט ער — נישט אַלס אָרגאַניזאַציע, נאָר אַלס מענטשן, בין איך זיכער“.

פאַרשטייט זיך, אַז דער „בונד“ האָט זיך נישט געלאָזן פּראָוואָצירן. סיי די מאַי־דעמאָנסטראַציע און סיי אַלע שפּעטערדיקע גאַס־אַרויסטרעטונגען אין דעם יאָר (דעמאָנסטראַציע קעגן קריגס־געריכט איבערן טויער פון דער ס. ד. ק. פּ. ל. מ אַ ר ט ש י ן ק אַ ס־ פּ ז ש אַ ק) האָט דער „בונד“ דורכגעפירט געמיינזאַם מיט דער־

ס. ד.*) און מיטן „פראָלעטאַריאַט״.

ווען די פּ. פּ. ס. האָט איינגעאָרדנט אין נאָוועמבער 1904 איר באַקאַנטע באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע אויפן גזשיבאָוו, האָט זי איינגעלאַדן דעם „בונד״, אַז ער זאָל זיך אין איר באַטייליקן. אָבער — ווי ס׳פאַרזיכערט איינער פון די פּ.פּ.ס.ישע דעמאָלטיקע יידישע טוער, — דער „בונד״ האָט אָפּגעזאָגט, „מאָטיווירנדיק עס מיט דעם, וואָס מען האָט אים נישט איינגעלאַדן צום אָרגאַניזירן די דעמאָנסטראַציע״**).

*) די ניי־ אַנטשטאַנענע ס. ד. ק. פּ. ל. האָט די פּ. פּ. ס. אָנער־ קענט אַלס דעם „עק פון „בונדיי, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטן און אויסגעהאַלטן נאָר דורכן „בונדיי (ציטירט לויטן באַריכט פון דער קאָנפערענץ פון צ. ק. ר. פון פּ. פּ. ס. אין יוני 1903; דעם באַריכט האָט געשריבן פּילסודסקי).

**) מ ש ה ק ו י פ מ אַ ן: „צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער אָרגאַניזאַציע פון דער פּ. פּ. ס.״ („ניעפּאָדלעגלאָשטשי״, 1935, באַנד 12, העפט 1 (30), זייט 49).

30

קנאה

אין מיטן 1904 האָבן די אילוזיעס וועגן געווינען דעם „בונד" ווידער געפּלאַצט. פּילסודסקי האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז די פּאָליטישע חלוקי־דעות זענען דערוויל צו גרויס, ס'זאָל קענען זיין אַ רייד וועגן צוזאַמענגיין פון „בונד" מיט דער פּ. פּ. ס., לכל־הפּחות מיט זיין רעכטן טייל, וועלכער איז געווען אָנגעפירט דורך פּילסודסקין, און וועלכער האָט אויך אין באַרג־אַרויף פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע נישט געוואָלט הערן פון קאַמף פאַר די געמיינזאַמע צילן פון גאַנצן רוסלענדישן פּראָלע־טאַריאַט.

סוף 1904 הייבן זיך ווידער אָן באַמיונגען אויפסניי אַרויס־צוגעבן דעם „אַרבייטער".

צוליב דעם נישט־דערשיינען פון „אַרבייטער" האָט די וואַר־שעווער „יידישע פּ. פּ. ס." פאַרשטריקט אַלס פּראָטעסט קעגן צ. ק. ר. און קעגן יידישן קאָמיטעט. דער דאָזיקער „שטרייק" איז באַשטאַנען דערין, וואָס די יידישע גרופּן פון פּ. פּ. ס. האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצוהאַלטן באַציונגען מיט די אָנפירנדיקע קער־פּערשאַפטן. די קאָנפערענץ (נאָוועמבער 1904), אויף וועלכער ס'האָט געזאָלט געמאַכט ווערן אַ סוף צום קאָנפליקט, איז דורכ־געפאַלן. ס'זענען דאָן אַרעסטירט געוואָרן 16 פּערזאָן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אויך די פּ.פּ.ס־ישע טוער ד"ר קאַמיללאַ האָראָוויץ, איינזש. קרול א. אַ.

אין יאָר 1905 ווערט דער „אַרבייטער" רעדאַגירט דורך דעם פּ.פּ.ס־ישן יידישן טוער מענדל רובינשטיין (מיכעלסאָן), וועלכן מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט.

אין אנהויב פון די ניינציקער יארן האט מיכעלסאן געהערט צו די ערשטע יידישע ארבעטער־קרייזלעך אין ווארשע. אלס א ווייסרוסישער ייד (געבוירן אין וואלקאווישקער געגנט) האט ער שוואך געקענט פויליש. אבער אין די שפעטערדיקע יארן האט ער אזוי ווייט באהערשט די פוילישע שפראך, אז ער האט געשריבן קארעספאנדענצן פאר דער פ.פ.ס.ישער פרעסע (צו דער פ. פ. ס. איז ער צוגעטרעטן ערשט אין 1901, אין קראקע). די פ.פ.ס.ישע בראשור „איטשעס שימאן" האט ער פארייִדישט. זי איז דערשינען אונטערן טיטל „הערשל דער שניידער". בעת ער האט רעדאגירט אין יאר 1905 דעם „ארבייטער", האט ער געוווינט אין קראקע*). די ענדגילטיקע רעדאקציע פון נומער איז געווען אין ווארשע — דא איז דער נומער נאכאמאל אדורך דורך די הענט פון אינזש. מיכאל קרול, וועלכער איז, זעט אויס, צוריקגעקומען צו דער „ייד. ארבעט".

די זעצעריי און דרוקעריי פון „ארבייטער" איז אין יאר 1905 געווען אין ווארשע אויף טשעפלע 4 (אדער 6). סוף 1905 איז דער לאגער פון „ארבייטער" געווען אויף מאריאנסקע 8, אין דער וואוינונג פון דער שניידערין מינע הורוויטש פון גראדנע (פריער, אין 1904 האט זי צוזאמען מיט גוטשע מאסט־בוים, יואל מאסטבוימס א שוועסטער, אויפגעהאלטן א קאנספּי־ראטיווע דירה אויף סאלנע). מיט דער גאנצער טעכניק פון „ארבייטער" האבן אנגעפירט מ. קרול און בורגין. אין יאר 1905 זענען דערשינען 6 נומערן „ארבייטער" — אין די פריי־הייטס־טעג האט מען אים געדרוקט בײנאכט אויף א ראטאציע־

---

*) אברהם רייזין דערמאנט מיכעלסאנען אין זיינע זכ־רונות וועגן קראקע (קאפיטל 46). רייזין שטעלט פאר מיכעלסאנען, ווי אן איבערצייגטן יידישיסט, וועלכער האט אים אונטערשטיצט אין זיין קאמף פאר יידיש „נישט אזוי מאהבת־מרדכיי — ווי סישרייבט רייזען — ווייל „וואוינענדיק אין קראקע, געהערט ער מיט זיינע סימפאטיעס צו דער פ. פ. ס. און איז שיר נישט גע־ווארן א פוילישער פאטריאטיי. רייזין איז דאן, זעט אויס, נישט געווען אינפארמירט, אז מיכעלסאן האט דאן שוין געהאט פאר דער פ. פ. ס. מער, ווי סימפאטיעס — ער איז געווען אן אנגעזעענער פארטיי־טוער.

מאשין אי דער דעמאָלטיקער דרוקעריי פון איינעם ל ע װ י נ ס אָ ן אויף לעשנע 68. ביי דער טעכנישער אַרבעט האָט מיטגעהאָלפן דער דעמאָלטיקער ייִנגער זשורנאַליסט ש. ב י ב ע ר, וועלכער האָט שפּעטער יאָרנלאַנג געאַרבעט אין „מאָמענט" אַלס אַ יידישע באַלעבאַטישער פּובליציסט.

אַנטקעגן דער ברייט־פאַרצווייגטער דעמאָלטיקער טעטיקייט פון „בונד" איז דאָס אַרויסגעבן דעם פּ. פּ. ס.־ישן „אַרבייטער" נישט געווען צו יענער צייט קיין גרויסער אויפטו (נישט רעכענענדיק די פּוילישע און רוסישע אויסגאַבן, האָט דער „בונד" אַרויסגעגעבן אין יאָר 1904 העכער אַ צענטליק פּעריאָדישע און נישט־פּעריאָדישע צייטונגען!). ביז דער גזשיבאָווער דעמאָנסטראַציע (נאָוועמבער 1904) איז די פּ. פּ. ס. — נישט נאָר אין איר „יידישער אַרבעט" — ווייט הינטערשטעליק לגבי דעם „בונד", וואָס פּילסודסקי אַליין האָט מודה־געווען אויף אַ געשלאָסענער זיצונג פון פּ. פּ. ס־ישן צ. ק. ר.

פון 17־טן ביזן 20־טן אָקטאָבער 1904 איז פאָרגעקומען אין קראָקע אַ קאָנפערענץ פון צ. ק. ר. פון דער פּאַרטיי, אויף וועלכער פּילסודסקי האָט גערעדט מיט ביטערניש:

„ס'איז מיר געווען פּריקרע צוצוקוקן, ווי די פּ.פּ.ס., וועלכע כ'האָב ליב, אין וועלכער כ'האָב אַזויפיל געאַרבעט, האָט זיך געלאָזן דיס־טאַנסירן דורך אַלע אָרגאַניזאַציעס. מיר זענען געפאַלן אַזוי נידעריק, אַז אַנדערע האָבן אונז געוויזן דעם וועג. נישט פּ. פּ. ס., וועלכע האָט (ביז נישט לאַנג) געשפּילט די ערשטע פידל, נאָר עפּעס אַ „בונד" גייט איבער צו אַ שאַרפערער טאַקטיק"*).

פּילסודסקי רעדט דאָ מיט קנאה וועגן די בונדישע מאַס־אַרויסטרעטונגען אויף דער שוועל פון יאָר 1905.

---

*) לויט דעם געקירצטן פּראָטאָקאָל פון דער פינפטער קאָנפע־רענץ פון צ. ק. ר. פון דער פּ. פּ. ס.

31

דער בונט פון די „יונגע“

אין פילסודסקיס פריער־ציטירטן בריוו פון פעברואר 1904 געפונען מיר אויך די ערשטע טענער פון זיין נייער פאליטישער שיטה: דורך באוואפנטן אויפשטאנד צו אן אומאפהענגיקן פוילן.

„ס׳גייט אונז — ראפארטירט פילסודסקי קיין אויסלאנד — וועגן שאפן א ספעציעלע ארגאניזאציע ad hoc (פאר א ספעציעלן צוועק — פ. ש.) — א האלב־מיליטערישע ארגאניזאציע, וועלכע מען זאל קענען באנוצן צו אלעמען, א דיסציפלינירטע און געשיקטע, אז מען זאל אויף איר קענען רעכענען“.

ג ז ש י ב א ו ו איז געווען די ערשטע ארויסטרעטונג פון דעם מין. ס׳האבן זיך אין איר באטייליקט אויך יידישע באוואפנטע גרופן — מיטגלידער פון דער פ. פ. ס. אבער ס׳וואלט געווען א טעות צו מיינען, אז אלע אנטיילנעמער פון דער דעמאנסטראציע האבן איר צוגעגעבן דעם זעלבן כאראקטער, וואס ס׳האט איר שפע־טער צוגעשריבן פילסודסקי.

איינער פון די דעמאלטיקע יידישע טוער פון דער פ. פ. ס. ש. ע—ן (ש. ע ק ש ט י י ן?) האט שפעטער דערציילט ווי ס׳איז אויף דעם באדן געקומען צו א צוזאמענשטויס צווישן פילסודסקין און דעם עקזעקוטיוו פון דער ניי־געגרינדעטער „באיוווקע“, צו וועלכער ס׳האט אויך געהערט עקשטיין.

„זיין רעדע — דערציילט ש. עקשטיין — האט געמאכט אויף אונז א שטארקן איינדרוק. געענדיקט האט ער מיט א לויב־געזאנג פאר אונז: „דאס, וואס איר זענט די ערשטע ארויסגעטרעטן מיט געווער אין האנט קעגן צאריזם, און איבערהויפט א דאנק דער דע־

מאַנסטראַציע אויפֿן גזשיבאָוו האָט איר געראַטעוועט די ערע פֿון פּוילישן פֿאָלק''.

די ווערטער האָבן אויף אונז געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אַ פּאָר מינוט זענען מיר געזעסן אין פֿאַרלעגנהייט. אַם ענדע איז איין חבר אויפֿגעשפּרונגען און שרעקלעך אויפֿגערעגט האָט ער זיך געווענדעט צו זשיוקן־פּילסודסקין: „נישט דערפֿאַר האָבן מיר זיך געכאַפּט פֿאַר געווער און זענען גרייט מקריב זיין אונזערע לעבנס, ווייל מיר ווילן ראַטעווען דעם „האָנאָר'' פֿון פּוילישן פֿאָלק, נאָר ווייל מיר ווילן שטירצן דעם קאַפּיטאַליזם. אונזער קאַמף קעגן צאַריזם איז איינער פֿון די שטאַפּלען, וועלכע דערנענטערן אונז צום סאָ־ציאַליזם''. פּילסודסקי האָט אויף אים געוואָרפֿן אַ דורכדרינגענדן בליק. מיט זיינע אויגן האָט ער אים געוואָלט אריינדרינגען אין דער נשמה. דאַן האָט ער געוואָרפֿן אַ בליק אויף אַלע אַנוועזנדע. און באַמערקנדיק, אַז מיר זענען שוין צו שטאַרק אָנגעשטעקט מיט די טעאָריעס פֿון די „לינקע'', האָט ער זיך צו אונז געווענ־דעט אין אַ פֿריידלעכן טאָן: מיר וועלן איצט נישט פֿירן קיין דיסקוסיעס, נישטאָ קיין צייט. מיר מוזן נאָך היינט אָפּטאָן אַ גרויסע אַרבעט''*).

די „לינקע'' — דאָס איז געווען די גרופּע „יונגע'' מיט זאַקסן בראַש. ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען, האָבן שוין אין יאָר 1903 זיך גענומען אויסטיילן די מיינונג־פֿאַרשידנקייטן וועגן דער באַציונג צו דער רוסישער אַר־בעטער־באַוועגונג און צום פֿרייהייטס־קאַמף אין רוסלאַנד בכלל. צווישן די אויסלענדישע פֿירער און די אינלענדישע טוער זענען די מיינונג־פֿאַרשידנקייטן געוואַקסן אין דער מאָס, ווי ס'זענען רייף געוואָרן אין רוסלאַנד די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. די אינלענ־דישע טוער און די מאַסע, וועלכע האָבן אפֿילו אָנערקענט דעם אומאָפּהענגיקייט־פּאָסטולאַט, האָבן אים נישט אָפּגעגעבן די חשיבות, וואָס די אויסלענדישע פֿירער האָבן אים אָפּגעגעבן. ס'איז

*) ש. ע—ן: „צוויי באַגעגענישן מיט יוזעף פּילסודסקיי („צו־קונפֿט'', ניו־יאָרק, 1921, מאַי, זייט 288).

פאַר זיי געווען איינער פון די פּראָגראַם־פאָדערונגען, אָבער דעם קאַמף האָבן זיי פריער פאַר אַלעם געפירט קעגן קאַפּיטאַליזם און פאַר סאָציאַליזם. דער דאָזיקער קאָנפליקט האָט, ווי באַוואוסט, לסוף דערפירט צו דער שפּאַלטונג אין דער פּ. פּ. ס.

אין מערץ 1905 קומט פאָר איינע פון די אָרדנטלעכע קאָנפערענצן פון צ. ק. ר. און וויכטיקערע פּאַרטיי־טוער. די „יונגע" פילן זיך דאָ שטאַרק און זיי באַשליסן צו פאַרוואַנדלען די קאָנפערענץ אין אָרדנטלעכן זיבעטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. די „יונגע" אונטער דער אָנפירונג פון פעליקס זאַקס, אַדאַם בוינאַ, מאַקס האָרוויץ און אַנדערע זענען געקומען צום צוזאַמענפאָר מיט דער בונדישער (לויט איר גייסט) פאָדערונג, אַז די פּ. פּ. ס. זאָל אין די פאַרשטייענדיקע קאַמפן קעגן צאַריזם קאָאָרדינירן אירע כוחות מיטן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט און קעמפן אונטער די לאָזונגען, וואָס פאַראייניקן די גאַנצע רוסלענדישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

די „יונגע" האָבן דערקלערט, אַז זיי רעזיגנירן נישט פון אומאָפּהענגיקייטס־לאָזונג אַלס פּונקט אין פּראָגראַם. זיי פאַרלאַנגען בלויז, אַז דער דאָזיקער פּראָגראַם־לאָזונג זאָל באַטראַכט ווערן ווי אַ ווייטערדיקע אויפגאַבע, וואָס ווערט נישט אַרויסגערוקט אַלס אַקטועלער טאָג־לאָזונג אין דער פאַרשטייענדיקער רעוואָלוציאָנערער פאַרמעסטונג מיטן צאַריזם.

צווישן די „יונגע" און „אַלטע" איז אויפן צוזאַמענפאָר דערגאַנגען אין אַ רייע פראַגן צו אַ קאָמפּראָמיס — ס'איז געווען די ערשטע פאַרמעסטונג צווישן די דאָזיקע 2 אַנטאַגאָניסטישע טיילן אין דער פּאַרטיי. ס'איז געוויילט געוואָרן אַ נייער צ. ק. ר. פון 5 פערזאָן: אַדאַם בוינאַ, יאַן רוטקעוויטש, הענריק מינקעוויטש, וואַלערי סלאַוועק און מאַלינאָוו־סקי. אויך פּילסודסקי ווערט געוויילט אין צ. ק. ר., אָבער צום ערשטן מאָל שטעלט אים דער צוזאַמענפאָר אַ באַדינג — „אויב ער וועט זיך געפונען אין לאַנד"...

לעאָן גאָטליב

מענדל רובינשטיין (מיכעלסאָן)

ש. בּ. פייגנבוים

מיטארבעטער פון די יידישע אָרגאַנען פון פּ. פּ. ס. „ארבייטער" און „פּראָלעטארישע וועלט".

32

די צוזאמענפאַרן פון פ. פּ. ס. און „בונד" אין יאר 1905

די קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציעס פון זיבנטן צוזאַמענפאָר פון דער פּ. פּ. ס. האָבן אויך געפונען אן אָפּשפּיגלונג אין דער שטעלונג צום „בונד". צום ערשטן מאָל ווערט אויף א צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס. פאָרמולירט א טאַקטיק, וואָס איז אויסגערעכנט אויף א דערנענטערונג מיטן „בונד" — ס'ווערט דאָרט אָנגענומען וועגן דעם פאָלגנדיקע רעזאָלוציע.

„דער צוזאַמענפאָר באַשליסט אין די באַציונגען מיט דער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" צו שטרעבן דערצו, זי זאָל אנערקענען די לאָזונגען פון צונויפרופן קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונגען אין וואַרשע און אין ווילנע, און באַפולמעכטיקט דעם צענטראַלן אַרבעטער־קאָמיטעט און די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס צו פאַרשטענדיקן זיך מיטן „בונד" אין איינצלנע קאָנקרעטע פאַלן. דער צוזאַמענפאָר האַלט פאַר וויכטיק (צו) סטאַרען זיך צו מאַכן געמיינזאַמע מיט דער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" מאַי־מאַניפעסטאַציעס אין די ערטער, וואו ביידע אָרגאַניזאַציעס אַרבעטן"*).

וואָס שייך דעם „בונד" האָט ער אויף זיין זעקסטן צוזאַמענפאָר (אָקטאָבער 1905 אין ציריך) ענדלעך זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער אומאָפּהענגיקייט־פראַגע. אין פייער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון גאַנצן רוסלענדישן אַרבעטער־קלאַס און אונטערן איינדרוק פון די אויסגעוואַקסענע מיינונג־פאַרשידנקייטן אַרום דער פראַגע אין דער פּ. פּ. ס. גופא — האָט דער ציריכער צוזאַמענפאָר פון „בונד"

*) „אַרבייטער", נומער 10, יוני 1905, זייט 7.

אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע (איינשטימיק: ביי איין אָפּגע־האַלטענעם):

„צוליב דעם, וואָס דער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פון קאָנגרעס־פּוילן, וועלכער איז אַ טייל פונם פרייהייטס־קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד, צילט און מוז צילן צו דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער רוסישער מלוכה אין פּאָליטישער און סאָציאַלער הינזיכט;

צוליב דעם, וואָס דער קלאַסן־קאַמף אויך אין די אַנדערע 2 אָקופּירטע טיילן (אין עסטרייכישן און דייטשן טייל פון פּוילן — פּ. ש.) צילט אין דער זעלבער ריכטונג — צו דעמאָקראַטיזירן די מלוכה;

צוליב דעם, וואָס גייענדיק אויפן דאָזיקן וועג און צופּאַסנדיק זיך צו די פּאָליטיש־סאָציאַלע באַדינגונגען פון דער געגעבענער מלוכה, איז דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט נישט געצוווּנגען אין זיין פרייהייטס־קאַמף צו אַנערקענען דעם קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון דער פּוילישער מלוכה פאַר נויטיק, נאָך מער דערפאַר, וואָס די פאַרווירקלעכונג פון דאָזיקן ציל איז אָפּהענגיק פון דער צופעליקייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער קאָניונקטור, וועלכע לאָזט זיך נישט פאָרויסזען —

אַנערקענט דער 6־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" פאַר נישט דערלאָזבאַר איינצושליסן אין פּראָגראַם פון דער ס. ד. די פאָדערונג אָפּצובויען פּוילן. דער צוזאַמענפאָר געפינט, אַז די אַגיטאַציע לטובת דעם דאָזיקן לאָזונג איז בלויז מסוגל צו דערווייטערן דעם פּראָלעטאַריאַט פון פּוילן פונם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער רוסישער מלוכה — אַ קאַמף, וועלכן ס'פאָדערט פון אים ענערגיש זיין אייגענער קלאַסן־אינטערעס; אַזאַ אַגיטאַציע איז בלויז מסוגל איינצושלעפערן זיין קלאַסן־באַוווּסטזיין און צעשטויבן די כוחות פון דער רעוואָלוציע.

דער 6־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אַנערקענט, אַז די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט פון פּוילן פאָדערן אַ דעמאָקראַטישע

איבערבוווּנג פון דער רוסישער מלוכה, אַ ברייטע רעכטלעך־פּאָליטישע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע".*)

מיר ברענגען דעם גאַנצן טעקסט פון דער רעזאָלוציע, ווייל דווקא זי באַווייזט, אַז קעגן דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן אַלס אַזעלכער האָט דער „בונד" זיך נישט אַרויסגעזאָגט אויך אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע.

אוודאי קען דער אָדער יעדער אויסדרוק פון דער רעזאָלוציע זיין שלעכט פאָרמולירט, אוודאי האָט דער אָדער יענער יחיד געקענט איבערזאָלצן ביים אינטערפּרעטירן די רעזאָלוציע. אָבער די רעזאָלוציע אַלס אַזעלכע זאָגט זיך נישט אַרויס קעגן דער אומאָפּהענגיקייט אַלס אַזעלכער, נאָר קעגן פירן אַ קאַמף פאַר איר.

דווקא היינט, אין ליכט פון די אומשטענדן, ביי וועלכע די אומאָפּהענגיקייט האָט זיך רעאַליזירט, באַשטעטיקט זיך די ווייטזיכטיקייט פון דער רעזאָלוציע פון 6־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" וועלכע האָט ריכטיק פעסטגעשטעלט, אַז „די פאַרווירקלעכונג פון דאָזיקן ציל איז אָפּהענגיק פון דער צופעליקייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער קאָניונקטור, וועלכע לאָזט זיך נישט פאָראויסזען".

און באמת: ווער האָט געקענט פאָרויסזען די סיטואַציע פון יאָר 1918—1919, ווען פּוילן האָט צוריקגעווינען איר מלוכהשע זעלבשטענדיקייט אַדאַנק דער גליקלעכער פּאָליטישער קאָניונקטור, וואָס האָט זיך דאַן געשאַפן במעט מיטן גלייכצייטיקן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין אַלע 3 לענדער, וואָס האָבן אָקופּירט פּוילן העכער 120 יאָר?

*) מיר ציטירן די רעזאָלוציע פון פוילישׁ לויט דער בונדישער אויסגאַבע „נאַשע האַסלאָ", נומער 2, אַפּריל 1906, זייט 8.

33

די פ. פ. ס. שפאלט זיך

נאָך אַ גאַנצער רייע קאָמפּראָמיסן צווישן די „יינגע" און „אַלטע" דערגייט לסוף אין דער פּ. פּ. ס. צו אַ שפּאַלטונג.

דער ניינטער צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ.ס. אין נאָוועמבער 1906 אין ווין איז דער שיידוועג פאַר ביידע ריכטונגען אין דער פּאַר־טיי. די מערהייט פון צוזאַמענפאָר (די „יינגע") שליסט אויס פון דער פּאַרטיי די גאַנצע אָנפירונג פון דער „באָיוווקע" („ווידזשאַל באָיאָווי"), וועלכע האָט פון אַכטן צוזאַמענפאָר אָן (לעמבערג, פעברואַר 1906) זיך געפירט ווי אַ פּאַרטיי אין אַ פּאַרטיי, נישט פאָלגנדיק די באַשלוסן פון צ. ק. ר. (די אָנפירונג פון „ווידזשאַל באָיאָווי" איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אין זיין טעטיקייט נאָך פאַרן ווינער צוזאַמענפאָר).

דער ווינער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אין דער דאָזיקער פראַגע די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין אַכט, אַז דער קאַמף־אָפּטייל („ווידזשאַל באָיאָווי") האָט געפירט אַ פּאָליטיק און טאַקטיק, וואָס איז געווען אין בולטער סתירה צו דער פּאָליטיק פון דער גאַנצער פּאַרטיי; אַז ער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון אויסטיילן די פּוילישע רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דער גאַנצער באַוועגונג פון דער גאַנ־צער רוסישער מלוכה; אַז די דאָזיקע דאָמינירנדיקע אין אים שטרעבונג האָט אים געשטויסן אויפן וועג פון פּאַרטיזאַנישער אַקציע אין אַזעלכע מאָמענטן, בעת וועלכע זי איז נישט געווען פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג און מיט די אינטערעסן פון דער מאַסן־באַוועגונג און איז אָפט געשטאַנען צו זיי אין אַ שאַרפער סתירה; אַז די ריכטונג, וואָס דער „ווידזשאַל באָיאָווי" האָט זיך

באַמיט צו געבן דער קאַמף־אַקציע, נישט נאָר, וואָס זי פאַרגרעסערט נישט די שאַנסן פון דער צוקונפטיקער באַוואָפנטער מאַסן־רעוואָלוציע, נאָר פאַרקערט — פאַרקלענערט זיי; נעמענדיק ווייטער אין אכט, אַז די דאָזיקע באַזונדערע טאַקטיק איז געקומען צום אויסדרוק אין שטענדיקע קאָנפליקטן פון די פירער פון דער ,,באָיאָוער'' אָרגאַניזאַציע מיט די צענטראַלע פאַרטיי־אינסטאַנצן, קאָנפליקטן, וואָס זענען דערגאַנגען צו באַוווסטזיניקן ברעכן די פאַראָרדנונגען פון צ. ק. ר. אין פראַגן פון ערשטראַנגיקער באַדייטונג;*) אַז די ,,באָיאָוועע'' קאָנפערענץ, וואָס איז גערופן געוואָרן דורכן ,,ווידזשאַל'', וועלכער איז געוואָרן אָפּגעשטעלט אין זיין טעטיקייט, האָט געשטעלט דעם צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי אַן אולטימאַטום, באַשליסנדיק גלייכצייטיק זיך נישט אונטערצוגעבן דעם באַשלוס פון צוזאַמענפאָר, ווען דער לעצטער זאָל אויספאַלן נישט גינסטיק —

שטעלט פעסט דער צוזאַמענפאָר, אַז די מיטגלידער פון אָפּגעשטעלטן ,,ווידזשאַל באָיאָווי'' און אַלע אַנטיילנעמער פון דער ,,באָיאָוועער'' קאָנפערענץ, וואָס סאָלידאַריזירן זיך מיט אים, האָבן דערמיט אַליין זיך געשטעלט אויסער די ראַמען פון דער פּ. פּ. ס.''**)

מחבר פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע איז געווען פעליקס זאַקס***)—ער האָט געהערט צו די דעצידירטע אָנהענגער פון איבערייסן מיט די ,,אַלטע''. דער פאַקט, וואָס צווישן די פירער פון די ,,יונגע'' האָט זיך געפונען אַ ריי פאַרטיי־טוער פון יידישן אָפּשטאַם (פ ע ל י ק ס ז אַ ק ס, מ אַ ק ס ה אָ ר וו י ץ, פ ע ל י ק ס ק אָ ן, ד''ר ע ס ט ע ר אַ ג אָ ל ד ע, ב ע ר נ א ר ד ש אַ פּ י־

---

*) דאָ האַנדלט זיך וועגן דער ,,אַקציעי ביי ר אָ ג אָ וו, וועלכע איז אויסגעפירט געוואָרן קעגן ווילן פון צ. ק. ר.

**) ,,ראָבאָטניקי'' (אָרגאַן פון דער ,,לעוויצעיי''), נומער 200 פון 8 דעצעמבער 1906, זייט 5.

***) אין די אַרכיוון און פראָטאָקאָלן איז דאָס נישט פאַרנאָטירט. אַ רייע פּ. פּ. ס.ישע היסטאָריקער גיבן אָן זאַקסנס נאָמען מיט אַ רעזערוו. מיר בויען אונזער פעסטשטעלונג אויף אַ דערקלערונג פון זאַקסן גופא.

ראַ, פּ אַ ווע ל לעוויגסאָ ן א. א.), איז שפּעטער אויס־
גענוצט געוואָרן דורך אַ רייע היסטאָריקער און פּובליציסטן אויף
אויסצובויען אַ טעאָריע, אַז „ס'גאַנצע אומגליק" האָט זיך גענומען
פון די יידן, וואָס זענען געווען פרעמד דעם אומאָפּהענגיקייט־
אידעאַל.

אַנטאָני אַנוש, איינער פון די אַמאָליקע פּ. פּ. ס.ישע
טוער, האָט עם די לעצטע יאָרן — ווען ער איז שוין נישט געווען
קיין סאָציאַליסט — פאָרמולירט אַזוי:

„אַ גאָר גרויסע, און איבערוויגנדיקע מערהייט האָבן דאָ גע־
בילדעט יינגע מענטשן, אין אַ באַדייטנדיקער טייל יידן. זיי זענען
בלי־ספק געווען פול מיט רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. זיי זענען
אָבער געווען פרעמד דער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט באַגייסטערט
די גרינדער פון דער פּ.פּ.ס. זיי זענען נישט געווען באַהאַפטן מיט די
טראַדיציעס פון דער פּאַרטיי. ס'האָט זיי געפעלט פּאָליטישע און גע־
זעלשאַפטלעכע שולונג, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם עצם פון
פּאַרטיי־פּראָגראַם און זיי זענען נישט געווען מסוגל זיך דורכצו־
דרינגען מיט זיין גייסט".*)

די דאָזיקע טעאָריע, וועלכע ס'האָלט אונטער פּילסודסקים ביאָ־
גראַף פּאָבוג־מאַלינאָווסקי, איז נישט ריכטיק סיי
אין איר מעריטאָרישן צוגאַנג צו די באַהאַנדלטע פּראָגן און סיי
אין ציטירן פאַקטן, אויף וועלכע די טעאָריע ווערט געבויט.

די מערהייט פירער פון דער פּאַרטיי אין די יאָרן 1905—
1906, די אַזויגערופענע „יינגע", זענען פּאַקטיש גאָרנישט געווען
אַזוי יינג אין דער פּאַרטיי — סיי די יידן און סיי די נישט־יידן.
פעליקס גאַלדע האָט געהערט צו די עלטסטע טוער, פעליקס
קאָן איז דאַן געהאַט צוריקגעקומען פון סיביר, אָבער קיין יינגער
אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז ער דאָך נישט געווען,
מאַקס האָרוויץ האָט שוין צוזאַמענגעאַרבעט מיט פּיל־
סודסקין אין די ניינציקער יאָרן, דאָסזעלבע אויך — אַדאָם
בוינאַ, פעליקס זאַקס און יאַן רוטקע־

*) „פּאָלסקאַ זבראָינאַיי פון 19־טן מערץ 1929 (נומער 77).

ווי מ ש. וואָס שייך דער אָנצוהערעניש, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די דאָזיקע פירער, וואָס זענען געווען „פרעמד דער אידעאָלאָגיע", זענען געווען יידן — איז גענוג צו דערמאָנען דעם כאַראַקטעריסטישן פאַקט, אַז אויפן צענטן צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי (דעמאָלט־שוין: „פּ. פּ. ס.־לעוויצע") זענען גראָד די דעלעגאַטן פון יידישן „ווידזשאַל" געווען די עקסטרעמסטע קעמפער פאַר איינהאַלטן אין פראָגראַם דעם אומאָפּהענגיקייט־לאָזונג*).

*) זע דאָס זאַמלבוך „פּ. פּ. ס. 1892—1932", וואַרשע, ז. 93.

34

ליקווידאציע

ס׳וואָלט זיך געלאָזן נאָך פיל שרייבן וועגן די באַציונגען פון „בונד׳׳ מיט ביידע צעשפּאָלטענע טיילן פון דער פּ. פּ. ס. נאָך דעם ווינער שפּאַלטונגס־צוזאַמענפאָר פון סוף 1906. אָבער דאָס גייט שוין אַרויס פון די ראַמען פון אונזער היינטיקער אַרבעט און מיר וועלן דעריבער בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף די לעצטע אַקאָרדן פון דער „יידישער אַרבעט׳׳ פון דער פּ. פּ. ס.

פּילסודסקי געהערט פון יאָר 1909 ביזן יאָר 1914 צו דער אָנפירונג פון דער נייער פּאַרטיי, וואָס ער שאַפט — צום צ. ק. ר. פון דער „פּ. פּ. ס.־ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע פ ר אַ ק צ י ע׳׳. אָבער — ווי דער לעזער האָט עס געקאָנט זען אין ערשטן טייל פון אונזער בוך — ער פאַרנעמט זיך אַלץ מער מיט מיליטערישע פראַגן און זיין באַרירונג מיט דער „יידישער אַרבעט׳׳ ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַכער. בפרט, אַז די רעוואָלוציאָנערע פראַקציע׳׳ האָט נישט באַוויזן מיטצוציען מיט זיך קיין גרעסערע צאָל יידישע מיטגלידער פון דער פריערדיקער פּ. פּ. ס.

דער יידישער „ווידזשאַל׳׳ איז געבליבן ביי דער „פּ. פּ. ס.־לעוויצע׳׳. זי האָט אַרויסגעגעבן נאָך 15 נומערן „אַרבייטער׳׳ און 9 נומערן „פּראָלעטאַרישע וועלט׳׳, וועלכע האָט אָנגעהויבן אויפסנייי דערשיינען נאָך דער שפּאַלטונג.

דער „אַרבייטער׳׳ האָט זיך ליקווידירט אין פרילינג 1907, די „פּראָלעטאַרישע וועלט׳׳ — אין הערבסט פון זעלבן יאָר. די נשמה פון ביידע אויסגאַבן איז געווען מ י כ אַ ל ק ר ו ל, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 31 אויגוסט 1907 און פאַרמשפּט גע־

וואָרן פאַר רעדאַגירן דעם „אַרבייטער'' צו 12 יאָר קאַטאָרגע (איצט וואוינט ער אין וואַרשע און שטייט ווייט פון פּאָליטישן לעבן—פון פאַך איז ער אַן אינזשיניער).

זייער טראַגיש האָט געענדיקט איינער פון די דרוקער, וואָס האָט געאַרבעט ביים „אַרבייטער'' — ה י ר ש ר אָ ג אָ ו ו („גוס־טאַוו''). ס'האָט אים „פאַרשיט'' דער באַקאַנטער ראַדאָמער פּראָ־וואָקאַטאָר ה אַ ר ע וו י ט ש („סאַם'') — דערזעלבער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן מירעצקין („מאָנטוויל'') און איז אין אומאָפּהענגיקן פּוילן דערשאָסן געוואָרן דורך אומבאַקאַנטע נקמה־נעמער (אין יאָר 1935 אין ז ש י ר אַ ר ד אָ ו). דעם 4־טן יוני 1909 איז איבער ראָגאָוון אויסגעפירט געוואָרן אַ טויט־אורטייל.

די „פּראָלעטאַרישע וועלט'' האָט רעדאַגירט פּ י ל י פּ ק ר אַ נ ץ (יעקב ראָמבראָ), איינער פון די פּרוכטבאַרסטע און עלטסטע סאָ־ציאַליסטישע יידישע שרייבער, וועמענס נאָמען מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיט זיינע אַרטיקלען אין דער ערשטער „פּראָלעטאַרישע וועלט'' (1902—1903) און אין צוזאַ־מענהאַנג מיט דער „יידישער סאָציאַליסטישער פּאָסט פון אַמעריקע קיין פּוילן''.

ס'איז שווער פעסטצושטעלן מיט דער גאַנצער פּינקטלעכקייט, וואָס ס'האָט געצויגן קראַנצן צו דער פּ. פּ. ס. אַ געבוירענער אין ווילנער געגנט, האָט ער שוין אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן געלעבט אין אויסלאַנד (פראַנקרייך, ענגלאַנד, פאַראייניקטע שטאַטן). אַ פאַקט איז, אַז קראַנץ פאָרט אַראָפּ אין 1906 קיין פּוילן און רע־דאַגירט דאָ די ערשטע נומערן „פּראָלעטאַרישע וועלט'' פון דער „לעוויצע''. קראַנצס סימפּאַטיעס צו פּ. פּ. ס. באַגרינדן זיך אפשר מיט זיין אַלגעמיינער משכּיליש־אַסימילאַטאָרישער איינשטעלונג צו די פראַגן פון יידישן לעבן (אויך אין אַמעריקע) *).

---

*) ביים באַאַרבעטן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז דעם מחבר אויסגעקומען זיך צו באַנוצן אויך מיט ז. ר ײ ז י נ ס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטורי" און מיט פרוי ז ש אַ נ נ אַ ק אָ ר־מ אַ נ ס „מאַטעריאַלן צו דער ביבליאָגראַפיע פון סאָציאַליסטישע

די פ. פ. ס. — סיי די „לעוויצע" און סיי די „פראַקציע" — האָבן דורכגעמאַכט ביז דער אַנטשטייאונג פון אומאָפּהענגיקן פוילן נישט ווייניק גלגולים, שפּאַלטונגען און פאַרייניקונגען. די היינטיקע פּ. פּ. ס. איז דער יורש פון דער „פראַקציע" פון פאַר דער וועלט־מלחמה, די דעמאָלטיקע „לעוויצע" האָט אין די לעצטע טעג פון 1918 זיך פאַרייניקט מיט דער ס. ד. ק. פּ. ל. אין איין קאָמוניס־טישע פּאַרטיי.

וואָס שייך יידישע אַרבעטער, האָט די „פראַקציע" לכתחילה זיי געהאַט זייער ווייניק. די „לעוויצע", וועלכע האָט בעת דער שפּאַלטונג אין נאָוועמבער 1906 צוגענומען כמעט דעם גאַנצן יידישן „ווידזשאַל" (ער האָט דאַן געציילט — לויט די אָפיציעלע באַריכטן צום שפּאַלטונג־צוזאַמענפאָר —5200 מיטגלידער) און דעם „אַרבייטער" (ער האָט זיך דאַן געדרוקט אין בערך 10 טויזנט עקזעמפּלאַרן), האָט מיט דער צייט געמוזט ליקווידירן די „יידישע אַרבעט". אויפן קבר פון דער „יידישער אַרבעט" פון פּ. פּ. ס. האָט איינער פון אירע היסטאָריקער געשטעלט פאָלגנדיקע מצבה:

„וואָס שייך דער יידישער אַרבעט בכלל — שרייבט פ ע ל י ק ס פ ע ר ל אין זיין „געשיכטע" — זענען געווען מאָמענטן, ווען פּ. פּ. ס. האָט געהאַט גענוג ערנסטע פאַרבינדונגען צווישן די יידי־שע אַרבעטער. ווי ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, זענען די דאָ־זיקע פאַרבינדונגען געווען אויבערפלעכלעכע, נישט קיין פעסטע. מיר האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן אויפן דאָזיקן געביט קיין קאָנקורענץ מיטן „בונד". שפּעטער — אין פעריאָד פון דער רע־וואָלוציע פון 1905 — האָט דאָס איבערגענומען די פּאַרטיי דורך דער אַזוי־גערופענער „לעוויצע", וועלכע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אומאָפּהענגיקייט, אינגאַנצן פאַרניכטעט די איינפלוסן פון פּ. פּ. ס.

דרוק־זאַכן אין פוילן אין די יאָרן 1866—1918''. ווען ס'האַנדלט זיך וועגן פ. קראַנצס ביאָגראַפיע ביי ריידזינען, זענען דאָרטן פאַראַן — וואָס שייך דער טעטיקייט פון דער פ. פ. ס. — עטלעכע אומ־פּינקטלעכקייטן (וועגן די פ. פ. ס.ישע עקספּראָפּריאַציעס א. אַנד.).

צווישן די יידישע ארבעטער. זיי האָבן אָפן דערקלערט, אַז זייערע אַגיטאַציע - באַדערפעניש וועלן זיי פיל בעסער קאָנען באַפרידיקן אינם „בונד", און אויב די „לעוויצע" זאָגט, אַז מען דאַרף זיך אָפזאָגן פון אומאָפהענגיקייט, טאָ וואָס וועלן זיי טון אין דער פ. פּ. ס.?"*).

דעם קאַמף פאַרן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג האָט געוואונען דער „בונד" און די היינטיקע פּ. פּ. ס. פּרואווט שוין נישט צו קוועסטיאָנירן די רעכט פון יידישן אַר־בעטער־קלאַס אויף אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון די אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע רעכט ווערט איצטער נאָך אַלץ קוועסטיאָנירט פון דער קאָמוניסטישער זייט און דאָס איז אין יאָר 1921 געווען די מניעה פאַר דער דעמאָלט־אַקטועלער קאָנסאָ־לידירונג פון אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־כוחות אין פּוילן.

אָבער — אויך דאָס גייט שוין אַרויס פון די ראַמען פון אונ־זער בוך און מיר וועלן מיטן דאָזיקן קאַפּיטל זיך דאָ נישט פאַר־נעמען.

---

*) ר ע ס : „אַ סקיץ פון דער פּ. פּ. ס.ישער געשיכטע" (אינם פּוילישן זאַמלבוך צום 30־טן יאָרטאָג פון פּ. פּ. ס., וואַרשע, 1923, זייט 7).

35

לעצטער בריוו-אויסטויש (1918)

דעם 6־טן אויגוסט 1914 האָט פּילסודסקי צוזאַמען מיט זיין קליינער גרופּע לעגיאָניסטן אַרויסמאַרשירט צו דער רוסיש־פּוילישער גרענעץ, כּדי זיך צו באַטייליקן אין קריג קעגן צאַרישן רוסלאַנד. זינט דאַן ביז זיין טויט האָט שוין פּילסודסקי ווייניק זיך אינטערעסירט מיט דער יידן־פראַגע אַלס אַזעלכער און נאָך ווייניקער אַרויסגעטרעטן וועגן דעם אין דער עפנטלעכקייט.

די לעצטע באַרירונג פון פּילסודסקין מיטן „בונד" איז צושטאַנד־געקומען אין נאָוועמבער 1918, ווען פּילסודסקי איז געהאַט צוריקגעקומען פון מאַגדעבורג און ער האָט זיך גענומען פאַרמירן אַ רעגירונג.

אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען פון לאַנד — און אויך דער צ. ק. פון „בונד" — ווערן דאַן איינגעלאַדן צו פּילסודסקין אויף אַ געשפּרעך.

דער צ. ק. פון „בונד" דערהאַלט דאַן די פאָלגנדיקע איינלאַדונג:

גערטע הערן!

כּדי זיך אַלזייטיק צו באַזעגען מיט די מיינונגען וועגן באַשאַפן אַ פּוילישע רעגירונג, לאַד איך איין די פאַרשטייער פון אייער פּאַרטיי צו באַזוכן מיך האַלב אַכט נ. מ. אין קראַנענבערג־פּאַלאַץ".

מיט גרויס דרך־ארץ
(—) י. פּילסודסקי *)

---

*) „לעבּוס־פּראַגוי", וואַרשע, נומער 46, יאָר 1918.

אויפֿן דאָזיקן בריוו האָט דער צ. ק. פֿון „בונד" געענטפֿערט מיט אַן אָפּזאָג — דער „בונד" איז צו דער באַשטימטער קאָנפֿערענץ נישט געגאַנגען.

אָט איז דער טעקסט פֿון בריוו פֿון צ. ק. פֿון „בונד" צום דערמאָלטיקן מלוכה־שעף:

„געערטער הער!

אַלס ענטפֿער אויף אייער איינלאַדונג האַלטן מיר פֿאַר נויטיק אייך מיטצוטיילן, אַז אַלס אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פֿאַרנעמען מיר אַ שטעלונג פֿון פּרינציפּיעלער אָפּאָזיציע צו יעדער בירגערלעכער רעגירונג.

מיר האָבן נישט קיין גרונט צו רעכענען, אַז די רעגירונג, וואָס האַלט ביים באַשאַפֿן ווערן דורך אייך, וואָלט געקאָנט אויף אַזוי ווייט אַנטשפּרעכן אונזערע פּרינציפּיעלע פּאָסטולאַטן, אַז אונזער שטעלונג זאָל זיך קאָנען ענדערן.

די געשעענישן פֿון די לעצטע טעג פֿאַרשטאַרקן אונזער דאָזיקע מיינונג: אין משך פֿון די לעצטע 3 טעג האָבן די לעגיאָניסטן מיט דער הילף פֿון דער מיליץ געמאַכט אַ גאַנצע רייע אָנפֿאַלן אויף די אַרבעטער־אינסטיטוציעס — אויף אונזערע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, אויף דעם „גראָסער־קלוב", אויף דער רעדאַקציע פֿון „נאַשאַ טריבונאַ". איינער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען איז פֿאַרמאַכט געוואָרן. קעגן די פֿאַריינס־אָנגעשטעלטע איז מען באַגאַנגען גוואַלט־טאַטן, אַ באַדייטנדיקע צאָל מענטשן איז אַרעסטירט. ווי עס איז צו זען, האָט מען זיך באַמיט צו טעראָריזירן די אַרבעטער־באַוועגונג.

צוליב די אַלע סיבות האַלטן מיר נישט פֿאַר מעגלעך צו דערפֿילן אייער וואונש."*)

די בירגערלעכע יידישע פּאַרטייען האָבן יאָ אָנגענומען די איינלאַדונג. די ציוניסטן און פֿאָלקיסטן האָבן רעפֿערירט פּילסודסקין אַ רייע פֿאָדערונגען פֿון זייערע פּאַרטייען. ווי עס דערציילט נח פּרילוצקי, וועלכער האָט דאַן — צוזאַמען מיט ש. הירשהאָרנען — רעפּרעזענטירט די פֿאָלקס־פּאַרטיי, האָט

*) דאָרט.

די לעצטע ארויסגערוקט צווישן אנדערע די פאָדערונג צו גלייכבאַ־רעכטיקן יידיש. פילסודסקי האָט אויסגעהערט די פאָדערונגען פון די יידישע פאַרטייען און זייערע טענות וועגן די עקסצעסן קעגן יידן, דער סעקרעטאַר האָט אַלץ פאַרנאָטירט — זיין אייגענע מיי־נונג האָט פילסודסקי נישט ארויסגעזאָגט.*)

ווי עס דערציילט לעאָן וואַשילעווסקי, האָט ער דעם 10 נאָוועמבער ארויסגעשיקט צו פילסודסקין אַ בריוו פון קראָקע, אַז ער קומט קיין וואַרשע, כּדי ארומצורעדן מיט אים, פילסודקין, די פראַגע וועגן אַ מיניסטעריום פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן (די ציוניסטן און פאָלקיסטן האָבן באַזוכט פילסודסקין דעם 12 נאָוועמבער 1918).

„איך — דערציילט וועגן דעם וואַשילעווסקי — האָב אָנגע־שריבן צו אים אַ בריוו, אין וועלכן איך האָב אָנגעקינדיקט מיין קומען און איך האָב געמאַכט אַ פאָרשלאָג ארומצורעדן די פראַגע וועגן שאַפן אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט די פראַגן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און פון די „קרעסן" אין פוילן — איך האָב די דאָזיקע זאַך געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק. איך האָב גערעכנט, אַז דער קאָמענדאַנט וועט טאַקע מיר איבער־געבן צו שאַפן אַזאַ אינסטיטוציע, עפּעס כּמו אַ מיניסטעריום פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. ס'איז אָבער געשען אַנדערש. ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע און באַגריסט דעם מיחן און נישט־אויסגעשלאָפענעם קאָמענדאַנט אין דער וווינונג פון די סטאַמי־ראָווסקיס אויף מאַקאָטאָווסקע, איז נישט געווען קיין געלעגנהייט צו באַרירן די פראַגן, וואָס האָבן מיך אינטערעסירט, ווייל אויפן טאָג־אָרדנונג זענען געשטאַנען אַנדערע פראַגן, דעמאָלט פיל וויכ־טיקערע. און מיט עטלעכע טעג שפּעטער — דעם 18־טן נאָוועמ־בער — בין איך אויף מאָראַטשעווסקיס פאָרשלאָג נאָמינירט גע־וואָרן אַלס אויסערן־מיניסטער" **).

---

*) נ ח פ ר י ל ו צ ק י: „צוויי מאָל ביים מאַרשאַל פילסודסקיי („מאָמענטיי פון 17־טן מאַי 1935).

**) ל ע אָ ן װ אַ ש י ל ע װ ס ק י: „יוזעף פילסודסקי, ווי איך האָב אים געקענט", זייטן 154—155.

אין יענע חדשים האָט פּילסודסקי נישט געהאַט קיין געהויבע־נע מיינונג וועגן דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. אויף דער מזרח־גרענעץ איז כּסדר געווען אומרויק — ס'זענען כּסדר פאָר־געקומען צוזאַמענשטויסן מיט דער באָלשעוויסטישער אַרמיי. אין אַ רייע אַנטיסעמיטישע צייטונגען האָט מען געהעצט קעגן דער יידי־שער באַפעלקערונג פון די „קרעסן", אַז זיי באַגיסן די פּוילישע זעלנער מיט קאָכעדיק וואַסער, שיסן פון די פענסטער א. ד. גל. זעט אויס, אַז דער מלוכה־שעף האָט זיך אויך איבערגענומען מיט דיזאָזיקע קלאַנגען. פּריליננ 1919 שרייבט ער וועגן דעם אין אַ בריוו צו פּאַדערעווסקין:

„פיל ערגער איז געווען מיט די יידן, וועלכע זענען ביי דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט געווען אַ רעגירנדיקער שיכט. מיט גרויס מי האָב איך נישט דערלאָזן צו אַ פּאָגראָם, וועלכער איז פּשוט געהאַנגען אין דער לופטן צוליב דעם, וואָס די יידישע צי־ווילע באַפעלקערונג האָט געשאָסן פון די פענסטער און דעכער און געוואָרפן פון דאָרטן האַנט־גראַנאַטן" *).

מער־ווייניקער אין דערזעלבער צייט האָט באַזוכט דעם מלוכה־שעף נח פּרילוצקי, דער סעקרעטאַר פון דער דעמאָלטיקער סיים־קאָמיסיע אויסצופאָרשן די באַקאַנטע פּינסקער טראַגעדיע, ווען ס'זענען דערשאָסן געוואָרן 34 דאָרטיקע יידן. ווי פּרילוצקי גיט איבער, זאָל פּילסודסקי האָבן פאַר אים דערקלערט, אַז אויך ער גלויבט נישט אין די געשיכטעס וועגן יידן, וואָס שיסן פון פענ־סטער אויפן פּוילישן מיליטער. פּרילוצקיס פעסטשטעלונג איז אין פולשטענדיקער סתירה צום אָקאָרשט־ציטירטן בריוו.

„אין פאַרלויף פון וויטערדיקן געשפּרעך — דערציילט נח פּרילוצקי וועגן יענער אוידיענץ — טיילט דער מלוכה־שעף מיט: אָפיצירן אינפאָרמירן אים, אַז צווישן דער יידישער יוגנט אין די ראַנד־געגנטן איז שטאַרק פאַרשפּרייט דער קאָמוניזם. ער וואָלט גריילעך וועלן וויסן די סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג" **).

*) דאָרט, זייט 182.

**) נ ח פּ ר י ל ו צ ק י: „צוויי מאָל ביים מאַרשאַל פּילסודסקי" („מאָמענט" פון 17־טן מאַי 1935).

ווען פּרילוצקי האָט דערויף געענטפערט, אַז „די יידישע יוגנט אין יענע קאַנטאָן איז שטענדיק געווען סאָציאַליסטיש געשטימט און איצט קען מכּל־שכּן נישט זיין אַנדערש" און אַז „נישט אַלע מיליטער־לייט זענען אַזוי פיל אינטעליגענט, צו קענען אונטערשיידן צווישן סאָציאַליזם און קאָמוניזם, און ביי זיי איז יעדער מענטש מיט ראַדיקאַלע אָנשוידנגען אַ קאָמוניסט" — זאָל דער מלוכה־שעף דערויף האָבן געענטפערט, אַז אַזאַ סיטואַציע איז גאַנץ מעגלעך.*)

אין משך פון די שפּעטערדיקע יאָרן — ביזן יאָר 1926 — האָט מאַרשאַל פּילסודסקי זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער יידן־פראַגע אומגעהויער זעלטן. פאַרבייגייענדיק פלעגט ער טיילמאָל אויסטוישן אַ פּאָר ווערטער מיט אַ יידישער דעלעגאַציע. איינמאָל — פאַר דער מאַי־איבערקערעניש, אין מערץ 1926—האָט ער געפירט אַ געשפּרעך מיט אַ דעלעגאַציע פון יידישער אַסימילאַטאָרישער פּילסודסקיש־געשטימטער יוגנט, וועלכער ער האָט דערקלערט, אַז פון זיינע לעגיאָנען־דערינערונגען דערמאָנט ער זיך אַ ריי העלדישע יידישע לעגיאָניסטן **). דאָס זעלבע האָט ער אַ צווייט מאָל דערקלערט אַ יידישער דעלעגאַציע בעת איינעם פון די לעגיאָניסטן־צוזאַמענ־

---

*) דאָרט.

**) קיין גאַנץ פּינקטלעכע ציפערן וועגן אָנטייל פון יידן אין פילסודסקיס לעגיאָנען זענען נישט פאַראַן. סיזענען אָבער באַקאַנט אַ ריי נעמען פון יידישע לעגיאָניסטן פון גאַליציע און פון קאָנגרעס־פוילן, וועלכע זענען אומגעקומען אויפן פראָנט. סך־הכּל זענען געפאַלן אין די לעגיאָנען 38 יידן. אין פילסודסקיס „קאַדרווקעיי (די ערשטע אָפּטיילונג פון די לעגיאָנען, וואָס האָט אַרויסמאַרשירט אונטער פילסודסקיס אָנפירונג דעם 6־טן אויגוסט 1914 פון קראָקע צום פראָנט) זענען אויף 168 זעלנער געווען אָנדערטהאַלבן צענטליק יידן, פון וועלכע די מערהייט האָט זיך גיך דערדינט צום אָפיצירן־ראַנג. אין היינטיקן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פוילן ווירקן זייער פיל פערזאָנען פון יידישער אָפּשטאַמונג (דער פרעזעס פון דער העכסטער מלוכהשער קאָנטראָל־קאַמער גען. פּ י ע ר ש ט ײ ן ־ ק ז ש ע מ י נ ס ק י, דער היינטיקער קראָקעווער שטאָט־פּרעזידענט דר. ק אַ פּ ע ל נ ע ר ־ ק אַ פּ ל י צ ק י,

פאַרן אין לעמבערג — וועגן פּאָליטישע פראַגן האָט דער מאַרשאַל אויסגעמיטן צו רעדן מיט די דעלעגאַציעס.

דאָס איינציקע מאָל, ווען מאַרשאַל פּילסודסקי האָט עפנטלעך געלאָזן פאַלן אַ פּאָר ווערטער וועגן יידן, איז געווען בעת זיין פאַר־לעזונג דעם 30־טן יאַנואַר 1924 — איין אָפּזאַץ פון דער דאָזיקער פאַרלעזונג האָט ער געווידמעט דעם גרויסן אַנטייל פון די יידן אין דער „פּאָווסטאַניע" פון יאָר 1863.

די באַציונג פון מאַרשאַל פּילסודסקי צו דער יידן־פראַגע אין פּעריאָד פון די לעגיאָנען, אין די ערשטע יאָרן פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט און נאָך דער מאַי־איבערקערעניש זענען אַ טעמע, וואָס דאַרף באַהאַנדלט ווערן באַזונדער. אונזער בוך נעמט דעם דאָזיקן פּעריאָד נישט אַרום.

די הויכגעשטעלטע מלוכה־לייט מ י נ ק אָ ו ו ס ק י, ל י ל י ע נ פ ע ל ד ־ ק ז ש ע ו ו ס ק י, פּולק. א יי ל ע א. אַ.), וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער קאַריערע אין די לעגיאָנען.

ערב דעם 6־טן אויגוסט 1914 איז אין געוויסע יידישע קרייזן אין גאַליציע אפילו אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן שאַפן אַ ספּע־ציעל ־ יידישע אָפּטיילונג ביי פּילסודסקיס לעגיאָנען. ווי סידער־ציילט פּראָפ. מ א י ר ב אַ ל אַ ב אַ ן, האָט זיך אין לעמבערג אפילו שוין געהאַט פאָרמירט אַזאַ אָפּטיילונג, וועלכע האָט אָבער אָנגע־טראָפן אויף אַ רייע שוועריקייטן און דער ענין האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט. ווי סיגיט איבער דר. י. ש אַ צ ק י, איז דערזעלבער געדאַנק מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער אַנטשטאַנען ביי עטלעכע יידישע אַסימילירטע יינגעלייט, אָבער אויך דאָסמאָל איז די זאַך ענדגילטיק נישט צושטאַנדגעקומען.

III

דאָקומענטן

/בײלאגעס/

ערשטע ביילאַגע

ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ סאָציאַליסט

פּילסודסקיס אויטאָביאָגראַפיע

(געדרוקט אין דער גאַליציאַנער סאָציאַליסטישער צייט־שריפט פאַר שול־יוגנט „פּראָמיען" אין יאָר 1903 — שפּעטער פיל מאָל איבערגעדרוקט און אַרויסגעגעבן אויך אין בראָשור־פאָרם)

כ'האָב זיך אָנגערופן סאָציאַליסט אין יאָר 1884. כ'זאָג — כ'האָב זיך אָנגערופן, ווייל דאָס האָט נאָך לחלוטין נישט געהייסן, אַז דערמיט האָב איך שוין דערוואָרבן אומבויגזאַמע און פאַרפונדעוועטע איבערצייגונגען וועגן דער ריכטיקייט פון דער סאָציאַליסטישער אידעע. כ'בין דאַן געווען אין ווילנער גימנאַזיע, כ'האָב געהערט צו אַ קרייז „ספּאָיניאַ", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן עטלעכע יאָר פאַר דעם, און צוזאַמען מיט מיינע קאָלעגן בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער מאָדע, וואָס אונזערע עלטערע קאָלעגן, סטודענטן פון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, האָבן אונז אַראָפּגעבראַכט. כ'בין אָפן מודה, אַז דאָס איז געווען אַ מאָדע, ווייל אַנדערש איז מיר שווער אָנצורופן די דעמאָלטיקע עפּידעמיע פון סאָציאַליזם, וועלכע האָט באַהערשט די מוחות פון דער יוגנט, וואָס איז געווען געשטימט רעוואָלוציאָנער אָדער כאָטש אָפּאָזיציאָנעל. די דאָזיקע עפּידעמיע האָט אַזוי ווייט פאַרשפּרייט איר הערשאַפט, אַז קיינער פון מיינע אינטעליגענטערע און ענערגישערע קאָלעגן האָט אין זיין אַנטוויקלונג נישט אויסגעמיטן דורכצוגיין דורכן סאָציאַליסטישן עטאַפּ. איינע זענען שוין געהאַט גע־

וואָרן סאָציאַליסטן, אַנדערע זענען אַריבער אין אַנדערע לאַגערן, נאָך אַנדערע האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעזאָגט פון יעטווידע געזעלשאַפטלעכע אַספּיראַציעס, אָבער יעדער פון זיי איז — ווער לענגער, ווער קורצער — געווען אַ סאָציאַליסט.

רעדנדיק וועגן זיך, מוז איך אַלזאָ קודם־כּל אויפקלערן, פאַרוואָס איך בין צו יענער צייט געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט. איך בין געבוירן געוואָרן אויפן דאָרף, אין אַ שלאַכטעצקער משפּחה, וועמענס מיטגלידער האָבן זיך פאַררעכנט, סיי צוליב זייער אַלטערטימלעכער אָפּשטאַמונג און סיי צוליב דעם סכום באַזעסענע ערד, צו יענע, וועלכע מ'האָט אַמאָל גערופן bene nati et possesionati*) אַלס אַ possesionatus**) האָב איך לאַנג נישט געוווּסט פון קיין זאָרג וועגן מאַטעריעלע זאַכן און כ'בין געווען אַרומגערינגלט אין מײַנע קינדער־יאָרן מיט אַ געוויסן קאָמפאָרט. און ווײַל אין שטוב בײַ אונז איז געווען אַ סך קינדער און די עלטערן זענען צו אונז געווען זייער מילד און זייער האַרציק, וואָלט איך געקענט זיך אָפּרופן וועגן מײַן קינדהייט, אַז זי איז געווען צירלעך־מאַנירלעך. איך וואָלט געקענט — ווען נישט איין גרילץ, אַ גרילץ, וועלכער האָט דעם טאַטנס שטערן פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן, פון דער מוטערס אויגן אַרויסגעפּרעסט אַ טרער און טיף זיך אײַנגעקריצט אין די קינדערשע מוחות. דער דאָזיקער גרילץ איז געווען די פרישע דערינערונג וועגן דער נאַציאָנאַלער מפּלה פון יאָר 1863 (כ'בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1867).

די מוטער, אַן אומבויגזאַמע פּאַטריאָטקע, האָט אפילו נישט געפּרוּווט אויסצובאַהאַלטן פון אונז דעם ווייטאָג און די אַנטוישונגען צוליב דעם דורכפאַל פון דער „פּאָווסטאַניע". פאַרקערט: זי האָט אונז דערציילט, אונטערשטרייכנדיק ספּעציעל די נייטווענדיקייט ווייטער צו קעמפן מיטן פײַנט פון פאָטערלאַנד. פון דער פריסטער קינדהייט אָן האָט מען אונז באַקענט מיט די שאַפונגען פון אונזערע גרויסע דיכטער, ספּעציעל מיט די פאַרבאָטענע שאַפונגען. מען האָט

*) אַ לאַטייניש ווערטל: גוט געבוירן און פאַרמעגלעך.

**) לאַטיין: אַ באַזיצער.

אונז געלערנט פוילישע געשיכטע. מען האט אונז געקויפט אויס־שליסלעך פוילישע ביכער. דער דאזיקער רעוואלוציאנערער פאטריא־טיזם האט נישט געהאט קיין באשטימטע געזעלשאפטלעכע ריכטונג. פון אונזערע דיכטער האט די מוטער אמליבסטן געהאט קראשינ־סקין, מיר האט אבער פון די ייִנגסטע יארן אן אנטציקט סלאוואצ־קי, וועלכער איז טאקע פאר מיר געווען דער ערשטער לערער פון דעמאקראטישע פרינציפן. ביי א קינד זענען זיי, פארשטייט זיך, געווען זייער נישט קלאר און נעפלהאפט, אבער ביי מיין לעבעדיקן און אביסל צו־להכעיסדיקן כאראקטער, האבן זיי זיך פארפעסטיקט מיט יעדן וויכוח, וועלכן די מוטער פלעגט טיילמאל פירן.

אויסער ביכער, וואס האבן געהאט א שייכות צו פוילן, האב איך געלייענט גאנץ שפאר די פארשידנארטיקסטע ביכער, אלץ וואס איז מיר נאר געקומען אונטער דער האנט. דעם שטארקסטן איינ־דרוק האבן געמאכט אויף מיר די ביכער, וועלכע האבן באשריבן דאס לעבן פון די קלאסישע פעלקער — די גריכן און רוימער. מסתּ־מא האט דאס זיך גענומען פון דעם, וואס די דאזיקע ביכער זענען פול געווען מיט פרטים פון קאמפן פארן פאטערלאנד און מיט בא־שרייבונגען פון העראישע מעשים. אויסער דעם בין איך געווען פארליבט אין נאפאלעאנען, און אלץ, וואס האט געהאט א שייכות צו דעם דאזיקן העלד מיינעם, האט מיך גערירט און צעפייערט מיין פאנטאזיע. אלע מיינע טרוימען האבן זיך דאן קאנצענטרירט ארום דער „פאוסטאניע" און די באוואפנטע קאמפן מיט די „מאסקאליעס", וועלכע כ'האב פיינט געקריגן פון גאנצן הארצן. האלטנדיק יעדן פון זיי פאר א מנוּבל און א גנב. איבעריקנס איז דאס לעצטע געווען פולשטענדיק באגרינדעט. צו יענער צייט האט רוסלאנד ארויסגעגאסן אויף ליטע איר אפפאל, די געמיינסטע עלע־מענטן, וועלכע זי האט פארמאגט, און די געשיכטעס וועגן די גע־מיינהייטן און בארבאריזם פון דער דאזיקער הארדע פון מוראַ־יוויאָוון זענען געווען ביי אלעמען אויף די ליפּן.

צוליב פינקלעכקייט מוז איך נאך אונטערשטרייכן, אז פון די פריסטע יארן אן האט די מוטער זיך באמיט צו אנטוויקלען אין אונז די זעלבשטענדיקייט פון טראכטן און געוועקט אין אונז

דאָס געפיל פון זעלבסווירדע, וועלכע האָט אין מיין געדאַנק זיך פאָרמולירט אויף פאָלגנדיקן אופן: נאָר דער מענטש, וועלכער האָט זיכערע איבערצייגונגען און באַווייזט זיי צו פאַרווירקלעכן דורך מעשים, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום קאָנסעקווענצן, איז ווערט דעם נאָמען מענטש.

מיט אַזעלכע שטימונגען און בליקן, אויב קינדערשע געדאַנקען קענען בכלל באַטראַכט ווערן ווי בליקן, האָב איך אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער שול. כ'בין געוואָרן אַ שילער פון דער ערשטער ווילנער גימנאַזיע, וועלכע האָט זיך געפונען אין די מויערן פון אַמאָליקן ווילנער אוניווערסיטעט, דער געוועזענער „אַלמאַ מאַטער" פון מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין. אויסגעזען האָט עס דאָ, נאַטירלעך, אַנדערש ווי אין זייערע צייטן. ס'האָבן דאָ געבאַלעבאַטעוועט — געלערנט און דערצויגן די יוגנט — צאַרישע פּעדאַגאָגן, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אין דער שול אַלע פּאָליטישע לײדנשאַפטן. ס'איז ביי זיי געווען אַ סיסטעם ווי ווייט מעגלעך צו אונטערדריקן די זעלבשטענדיקייט און מענטשלעכע ווירדע פון די תּלמידים. די גימנאַזיע־עפּאָכע איז פאַר מיר געווען אַ מין קאַטאָרגע. וואָס אמת, בין איך געווען אַ גענוג פעיק יינגל. כ'פלעג זיך קיינמאָל נישט איבעראַרבעטן, און כ'פלעג לייכט איבערגיין פון איין קלאַס אין צווייטן, אָבער די אַטמאָספערע פון דער גימנאַזיע האָט מיך געפּרעסט. ס'האָט מיך אויפגערעגט די אומגערעכטיקייט און די פּאָליטיק פון די פּעדאַגאָגן, ס'האָט מיך געמאַטערט און גענודיעט דער לימוד. עס איז גאָרנישט אויסצושרייבן די אומויפהערלעכע דערנידערונגען מצד די לערער, זייער אומויפהערלעך שענדן אַלץ, וואָס כ'האָב מיך צוגעוואוינט צו אַכטן און ליבן. ווי שטאַרק ס'איז געווען דער איינדרוק פון דער דאָזיקער פּעדאַגאָגישער סיסטעם אויף מיין מוח, קאָן מען אורטיילן פון דעם, וואָס ביז איצט נאָך, ווען כ'בין שוין אַדורכגעגאַנגען דורך תּפיסות און סיביר און כ'האָב שוין געהאַט צו טאָן מיט „טשינאָווניקעס" פון פאַרשידענעם מין, שפּילט אין יעדן פריקרען חלום מיינעם אַזאַ אָדער אַן אַנדער ראָלע איינער פון מיינע ליבע ווילנער פּעדאַגאָגן.

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז דער האַס צו די צאַרישע איינ־

ריכטונגען, צום מאָסקווער יאָך, געוואַקסן אין מיר פון יאָר צו יאָר. נישט איינמאָל האָט מיך געשטיקט אַן אומבאַכטיקער צאָרן און ס'האָט מיך געבּרענט אַ חרפּה, וואָס כ'קען די שונאים קיין שום שאָדן נישט בּרענגען, וואָס איך מוז שווייגנדיק פאַרטראָגן דאָס טרעטן מיין כבוד און וואָס כ'מוז אויסהערן ליגנערישע, פאַראַכטנדיקע רייד וועגן פּוילן, וועגן פּאָליאַקן און זייער געשיכטע. דאָס געפיל פון נידערשלאָגנקייט, דאָס געפיל פון אַ קנעכט, וועלכן מען קען יעדע מינוט צעקוועטשן ווי אַ וואָרעם, איז מיר געלעגן אויפן האַרץ ווי אַ מילשטיין. די יאָרן, וואָס איך האָב פאַרבּראַכט אין גימנאַזיע, רעכן איך תמיד צו די אומאָנגענעמסטע אין מיין לעבן.

טרוימענדיק תמיד וועגן דער „פאָווסטאַניע", האָב איך אָנגעהויבּן זיך צו פאַרטראַכטן, פאַרוואָס די ביז־איצטיקע אויפשטאַנדן זיינען נישט געלונגען. קיין אַנטשפּרעכנדיקע ביכער זיינען נישט געווען, פאַרמעגן־דאגות האָבּן אַביסל דערוויטערט מיינע עלטערן פון די קינדער, די עלטערע ווידער האָבּן אין זייערע געשפּרעכן גערעדט זייער ווייניק וועגן דעם לעצטן אויפשטאַנד, און דאָס, וואָס מען האָט יאָ גערעדט, איז מיר געווען דערווידער—מען האָט, נעמלעך, געהאַלטן, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען נישט נאָר אַ פעלער, נאָר אויך אַ פאַרבּרעכן. מיט אַ ספּעציעלן נייגיר האָב איך דעריבּער געלייענט דאָס, וואָס כ'האָב געקענט קריגן וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דעם סאָציאַלן הינטערגרונד פון דער דאָזיקער בּאַוועגונג האָב איך, נאַטירלעך, נישט פאַרשטאַנען, דערפאַר בּין איך געווען אַנטציקט מיט דער התלהבות און רעוואָלוציאָנערער עקשנות, ווי אויך מיטן אָנטייל פון גרויסע פאָלקס־מאַסן. און ווען איך האָב זיך אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס מיר, פּאָליאַקן, האָבּן נישט בּאַוויזן אַרויסצובּאַקומען פון זיך אַזאַ רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, האָב איך געפונען נאָר איין תשובה — מיר זענען געווען און זענען ערגער פון די פראַנצויזן. דאָס איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ, וועלכן ס'האָט בּאַקומען מיין נאַציאָנאַלער שטאָלץ, אָבער דערוואַרט האָט מיך נאָך אַ גרעסערער קלאַפּ. אין יענע צייטן האָט די גאַנצע וועלט געקלונגען מיטן קאַמף פון דער רוסישער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" קעגן צאַריזם. אָפּקלאַנגען פון דאָזיקן קאַמף זענען, נאָר

טירלעך, דערגאַנגען אויך קיין ווילנע, און די העלדישקייט האָט נישט געקענט נישט אימפּאָנירן מיין ראָמאַנטישן קאָפּ. אין פּוילן איז אין דער צייט געווען שטיל. דער „פּראָלעטאַריאַט", וועלכער איז דאַן געווען טעטיק אין וואַרשע, איז געווען אַזוי שוואַך, אַז זיין השפּעה איז כּמעט נישט דערגאַנגען קיין ווילנע, און אויסער דעם „פּראָלעטאַריאַט" איז אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, וועלכע איז געווען אויסגעשעפּט מיטן קאַמף פון יאָר 1863, געווען אַזוי פיל מורא, אַזוי פיל שוואַרצע רעאַקציע, אַזוי פיל אויפרעגונג לגבי יערן לעבעדיקן געדאַנק, אַז דער פאַרגליך פון רוסלאַנד מיט פּוילן איז מיר דאַן תּמיד אויסגעפאַלן לטובת רוסלאַנד. כ'בין מיט דעם פּשוט געווען דערשלאָגן און כ'בין געשטאַנען אויפן שייד־וועג.

טאַקע אין דערדאָזיקער צייט איז געקומען די סאָציאַליסטישע מאָדע. פאַר אונז, ווילנער, איז די דאָזיקע מאָדע געגאַנגען פון מזרח, פון פּעטערבורג. פאַר מיר פּערזענלעך האַלט איך דאָס פאַר אַ גליק. ווען איך וואָלט צו יענער צייט זיך געטראָפן מיטן וואַרשעווער סאָציאַליזם, וועלכער האָט אָפן נעגירט די נאַציאָנאַלע פראַגן און וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער טראַדיציע פון דער „פּאָווסטאַניע", וואָלט איך געווען אַזוי פאַרפאַנצערט קעגן זיינע איינפלוסן, אַז כ'וואָלט צוזאַמען מיט די, לויט מיר, נישט־נייטיקע ביילאַגעס אויך אָפּגעוואָרפן די סאָציאַליסטישע אידעע גופא. דער פּעטערבורגער סאָציאַליזם האָט פון מיר נישט פאַרלאַנגט דעם דאָזיקן קרבן און גלייכצייטיק האָט ער מיר געגעבן אַ געוויסע ריכטליניע, אַ געוויסע וועלט־אַנשויונג, וועלכע האָט זייער לייכט פאַרנומען דעם אָרט פון דער פריערדיקער, נאָכדעם ווי זי איז צעקלאַפּט געוואָרן.

דער פּעטערבורגער, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דער רוסישער סאָציאַליזם פון דעמאָלט, איז לחלוטין נישט געווען דאָס, וואָס מענטשן רופן היינט מיטן דאָזיקן נאָמען. דאָס איז געווען אַ גענוגמשונהדיקער געמיש פון סאָציאַליסטישער קריטיק פון דער בורזשואַזער אָרדענונג מיטן אַנאַרכיסטישן אידעאַל וועגן זעלבספאַרוואַלטנדיקע קאָמונעס און מיט דעם, ביז אַ געוויסן גראַד, רעאַקציאָנערן גלויבן אין רוסישן פאָלק, אין וועלכן ס'האָבן בלומרשט גע־לעבט אין קעגנזאַץ צום בורזשואַזן מערב, קאָמוניסטישע עלעמענטן

אין זייער גאנצן גלאנץ, לגבי אייראָפּע איז דערדאָזיקער סאָציאַליזם געווען היפּער־קריטיש, פאַר רוסלאַנד דאַקעגן איז ער געווען זייער לייטזעליק און אין יענער צייט האָט ער זיך פּשוט פאַרוואַנדלט אין אַ גאַר געוויינלעכן אינטעליגענטישן ראַדיקאַליזם, אין וועלכן דער רוסישער משיחיזם האָט געדינט אַלס אַ מענטעלע צו פאַרדעקן די אומטעטיקייט אויפן געביט פון הויבן דעם באַוואוסטזיין פון רוסישן אַרבעטנדיקן פאָלק.

אין די קעפּ פון דער פּוילישער יוגנט אין ווילנע האָט דערדאָזיקער מאָדנער סאָציאַליזם זיך אָפּגעשפּיגלט אויף פאַרשידענע אופנים. טייל האָבן אונטער זיין איינפלוס פולשטענדיק זיך רוסיפיצירט און איבערגעריסן מיט אַלץ, וואָס איז פּויליש. אַנדערע — און צו דידאָזיקע האָב איך אויך געהערט — האָבן ביז אַ געוויסן גראַד, נאַטירלעך אָן קאָנטראָלע, אויפגענומען די רוסישע באַהויפּטונגען וועגן זייער פאָלק, וועגנדיק אָבער די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויף דער קריטיק פון דער בורזשואַזער אָרדענונג אין אייראָפּע און איבערטראָגנדיק די דאָזיקע קריטיק אויך אויף אונזער אייגענער געזעלשאַפט. אונזער שטודיום פון סאָציאַליזם האָבן מיר געפירט, לייענענדיק פאַרשידענע רוסישע פּובליציסטישע ווערק, די ווערק פון לאַוואַליי און איוואַניוקאָוו. וואָס שייך מיר, האָב איך נישט פאַרטראָגן די רוסישע פּובליציסטיק — די דאָבראָליובאָוס, פּיסאַריעוס, טשערנישעווסקיס און מיכיילאָווסקיס. ס'האָט מיך געלאַנגווייליקט די דאָזיקע אומקלאָרע און נעפּלהאַפטע צעצויגענע רעדעריי מיט אָן אַ שיעור רמזים אויף געשעענישן פון רוסישן געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן, וואָס איז מיר געווען להלוטין פרעמד. עטלעכע פון דידאָזיקע שריפטשטעלער, וועלכע יעדער רוסישער סאָציאַליסט האָט אומבאַדינגט געמוזט אַדורכגיין, האָב איך איבערגעלייענט ערשט אין דער פאַרשיקונג, עטלעכע יאָר שפּעטער, און כ'בין זיך מודה, אַז זיי האָבן מיך תמיד פּשוט איינגעשלעפערט.

אַלס אַזאַ זייער פלאַכער סאָציאַליסט בין איך אַרויסגעפאָרן אין יאָר 1885 אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט. די פּוילישע יוגנט, וואָס כ'האָב דאָ געטראָפן, האָט מיר נישט איימפּאָנירט. זי איז געווען

היפש אפאטיש, אן שום שטארקערע געזעלשאפטלעכע אספיראציעס דערקעגן יענע, וואס האבן אזעלכע אספיראציעס יא פארמאגט, זיינען געווען כמעט אינגאנצן רוסיפיצירט. די רוסישע סטודענטן זיינען געווען לעבעדיקער, רירעוודיקער און ענערגישער. מען האט זיך באמיט מיך ארײנצוציען אין דער סטודענטישער ארגאניזאציע פון דער „נאראדנאיא וואליא", אבער איך האב זיך אנטשלאסן אנטקעגנגעשטעלט, כ'בין בלויז געגאנגען אויף זיצונגען פון עטלעכע זעלבסבילדונג־קרייזן, וואו מיר האבן געלייענט לאווראוון, וועלכער איז פאר מיר געווען אויך געגוג לאנגווייליק. פוילישע ביכער איז דא געווען ווייניק, כ'האב במילא געבענקט נאך ליטע און צו אן אנדער סביבה. אביסל האט מיך עלעקטריזירט די ידיעה וועגן „פראלעטאריאט" אין ווארשע — אקוראט איז דאן פארגעקומען דער פראצעס פון די מיטגלידער פון „פראלעטאריאט" — אבער קיין שום אינפארמאציעס וועגן אים איז מיר נישט געלונגען צו באקומען. כ'בין בלויז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז מען דארף גרינדן עפעס אן ארגאניזאציע, וואס זאל אויסארבעטן א פראגראם פון סאציאליסטישער טעטיקייט אויך ביי אונז אין דער היים.

וועגן מיין פראיעקט האב איך איבערגערעדט מיט עטלעכע ווילנער קאלעגן נאכדעם, ווי איך בין צוריקגעקומען פון אוניווערסיטעט אויף וואקאציעס. די קאלעגן זענען מיט דעם מסכים געווען און ס'האט זיך געשאפן א קרייזל, וואס איז באשטאנען פון פעטערבורגער סטודענטן, פון מיר און עטלעכע קאלעגן, וועלכע זענען נאכן ענדיקן די גימנאזיע געבליבן אין ווילנע. מיר האבן באשלאסן ארויסצוגעבן א העקטאגראפירט בלעטל פאר זיך אליין און צו ארבעטן איבער א פראגראם, וואס זאל אנטשפרעכן די באדערפעניש פון אונזער לאנד. צוליב דעם, וואס די כארקאווער אוניווערסיטעט־מאכט האט צוליב קליינע פארזעענס זיך אפגעזאגט מיך צוצונעמען אויפן פארשטייענדיקן יאר אין אוניווערסיטעט אריין, האב איך באשלאסן דאסדאזיקע יאר צו פארבלייבן אין ווילנע, כדי שפעטער ארויסצופארן קיין אויסלאנד זיך ווייטער לערנען.

צו יענער צייט זענען מיר צום ערשטן מאל ארײנגעפאלן אין

דער האַנט אַריין פּוילישע סאָציאַליסטישע בראָשורן — מ ל אָ ט ב „פון וואָס איינער לעבט" און ליבקנעכטס „צום שוץ און טרוץ". זיי זענען מיר פיל מער געפעלן געוואָרן און זיי האָבן געווירקט אויף מיר איבערצייגנדיקער, ווי די אַנטשפּרעכנדיקע אויסגאַבן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וועלכע כ'האָב געהאַט געלייענט ביז איצטער. כ'האָב צוליב דעם באַשלאָסן זיך צו באַקענען נעענטער מיטן סאָציאַליזם גופא און כ'האָב איבערגעלייענט אויף רוסיש דעם „קאַפּיטאַל" פון מאַרקסן. כ'וועל נישט זאָגן, אַז די האַזיקע לערע זאָל האָבן געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. הגם דער רוסישער איינפלוס איז געווען אויף מיר נישט גרויס, האָט ער פונדעסטוועגן באַוויזן צו מאַכן אַ געוויסע אַנאַרכיסטישע פאַרוויסטונג אין מיין קאָפּ. מאַרקסנס אַבסטראַקטע לאָגיק און די הערשאַפט פון סחורה איבערן מענטש האָבן זיך נישט געפּאַסט צו מיין מוח. די דאָזיקע לערע האָט יעדנפאַלס פאַרטיפט באַדייטנדיק מיינע בליקן אויף דער געזעלשאַפט און אומבאַוואוסט האָב איך אָנגעהויבן אַרונטערפאַלן אונטער דער השפעה פון דער לאַגיש־אויפגעבויטער קאָנצעפּציע פון מאַרקסן.

איבעריקנס האָב איך נישט געהאַט צופיל צייט זיך צו באַשעפטיקן מיט טעאָרעטישע פראַגן. כ'האָב געפירט עטלעכע זעלבסבילדונג־קרייז, כ'האָב אָנגעקנופּט אַביסל באַציונגען מיט ווילנער אַרבעטער, כ'האָב העקטאָגראַפירט אונזער בלעטל. אַרבעט איז געווען איבערגענוג. אונזער קרייזל האָט קיין שום פּראָגראַם נישט אויסגעאַרבעט, ס'איז בלויז געוואָרן פעסטגעשטעלט, אַז מיר אַלע שטרייבן ספּעציעל אונטער די פראַגע פון באַשיצן די באַפעלקערונג פון דער ברוטאַלער, נאַציאָנאַלער אויסראָטונג־פּאָליטיק, וואָס די רוסישע רעגירונג פּראַקטיצירט אין דער ליטע. מיט דער פּוילישער באַוועגונג אין קאָנגרעס - פּוילן האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום שייכות, ווייל דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דער „פּראָלעטאַריאַט" איז געווען פולשטענדיק צעקלאַפּט.

אָנהויב 1887 בין איך אַרעסטירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן, אין וועלכן איך מיט מיין עלטערן ברודער, אַ סטודענט פון פּעטערבורגער אוני־

ווערסיטעט זענען צופעליק פארמישט געווארן. דער ברודער איז אוועק אויף קאטארגע, מיך האט מען פארמשפט אויף 5 יאר פארשיקונג אין מזרח־סיביר. ערשט דא, ווען כ'האב געקענט רואיק טראכטן וועגן אלעם, וואס כ'האב איבערגעלעבט, בין איך געווארן דאס, וואס כ'בין.

קודם־כל האב איך גרינטלעך זיך אויסגעהיילט פון די איבער־בלייבעכצן פון דעמאלטיקן רוסישן איינפלוס, און ביי דער נעענ־טערער באקענונג מיט פיל פארשטייער פון דער רוסישער באוועגונג און מיט דער רוסישער ליטעראטור און רוסישער פובליציסטיק, האב איך אויפגעהערט איבערצושאצן די באדייטונג און דעם כוח פון דער רוסישער רעוואלוציע. כ'האב אזויארום ווי אפגעריניקט פאר זיך א וועג פאר מערב־אייראפעישע איינפלוסן. אין סיביר, וואו די געזעלשאפטלעכע פאקטארן טרעטן ארויס צוליב דעם מאנגל אין קולטור אין זייער גאנצער נאקעטקייט און אן שום פייגנבלעט־לעך, האב איך זיך אויך נעענטער צוגעקוקט צו דער מאשינעריע פון צאריזם און צו דער השפעה, וואס ער האט אויפן מענטשלעכן לעבן אין רוסלאנד גופא, כ'האב נאכמער פיינט געקריגן די דאזיקע אזיאטישע פארזעניש, וועלכע איז פון אויבן אפגעשמירט מיט אייראפעישער פארב. אויסערדעם האבן מיך פארפעסטיקט ביים סאציאליזם די טראכטענישן און ביכער (זייענדיק אנטווישט מיט ספענסערן, האב איך נאכאמאל איבערגעלייענט מארקסן). כ'האב דאן פארשטאנען, אז דער סאציאליזם איז נישט נאר א אידעע פון אידעלע מענטשן, וועלכע טרוימען צו באגליקן די מענטשהייט, נאר, אז ער ווערט א רעאלע באדערפעניש פון א גרויסער מאסע פון ארבעטנדיקן פאלק מיט יענעם מאמענט, ווען די קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע אנטוויקלונג מאכט אים מעגלעך צו פארשטיין די דאזיקע אידעע.

און ווען כ'האב זיך פארטראכט וועגן פאלק, מיט וועלכן ס'האט מיך געבונדן אלץ, וואס פרייט און אלץ וואס טוט וויי, אלץ, וואס טראכט אין מיר און אלץ וואס פילט — פלעג איך קומען צו דער איבערצייגונג, אז מיינע קינדערשע טרוימען און חלומות פאלן זיך צוזאמען מיט מיין יונגטלעכער וועלט־אנשויאונג. א ס א צ י א ־

ליסט אין פוילן מוז שטרעבן צו אומאפ־הענגיקייט פון לאנד, און די אומאפהענ־גיקייט איז א חשובער תנאי פארן זיג פון סאציאליזם אין פוילן.

אין סיביר האב איך זיך באקענט אויספירלעכער מיט די ערשטע טריט פון סאציאליזם אין פוילן. מיינע חברים אויף דער פארשי־קונג זיינען געווען דער חבר לאנדע און נאך עטלעכע מיטגלידער פון „פראלעטאריאט”. אויסער דעם האב איך געהאט די מעגלעכ־קייט איבערצולייענען פיל פוילישע סאציאליסטישע אויסגאבן, וועלכע איך האב נישט געטראפן אין ווילנע.

כ'האב ענדגילטיק באשלאסן אריינצוטרעטן נאכן אומקערן זיך אין לאנד אריין אין „פראלעטאריאט” און זיך באמיען אים צו רעפארמירן אין דער ריכטונג, וועלכע ווערט איצטער גערופן „פ.פ.ס־ישע”. און ווייל כ'בין געווען אפגעריסן פון לאנד און די ווייטערדיקע (נאכן יאר 1887) עוואלוציעס פון סאציאליזם ביי אונז זענען מיר געווען אומבאקאנט, בין איך אין דער צווייטער העלפט פון יאר 1892 אהיימגעקומען מיט דעמדאזיקן באשלוס, און... צו מיין גרויסער פרייד זיך איבערצייגט, אז מיין געפלאנטע רעפארמאטארישע טעטיקייט איז שוין איבעריק.

צווייטע ביילאַגע

פּילסודסקיס ערשטער אַרטיקל װעגן דער ייִדן־פראַגע

(געשריבן אין דער פאָרם פון אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ווילנע צו דער לאָנדאָנער סאָציאַליסטישער צייטשריפט „פּזשעדשוויטיי", אָרגאַן פון דער פּ. פּ. ס. אין אויסלאַנד. אויף דער קאָרעספּאָנדענץ געפינט זיך די דאַטע „ווילנע, 4 מערץ 1893". זי איז געוואָרן אָפּגעדרוקט אין נומער 4 פון „פּזשעדשוויטיי" און אונטערגעשריבן מיט פּילסודסקיס ערשטן ליטעראַרישן פּסעוודאָנים „ראָמ.", מיט וועלכן ער פלעגט אונטערשרייבן זיינע ערשטע קאָרעספּאָנדענצן אין „פּזשעדשוויטיי").

— Le roi est mort, vive le roi*)

גענעראַל קאַכאַנאָוו איז אַוועקגעפאָרן און ס'איז געקומען גענ. אָרזשעשקאָ. דעם 1־טן מערץ האָט אַ המון פון דער „זשידאָסטוואָ" אויסגעפילט די גאַסן, דורך וועלכע דער נייער הערשער פון לאַנד האָט געזאָלט אַריינפאָרן אין זיין הויפּטשטאָט. דער אָרזשעשקאָ האָט מסתמא לחלוטין זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ פייערלעכע אויפנאַמע. מאַסן האָבן אים אָפּגעוואַרט, קעפּ האָבן זיך פאַר אים געבויגן. פאַרן באַן־הויף האָט מען אפילו לכבוד אים געשריגן „הוראַ!" וואָס־זשע איז געוואָרן מיט יענער בונטאַרישער פּראָווינץ,

---

*) פראַנצויזיש: דער קעניג איז געשטאָרבן, זאָל לעבן דער קעניג!

אין וועלכער מען שטעלט איין אויסנאם־געזעצן אויף צו דערהאלטן די רו אין דער מלוכה? און, באמת, טרויעריקע געדאנקען קומען אין קאפ אריין אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיקער אויפנאמע. מיר האבן דא, אין ווילנע, א גוטע העלפט יידישע איינוואוינער, אין אנדערע שטעט דערגייט זייער צאל ביז דריי־פערטל פון דער גאנצער באפעלקערונג, און דידאזיקע גאנצע מאסע האט נישט קיין שום שייכות מיט דער באפעלקערונג, וואס געפינט זיך ארום איר. נאכמער, זי איז אפילו גרייט זיך צו שטעלן קעגן איר. אויב די רוסיפיקאציע פון לאנד האט זינט דעם יאר 1863 געמאכט פאר־שריט, איז עס טאקע געווען צווישן דער יידישער באפעלקערונג. יעדער ייד, וואס וויל כאטש אביסל זיך ארויסשלאגן איבערן מיטל־מעסיקן, גאנץ נידעריקן, מאטעריעלן און גייסטיקן מצב פון זיינע גלויבנס־געגאסן, ווערט א רוס, הויבט אן זיך איבערצונעמען מיט דער מאסקווער קולטור. עס העלפט דא לחלוטין נישט די אזוי אפטע פעטש אין פנים, וואס די רוסישע רעגירונג דערלאנגט די יידן; עס העלפט נישט די פארפאלגונגען און די דערנידערונגען פון דער מענטשלעכער ווירדע. נישט געקוקט אויף דעם אלעם טוליען זיי זיך צו זייערע פארפאלגער און האלטן פאר א כבוד צו זיין דארט, וואו מען ווייזט זיי עפנטלעך אן אויף דער טיר.

de gustibus non est disputandum*)

און נישט וועגן זיי גייט עס מיר.

טרויעריק איז דאס, וואס דער יידישער פראלעטאריאט אין אדער פולשטענדיק גלייכגילטיק צו אלגעמיין־געזעלשאפטלעכע ענינים, אדער — אויב ער ווערט שוין אויפגעקלערט — ווערט די דאזיקע אויפקלערונג געפירט אין א ריכטונג, וואס איז פאלש צוליב פיל טעמים. די דאזיקע ריכטונג באשטייט אין אויסמיידן פאליטישע פראגן בכלל און גאנץ באזונדערס — די פאליטיק פון דער פויליש־ליטווישער סאציאליסטישער באוועגונג. דאס אפזאגן זיך פון פאליטישער טעטיקייט אליין וואלט געווען א טעות, אבער געוויסע פארמען פון דעם דערפירן די זאך ווייטער און צוליב די

**) לאטיין: וועגן געשמאק־זאכן דיסקוטירט מען נישט.

עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען זענען זיי וואָסער אויף דער מיל פון דער רעגירונג. איך רעד דאָ וועגן דער רוסיפיקאַציע אין הינזיכט פון קולטור און שפּראַך. די באַוועגונג, וואָס עקזיסטירט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט, שטעלט זיך אַזויאַרום אַוועק אויף אַ פול־שטענדיק־אָפּגעזונדערטער און איזאָלירטער פון די לאָקאַלע באַדינגונגען פּאָזיציע, און ס'ווערט איר שווער צו גיין צוזאַמען מיט דער באַוועגונג, וועלכע עקזיסטירט אָדער וועט עקזיסטירן צווישן קריסטלעכן אַרבעטער־קלאַס אין ליטע. כ'שטרייך אונטער, אַז מען דאַרף דעמדאָזיקן אָפּזאַץ נישט אויסטייטשן, ווי ער וואָלט געווען געווענדעט קעגן דער רוסישער קולטור און קעגן דער רוסישער שפּראַך אַלס אַזעלכע. ס'גייט מיר וועגן דעם, אַז אין אַ לאַנד, אין וועלכן דער ענין רוסיפיקאַציע און די אַנטנאַציאָנאַליזירונג פאַרנעמט אַזאַ חשוב אָרט און איז אַזוי אַנגעוויטיקט; אין אַ לאַנד, וואו די רעגירונג, וועלכע איז אַזוי אויך שוין באַוואָפנט מיט אַלע פּרעראָגאַטיוון פון דער רוסישער מאַכט און ס'דינען איר אויסער דעם נאָך אויסנאַמווייז פאַר איר באַשטימטע רעכט אונטערצודריקן און אָפּצוהאַלטן די אַנטוויקלונג פון לאַנד און פון די פאָלקס־כחות; אין אַ לאַנד, וואו ס'הערשט צוליב דעם אַ שרעקלעכע עקאָנאָמישע און גייסטיקע סטאַגנאַציע — אין אַזאַ לאַנד, זאָג איך, האָט נישט קיין שום סאָציאַליסט, פאַר וועלכן אונטערדריקונג איז עקלהאַפט אין אַלע אירע פאָרמען, און אפילו קיין שום ערלעכער מענטש איבערהויפּט, קיין רעכט צו פאַרנעמען אַן אומבאַשטימטע שטעלונג אין דעם דאָזיקן ענין, און ער דאַרף בשום אופן נישט, אפילו אויף אַ! אומדירעקטן אופן, מיט וואָס נישט איז שטיצן די רעאַקציאָנערע שטרעבונגען פון דער אַדמיניסטראַציע. אויף וויפל די יידן גייען בכלל — אָפּטמאָל אפשר קעגן זייער אייגענעם ווילן — האַנט ביי האַנט מיט דער רעגירונג, קענט איר זיך איבערצייגן פון דעם, וואָס דער רוסישער טעאַטער, וועלכער ווערט סובסידירט דורך דער רעגירונג, און געצוואונגענערהייט דורך דער שטאָט, איז נאָר אַ דאַנק זיי בכח ווי נישט איז זיך צו דערהאַלטן; וואָס בילדענדיק אין די שטעט זייער אָפט אַ גאָר חשובע מערהייט און שטייענדיק אפילו נישט מער, ווי איז דער זייט פון דער אָרטיקער באַוועגונג,

פּאַראַליזירן זיי ז', מאַכנדיק אוממעגלעך איר צו פאַרוואַנדלען אין אַ ברייט־פאַרמאָסטיקע באַוועגונג.

אַ פּראַפּאַ טעאַטער מוז איך אונטערשטרייכן, אַז יידן גייען איצט נישט אַזוי גערן אַהין, ווייל ס'איז געשען אַ זאַך, וואָס נאָר אין רוסלאַנד קען עס פּאַסירן. דאָס איז נאָך געווען בעת ק אַ כ אַ־ נ אָ ו ם הערשאַפט, אין דער צייט, ווען אַלערליי רדיפות אויף יידן זענען געווען אויפן טאָג־אָרדנונג. אַ געוויסן טאָג האָט ה' קאַ־ באַנאָוו באַמערקט, אַז צווישן די גענעראַלן און העכערע באַאַמטע זיצן אין די ערשטע רייען אין פּאַרטער פון טעאַטער אויך עטלעכע רייכע יידן. צומאָרגנס רופט אַרויס דער גענעראַל צו זיך עטלעכע רבנים און נאָך מער באַקאַנטע יידן און ווענדעט זיך צו זיי מיט אַ קורצער אָבער ענערגישער רעדע: „כ'בעט נישט פאַרגעסן, אַז איר זענט בלויז יידן און נישט גענעראַלן, לגבי וועלכע איר דאַרפט זיך האַלטן וואָס מער העפלעך און דרך־ארצדיק. נעכטן האָב איך עטלעכע פון אייך געזען אין דער ערשטער רייע אין פּאַרטער. כ'בעט, אַז דאָס זאָל מער נישט געשען!"

קורץ און בינדיק! די יידן האָבן נאָך דער מעשה אויפגעהערט צו קומען אין טעאַטער אַריין און... צוליב דעם האָט באַנקראָטירט דער אַנטרעפּענער.

דריטע ביילאַגע

צו די חברים סאָציאַליסטן יידן אין די פוילישע צוגענומענע פּראָווינצן

דער אויפרוף טראָגט אויף זיך די אונטערשריפט „פּוי־לישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (ליטווישע סעקציע)" און איז געווען אָפּגעדרוקט אין נומער 5 פון לאָנדאָנער „פּזשעדשוויטי" (מאַי 1893). דער אויפרוף איז געשריבן געוואָרן דורך פּילסודסקין — ס'איז איינער פון זיינע ערשטע שאַפונגען נאָך זיין צוריקקומען פון סיביר. באַזונדער איז דער אויפרוף קיינמאָל נישט דערשינען.

חברים!

צווישן אונז, פּוילישע סאָציאַליסטן, און אייך, סאָציאַליסטן יידן, וועלכע אַרבעטן אין אונזער לאַנד, איז איצט פאַראַן אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע מיספאַרשטייעניש. אויף אונזער זייט הערשט אַ הייסער חשק צו באַזייטיקן דידאָזיקע מיספאַרשטייעניש און דערפאַר ווענדן מיר זיך צו אייך אין דער האָפענונג, אַז די געמיינזאַמע אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין אונזער לאַנד, אַז אונזער געמיינזאַמע זאָרג וועגן אַן ערלעך סאָציאַליסטיש באַוואוסטזיין און ענדלעך אונזער געמיינזאַמע סאָלידאַריטעט מיט דער פּאָליטיק פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן לאַגער זענען די בעסטע גאַראַנטיע פון אונזער קומענדיקן שלום און האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט.

אין אונזער לאַנד וואוינט אין די שטעט אַ צאָלרייכע יידישע באַפעלקערונג, אַ פּראָלעטאַרישע אין איר רוב. אַלע אייראָפּעאישע

לענדער צוזאַמען פאַרמאָגן נישט אַזאַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג ווי די, וועלכע באַוואוינט די פּראָווינצן פון דער אַמאָליקער פּוילישער רעפּובליק. אונזער לאַנד שטעלט איבעריקנס מיט זיך פאָר־כמעט דאָס אויסשליסלעכע אָרט, אין וועלכן יידן מעגן זיך באַזעצן לויט דער רוסישער געזעצגעבונג. טראָץ דער דאָזיקער איבערמעסיקער צאָל יידן, טראָץ אַלע מיני־העצעס מצד דער רעגירונג און אירע אָרגאַנען, האָבן מיר זיך אָפּגעהיטן פון געוואַלטזאַמע אויסברוכן פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. די סיבות פון דער־דאָזיקער רואיקייט זענען פאַרשידענע: היסטאָרישע און פּאָליטישע. מיר קאָנען זיך איצט נישט אַריינלאָזן אין אַ גענויערן אַנאַליז זייערן. מיר ווילן בלויז אין דעם מאָמענט באַמערקן, אַז מאַנכע פון די דאָזיקע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן הערן שוין אויף צו ווירקן.

שוין לאַנג פריער האָט די פּאָליטישע פּאַסיוויטעט פון די יידישע מאַסן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די דעמאָלטיקע וואָרטפירער פון דער עפנטלעכער מיינונג. מען האָט זיך באַמיט צו צעשלאָגן די פּאָליטישע שלעפעריקייט פון די יידישע מאַסן — אָבער קיין גרויסע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן האָט עס נישט געבראַכט.

אין אונזער ליטעראַטור האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די דאָזיקע באַמיונגען, וועלכע האָבן געדויערט אַ גאַנצן יאָרהונדערט. וואַרשינסקי און דעם פּאָליטישן לעבן אין די קורצע רעוואָלוציאָנערע מאָמענטן נישט געקאָנט געבן אַ גענוג שטאַרקע זריעה, וועלכע זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דער אַלץ טויטנדיקער רוסישער רעאַקציע. סוף־כל־סוף האָבן דאָך עקזיסטירט באַמיונגען פון אַסימילאַציע. אין געוויסע יידישע שיכטן זענען זיי פונדעסטוועגן געקרוינט געוואָרן מיט אַ געווינס, גאַנץ באַשיידענעם רעזולטאַט. וואָס שייך די יידישע מאַסן, האָבן זיי, נישט אַרויסגייענדיק פון זייער פּאַסיוון צושטאַנד, קיינמאָל אָבער זיך נישט געשטעלט דייטלעך אויף דער זייט פון שונא. דאָס איז געשען נישט נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער צאַריזם האָט געוועקט עקל, נאָר אויך אַדאַנק די דעמאָלטיקע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט די שטאָטישע יידישע באַפעלקערונג אין אַ סאַטעליט פון פּריציש־פּאַטריאָטישן הויף.

נאָך דעם נישט־געלונגענעם אויפשטאַנד פון יאָר 1863—1864 הייבט זיך אָן בײַטן די באַציִונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג צו די פּאָליטישע באַדערפענישן און אינטערעסן פון לאַנד — זי הייבט אָן ווערן נעגאַטיוו, באַזונדערס אין דער ליטע. דער עלטערער דור פון דער ייִדישער אינטעליגענץ — די עדות פון די בײַשפּילאָזע אין דער געשיכטע באַרבאַרישע רדיפות פון מוראַוויאָוון — איז שטום געוואָרן פאַר פּחד און האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאַרק אויס מורא פאַרן מאָרגן. נישט קענענדיק די פאַרגאַנגענהייט און זײַענדיק פול מיט געפעלשטע באַגריפן און פּרינציפּן, מיט וועלכע מען האָט זיי באַאײַנפלוסט אין די רוסישע שולן, זײַענדיק נאָך צו דעם אַלעם פאַרטומלט מיטן צאַרישן דעמאָקראַטיזם און פאַרכאַפּט פון דער גרויסקייט פון דער רוסישער מלוכה — האָט דער ייִנגערער דור גלײַך פאַרנומען אַן אַנטי־פּוילישע שטעלונג. די ייִדישע מאַסן ווידער זענען געבליבן שטעקן אין זייער אַמאָליקער פולשטענדיקער פּאָליטישער פּאַסיווקייט, צו וועלכער ס'איז נאָך צוגעקומען דאָס שרעקעוודיקע פאַלן צו די פיס פון דער דער מאָסקווער איבערמאַכט.

מען האָט געקאָנט מיינען, אַז קעגן דער דאָזיקער פּאַסיווקייט פון די מאַסן און קעגן דעמדאָזיקן געצנדינערישן בייגן די קניען פאַר דער רוסישער מלוכה — אין אונזער לאַנד איז דאָס גאָרנישט עפּעס אַנדערש, ווי פּאָליטישע רעאַקציע — מען האָט געקענט מיינען, זאָגן מיר, אַז קעגן די דאָזיקע עקלהאַפטע און שעדלעכע דערשיינונגען וועט אַרויסטרעטן מיט דער גאַנצער קראַפט יענער טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, וועלכער וועט מיט סאָציאַליסטישע לאָזונגען זיך וואַרפן אין קאַמף קעגן יעטוועדער אונטערדרוקונג און קעגן יעטוועדן רעאַקציאָנערן פּאָליטישן געדאַנק. די דאָזיקע אויסרעכענונגען האָבן זיך אָבער נישט באַשטעטיקט. די ייִדישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ האָט טאַקע זיך געוואָרפן מיט ברען פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם צווישן דער ייִדישער האַנטווערקערישער און אַרבעטער־באַפעלקערונג, אָבער זי האָט באַנוצט אין איר אַרבעט אַזאַ סיסטעם און אַזעלכע מיטלען, וואָס זענען לויט אונז אין סתירה צו די דעמאָקראַטישע פּאָסטולאַטן פון סאָציאַליזם

און צו די בריענענדיקסטע לעבנס־אינטערעסן פֿון לאַנד.

פֿרעמד די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אינטערעסן פֿון לאַנד, באַגרײַפֿט זי נישט זייער באַדײַטונג סײַ פֿאַר דער ערד, אויף וועלכער זיי זיצן, און סײַ פֿאַרן פּריוואַט־קאַמף פֿון דער גאַנצער רוסישער מלוכה; באַרוישט דורך די דעמאָקראַטישע צוזאָגן פֿון צאַריזם, האָט די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ באַגרענעצט איר טעטיקייט צום פֿאַרשפּרייטן דעם אַזויגערופֿענעם עקאָנאָמישן באַוואוסטזיין. דער פּאָליטישער דרוק, וואָס הענגט איבערן לאַנד, רוקט בלי־ספֿק געוויליק אונטער אויף טריט און שריט אויך איר דעם געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקער פּאָליטישער איבערקערעניש. אָבער כּדי צו זיין פֿרוכטבאַר און אַקטיוו־רעוואָלוציאָנער, מוז דער דאָזיקער געדאַנק אָננעמען קאָנקרעטע פֿאָרמען. אָבער וואָסערע קאָנקרעטע פֿאָרמען קען ער אָננעמען, אויב מיר וואַרפֿן פֿאָרויס אָפּ די לעבעדיקסטע טאָג־טעגלעכע פֿראַגן, אויב מיר קענען נישט אָפּפֿילן און פֿאַרשטיין די טאָג־טעגלעכע באַדערפֿענישן און אינטערעסן פֿון גאַנצן לאַנד, אויב מיר שטעלן אַנטקעגן אַפֿילו די דאָזיקע רעאַלע באַדערפֿענישן עפּעס אַ מין אַבסטראַקטע אינטערעסן פֿון עפּעס אַ נישט־צאַרישן רוסלאַנד. אומזיסט ענטפֿערן אונז די יידישע סאָציאַליסטן, אַז זייער אַבסטראַקטע פּריוואַט־פֿאָרמול נעמט שוין eo ipso אַרום אויך די באַפֿרייונג פֿון לאַנד; אומזיסט דערקלערן זיי אונז, אַז זייער סאָציאַליסטישע פֿאָן דאַרף זיין פֿאַר אונז אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע. ערשטנס: דער פּאָליטישער באַוואוסטזיין פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט איז טאַקע און מוז טאַקע דערפֿאַר זיין נישט פּולקאָם, ווייל ער איז נישט בכּח צו פֿאָרמולירן די טאָג־טעגלעך־אינטערעסן פֿון לאַנד. צווייטנס: אין איר אומפּאָליטישקייט איז די יידישע אינטעליגענץ אַוועק אַ טריט ווייטער און דאָס האָט זי אַראָפּגעפֿירט אויף פּאָליטישע אומוועגן.

אין זייער נעגאַציע צו דער פּאָליטישער זייט פֿון סאָציאַליזם, זענען די יידישע סאָציאַליסטן אין אָקופּירטן לאַנד (פּוילן און ליטע — פּ. ש.) שוין דערגאַנגען ביז אַבסורד. אין אונזער לאַנד, וואָס געפֿונט זיך אונטערן יאָך פֿון די מוראַוויאָווס און קאַכאַנאָווס, וווּ די ברוטאַלע איבערמאַכט פֿון צאַרישן דעספּאָטיזם האָט געפֿונען

איר קולימינאַציע־אויסדרוק אין דער פּאָליטיק פון „אָביעדיניע־ניע", האָבן די יידישע סאָציאַליסטן אָנגעהויבן זייער אַרבעט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט פון דעם, וואָס זיי באַמיען זיך אים אָנצוּוואַרפן די רוסישע שפּראַך אַלס מיטל צו דערווערבן קולטור. מיט רעכט איז דעריבער אַנטשטאַנען אין די פּוילישע קרייזן אַ מורא, אַז דאָסדאָזיקע פּריווּוּיליקע אָננעמען די רוסיפיקאַציע וועט בלויז פאַנאַנדערפלאַקערן די אַלטע מחלוקות צווישן דער פּוילישער און ליטווישער באַפעלקערונג פון איין זייט און דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פון דער צווייטער זייט. וואָס שייך אונז, פּוילישע סאָציאַליסטן, וועלן מיר זיין פולשטענדיק מאַכטלאָז לגבי דעם וואַקסנדיקן בייז. ערשטנס דערפאַר, וואָס די שולד פאַלט אויף יענעם טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכע רייסט זיך אָפּ פון ברענענדיקסטן פּאָליטישן קאַמף. צווייטנס, ווייל ס'איז אונז שווער נישט צו אָנערקענען דעם פאַקט, אַז צוליב דעם פאַלשן מעטאָד, מיט וועלכן ס'באַנוצן זיך די יידישע סאָציאַליסטן, וועט רק די רוסישע רעגירונג אַרויסציען קאַשטאַנעס פונם פייער און אַרויסציען וועט זי זיי מיט סאָציאַליסטישע הענט. און ווי ווייט אונזער מורא איז פולשטענדיק באַגרינדעט, האָבן מיר באַוויזן קודם כל אין דער פאַטאַלער ווירקונג, וואָס די רוסיפיצירטע יידן פון דער ליטע איבן אויס אויף דער יידן־פראַגע אין אַזויגערופענעם קאָנגרעס־פּוילן. דער צווייטער באַווייז איז דער אופן, ווי אַזוי די רוסישע רעגירונג לעזט די יידן־פראַגע. ס'ווערט אַלץ קלאָרער דער פּראָיעקט צו באַנוצן די רוסיפיצירטע יידישע עלעמענטן אַלס געווער קעגן די פּאָליטישע אַספּיראַציעס פון די לענדער, וואָס זענען מיט געוואַלט גערוואָרן צוגענומען.

די יידישע אינטעליגענץ, וועלכע איז באַרוישט געוואָרן דורך דער רוסישער אַגיטאַציע, דערציילט נישט־געשטויגענע געשיכטעס וועגן דער היסטאָריע פון די יידן אין אונזער לאַנד. זי חזרט איבער געפעלשטע פאַקטן, וואָס די רוסישע „באַפרייערס" האָבן אויסגעטראַכט אין די אינטערעסן פון צאַריזם. דאָ איז נישט דער פּלאַץ ריכטיקצושטעלן פאַקטן. נישט דאָ איז דער פּלאַץ אָפּצושיקן די, וואָס זענען פאַרסמט מיט דער אָפיציעלער רוסישער לערע, צו די

קוואַלן פון אמתער און ערלעכער וויסנשאַפט. אויפן קינדישן ווייזן אַ פויסט דער שליאַכעצקער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז שוין אַוועק, וועלן מיר קודם כל ענטפערן, אַז דאָס דאַנקישאָטישע דראָען אַ נישט־עקזיסטירנדיקן שונא מיט דער פויסט, וועלכע איז פאַרביילט געוואָרן אַדאַנק דער רעגירונג־אַגיטאַציע, איז לחלוטין נישט קיין פּאָליטישער טאַט.

מיר וועלן אָבער מאַכן אַ שריט ווייטער און וועלן זאָגן, אַז מיר נעמען אָן די קאָסטבאַרע און שווערע ירושה, וואָס די אַמאָליקע פוילישע פּאָליטיק האָט אונדז איבערגעלאָזט. מיר נעמען אַלזאָ אויך אָן ביי אונדז — פּונקט ווי די סאָציאַליסטן פון אַנדערע לענדער — די לעזונג פון דער יידן־פראַגע. מיר וואַרפן אַחוץ דעם נישט אַרויף די גאַנצע לאַסט אויף דער יידישער באַפעלקערונג, מיר זענען ווייט אפילו פון יעדן שאָטן פון אומווילן אָדער אַנטיפּאַטיע. מיר נעמען אויף זיך אַלע פליכטן, וועלכע עס ליגט אויף אונדז אַרויף די רעאַלע לאַגע פון די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען אין לאַנד. מיר נעמען אַלזאָ אָן אויך די לעזונג פון דער יידן־פראַגע. מיר וועלן אפילו זאָגן, אַז איר לעזונג האָט פאַר אונדז אַן ערשטראַנגיקע באַדייטונג, ווייל די יידישע באַפעלקערונג ביי אונדז שטעלט מיט זיך פאָר אַ מיליאָנען־קיבוץ, וועלכער איז אַחוץ דעם אַלעם קאָנצענטרירט אין די שטעט. דער דאָזיקער אומשטאַנד גיט דער יידישער פראַגע ביי אונדז אַן אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג פאַר יעדער פּאָליטישער פאַרטיי און נאָכמער פאַר אַ סאָציאַליסטישער פאַרטיי, פאַר וועמען די שטאָטישע באַפעלקערונג שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַוואוסטזיניקע אַרמיי. מיר ווילן אַחוץ דעם זי לעזן אויך דערפאַר, כּדי צו וויסן אויף וואָסערע כּוחות מיר האָבן צו רעכענען, וועמען פון זיי דאָס רעוואָלוציאָנערע לעבן וועט איינזאַפּן אין זיך און וועמען די געשעענישן וועלן אָנטרעפן אויף דער זייט פון אונזערע שונאים — סיי אַלס אַקטיוון פיינטלעכן כּוח און סיי אַלס פּאַסיוון כּוח. אונזער לעבן, אַלס פּאָליטישע פאַרטיי, וואָלט אָן דעם חשבון געווען אַן אומנאָרמאַל לעבן, אַן אומזיכערס מכּח דעם מאָרגנדיקן טאָג. ס'וואָלט מצד אונדז געווען אַ זעלבסמאָרד, ווען מיר זאָלן ווייטער זיך צוקוקן מיט

פאַרלייגטע הענט, ווי די יידישע אינטעליגענץ אין אַזויגערופענעם צוגענומענעם לאַנד, ריכטנדיק זיך מיט פאַלשע פרינציפן, וועט איינשפּאַנען די יידישע מאַסן אין רייטוואָגן פון דער פאַנרוסישער פּאָליטיק פון „אַביעדיניעניע'' נישט נאָר צום שאָדן פון פרייהייט־קאַמף אין פוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד, נאָר אויך צום שאָדן פון די אינטערעסן און באַוווסטזיין פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

אַ גענויערער אַנאַליז פון די באַדינגונגען פון אונזער לאַנד, ווי אויך פון דער גאַנצקייט פון דער רוסישער מלוכה, גיט אונז גרויסע האָפענונגען אויף אַ פּאָזיטיווער לעזונג פון דער יידן־פראַגע. די פוילישע לענדער שטעלן מיט זיך פאָר די מזרח־דרויטע פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. אין דער גאַנצער רוסישער מלוכה זענען זיי ביז איצט דער איינציקער שטח, אויף וועלכן עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט פאַר זיך אַ האָפענונג און אַ פּאָליטישן כוח, וועלכער לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען. אין סתירה צום אייגענעם אינטערעס וואָלט, אַלזאָ, געווען אַזאַ טאַקטיק פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס וואָלט אים אָפּגעטיילט פון דעמדאָזיקן קאָרפּוס פון דער סאָציאַליסטישער מזרח־אַרמיי, שאַפנדיק קינסטלעכע שטערונגען און רעאַקציאָנערע פּאָליטישע אינטערעסן.

די פעדים, וואָס פאַרבינדן אונז מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן לאַגער, זענען נאָכמער פאַרשטאַרקט צוליב דער פּאָליטישער באַדייטונג פון דער פוילישער פראַגע פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די ווייטערע נישט געהעריקע אָפּשאַצונג פון דער דאָזיקער פראַגע דורך די יידישע סאָציאַליסטן אין לאַנד וואָלט נאָר געווען אַ באַווייז, אַז זייער פּאָליטיש באַוואוסטזיין איז נישט רייף.

איבעריקנס, די ביי אונז וואַקסנדיקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג און איר איבערגאַנג פון דעם געביט פון אויסשליסלעכער פּראָפּאַגאַנדע אויף דער אַרענע פון פּאָליטישן קאַמף, באַפעלט די יידישע סאָציאַליסטן אָנצונעמען אַ קלאָרע און אומצווייידייטיקע שטעלונג. אַזוי ווי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קאָן מיט זיך נישט פאָרשטעלן אַן אָאַזע, וועלכע איז אָפּגעריסן פון לעבן

אין לאַנד, מוז ער זיך סאָלידאַריזירן אָדער מיט די פּאָליטישע אינטערעסן פון לאַנד, וואָס ער באַוואוינט, אָדער מיט דער גרויסקייט פון דער אַבסטראַקטער רוסישער מלוכה. דער ערשטער וועג איז אַ רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער וועג, דער צווייטער וועג איז אַן אַבסאָלוטע רעאַקציע און אַ שטיצע פאַר דער ברוטאַלער איבערמאַכט פון דער צאַרישער מלוכה.

אויב דער אויסוואַל איז היינט אַ שווערער, אויב צווישן דער אַזויגערופענער יידישער אינטעליגענץ אין צוגענומענעם לאַנד האָט זיך געקענט איינשטעלן אַ מעטאָד פון פּאָליטישער טעטיקייט, וואָס איז אין סתירה סיי צו די פּאָסטולאַטן פון סאָציאַליזם און סיי צו די פּאָליטישע פּריוואַט־אינטערעסן פון רוסלאַנד — האָבן מיר אויבן אָנגעוויזן די דאָזיקע סיבות. היינט, באַהערשנדיק די רוסישע שפּראַך אַלס מיטל צו דערוואַרבן קולטור, נישט קענענדיק דערביי נישט די געשיכטע און נישט די אינטערעסן פון לאַנד, אין וועלכן זי וואוינט, נאַרט זי זיך מיט דעם, אַז שפּראַך שפּילט נישט קיין שום פּאָליטישע ראָל, אַז מען קען — אונטערגעבנדיק זיך די מוראַוויעווישע באַפעלן און באַריקזיכטיקנדיק די פּאָליטיק פון „אָביעדינייעניע" — גלייכצייטיק פאַרשפּרייטן די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם.

אויך מיר גליבן טיף אין דעם, אַז די בעסערע כוחות פון יידישן פּראָלעטאַריאַט וועלן בכוח זיין צו פאַרשטיין די נייטוועגדיקייט פון דער באַפרייאונג פון לאַנד. אָבער דער ערשטער סימן פון דער דערוואַכונג פון דעם היינט שלומערנדן כוח וועט זיין דאָס איבעררייסן מיט דער היינטיקער טאַקטיק, וועלכע שטרעבט שאַדן צו ברענגען די אינטערעסן פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און דעם לאַגער פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אונטערגעבנדיק זיך פרייוויליק די טענדענצן פון דער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק.

און כאָטש מיר האָבן אַן אומדערשיטערלעכן גלויבן אין ענדגילטיקן זיג פונעם אמת, דאַרפן מיר אָבער נישט שווייגן, ווען מיר זעען צאָלרייכע יידישע עלעמענטן אַרויפגיין אויף אומוועגן, מיט וואָס זיי גרייטן צו קעגן זייער אייגענעם ווילן אַ מאָמענטאַלן זיג פון צאַריזם. מיר מוזן, אַלזאָ, אַרויסטרעטן קעגן דער פּאָליטישער

רעאַקציע, וואָס באַהאַלט זיך — נישט געקוקט אויף די סאָציאַליסטישע לאָזונגען — אין דער היינטיקער טאַקטיק פון דער יידישער אינטעליגענץ פון צוגענומענעם לאַנד, וועלכע באַמיט זיך מיט א ברען, וואָס פאַסט זיך פאַר א בעסערער זאַך, צו מאַכן פון יידישן פראָלעטאַריאַט פון אונזער לאַנד „רוסישע בירגער", וואָס האָבן נישט קיין רעכט צו וואוינען אין רוסלאַנד.

פערטע בײלאַגע

פילסודסקיס צװײטער אַרטיקל
װעגן דער ״ידן־פּראַגע

(געשריבן אין דער פאָרם פון אַ קאָרעספּאָנדענץ פון װילנע צום לאָנדאָנער ,,פּזשעדשוויט״. די קאָרעספּאָנדענץ איז דאַטירט ,,װילנע, אין סעפּטעמבער״. זי איז געװאָרן אָפּגעדרוקט אין נומער 9 ,,פּזשעדשוויט״ פון חודש סעפּטעמבער 1894 און איז אונטערגעשריבן מיטן פּסעװדאָנים *Czasowy*

פון אַלע לענדער, װעלכע זענען אינגאַנצן אָדער טײלװײז באַװאױנט דורך פּױלישער באַפעלקערונג, פאַרמאָגט ליטע די גרעסטע צאָל ייִדן. אין דער צײט, װאָס פּױזנער געגנט האָט נאָר דרײ און אַ האַלב פּראָצענט ייִדן, גאַליציע און קאָנגרעס־פּױלן — עלף פּראָצענט, הױבט זיך אױף דערדאָזיקער פּראָצענט אין ניין גובערניעס פון ליטע און װײסרוסלאַנד דורכשניטלעך ביז 14 און אַ האַלב פּראָצענט, און, למשל, אין מינסקער גובערניע דערגײט ער ביז 20. אין געװיסע ערטער בילדן אַזױאַרום די ייִדן אַ פינפט־חלק פון דער באַפעלקערונג! אױב מען זאָל צו דעם צוגעבן, אַז אין די דערפער איז פאַראַן זײער קנאַפּ ייִדן, און אַז כמעט די דאָזיקע גאַנצע ייִדישע מאַסע איז אײנגעשלונגען געװאָרן דורך די שטעט, װעלן מיר ערשט זען װאָסער באַדײטונג די דאָזיקע מאַסע האָט פאַרן סאָציאַליזם.

װירקלעך, טײל גרעסערע שטעט, װי װילנע, מינסק, קאָװנע, פאַרמאָגן גאַנצע מאַסן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, װעלכער אין

מערסטענטייל באַשעפטיקט אין דער האַנטווערקעריי. פאַבריק־אַר־בעטער איז צווישן זיי פאַראַן ווייניקער, אָבער דערפאַר פעלט דאַ נישט קיין שוסטער, שניידער, סטאָלערס א. אַ. וו. — סיי זעלבּ־שטענדיקע מייסטערלעך, סיי געזעלן. אין די קליינע שטעטלעך איז די דאָזיקע פּראָפּאָרץ נאָך ווייניקער גינסטיק פאַר די קריסטן, ווייל דאָרט אַרבעט דער נישט־ייִדישער בעל־מלאכה, אויב אַזעלכע זענען בכלל פאַראַן, אויסשליסלעך פאַר די פּויערן און כמעט שטענדיק אויף אייגענער האַנט, בשעת די גרעסערע וואַרשטאַטן זענען כמעט אַן אויסנאַם ייִדישע.

אַט דידאָזיקע ייִדישע האַנטווערקער זענען, אַ דאַנק זייער צאָלרייכקייט, פון זייער לאַנג אָן שוין געווען דער הויפּטאָביעקט פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אפשר וועט דערדאָזיקער אויס־דרוק „סאָציאַליסטישע" פונדעסטוועגן זיין צו דרייסט: אין רוב פאַלן האָט דידאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע זיך באַגרענעצט צו לעקציעס וועגן נאַטור־וויסן, אַריטמעטיק, געשיכטע און רוסיש. בלויז באַ־זונדערע, מער־פּאָליטיקע יחידים פלעגט מען באַקענען מיטן סאָ־ציאַליזם. אין די גרעסערע שטעט זענען די סאָציאַליסטישע קרייזן און די קרייזן, וואָס זענען אפילו געשטאַנען בלויז אויפן קלאַסן־שטאַנדפּונקט, פאַרשטענדלעך געווען צאָלרייכער, ווי אין די קליינע פּראָווינצער שאול־תחתיהם.

ווי זעען אויס די ביז־איצטיקע רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער אַגיטאַציע? מען קאָן נישט זאָגן, אַז ס׳זענען אינגאַנצן נישט געווען קיין רעזולטאַטן. צווישן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט איז פאַראַן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל סאָציאַליסטן און אויך דער קלאַסן־באַוואוסטזיין פון גרעסערע מאַסן קומט צום אויסדרוק אין דער פאָרם פון שטרייקן. אָבער קיין ברייטערע פּאָליטישע באַדייטונג האָט נישט דידאָזיקע באַוועגונג. אין בעסטן פאַל האָבן די ליטווישע ייִדן ביז איצטער אַרויסגעוויזן זייער אָנטייל אין די פּאָליטישע באַוועגונגען, וואָס שטרעבן צו ענדערן די היינטיקע פאַרהעלטנישן אין דער רו־סישער מלוכה, מיט קליינער געלט - הילף, וועלכע זיי פלעגן געבן איינער פון די פּאַרטייען, וואָס זענען געווען טעטיק אין וואַרשע אָדער אין פּעטערבורג.

די סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג ליגט נישט אויסשליסלעך אין דער דערהוויטערונג פון גרויסע צענטערן, אין וועלכע ס׳קאָנצענטרירט זיך דער פּאָליטישער קאַמף, ווייל פאַרן 63-טן יאָר זענען די פאַרהעלטנישן אין דער היגזיכט געווען נישט בעסער, און דאָך האָט ליטע דעמאָלט געגעבן אַ גרויסן קאָנטינגענט רעוואָלוציאָנערן און זי איז געווען אימשטאַנד צו שעדיקן אויף אַן ערנסטן אופן די רעגירונג-כחות. ניין, די סיבה ליגט ערגעץ אַנדערש. מען דאַרף זי זוכן דערין, וואָס די יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך פאַרמויערט אין זיך אַליין און זיי ווילן זיך נישט פאַראייניקן מיט אַנדערע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וועלכע וואוינען אין זעלבן לאַנד, וואָס זיי. דערצויגן כמעט אויסשליסלעך אונטערן איינפלוס פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, האָבן די יידישע סאָציאַליסטן ביז דער לעצטער צייט זיך געבראָכן דעם קאָפּ וועגן דעם, צי מען דאַרף פאַרטיידיקן די רוסישע „אָבשטשינע״ לגבי דעם איר-דראָענדיקן קאַפּיטאַליזם, אָדער גאָר, פאַרקערט, מען דאַרף פאָדערן מען זאָל זי אונטערברענגען; אויף וואָסער אופן מען קען פאַרוואַנדלען די ליבהאַרציקע „אַרטעלן״ אין קאָמוניסטישע פּראָדוציר - קאָלעקטיוון א. ד. גל. אָבער אין דער ליטע איז דערווייל זינט טויזנט יאָר שוין נישטאָ קיין „אָבשטשינע״ און נישט קיין „אַרטעלן״ און דעריבער טאַקע האָבן די דאָזיקע אַלע חקירות געמוזט בלייבן אין געביט פון טעאָריע. ווען אַפילו די דאָזיקע חקירות זענען געפירט געוואָרן זייער גרינטלעך, האָבן זיי אָבער נישט געקענט געבן קיינע דירעקטיוון פאַר דער פּראַקטישער טעטיקייט.

די דאָזיקע באַדנלאָזיקייט פון די יידישע סאָציאַליסטן איז נאָך געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם אומשטאַנד, וואָס זיי האָבן געוווסט זייער ווייניק אָדער גאָרנישט וועגן דער פּוילישער באַפעלקערונג אַרום זיך, און זיי האָבן געשעפּט זייערע אינפאָרמאַציעס אויסשליסלעך פון רוסישע קוועלן. די דאָזיקע אויסגאַבן זענען אָבער כמעט אָן שום אויסנאַם פול מיט די חוצפּהדיקסטע פאַלשקייטן וועגן די פּאָליאַקן, צווישן וועלכע זיי זעען בלויז די אָפּגעשטאַנענע און קלעריקאַלע „שליאַכטע״. ווען אַ יידישער יונגערמאַן האָט

במילא זיך אויסגעהאָדעוועט פּריער אין גימנאַזיע אויף פּיערלאַ־
יעוום אָדער ראָזשדעסטווענסקים היסטאָריע פון רוסלאַנד, און
שפּעטער אויף די רוסישע חודש־זשורנאַלן, וועלכע האָבן ליב
אָנטקעגנצושטעלן דעם „פּריצישן" פּוילן אַ „דעמאָקראַטיש" רוס־
לאַנד — איז נישט קיין חידוש, אויב דאָס האַרץ האָט אים געצויגן
צו דעמדאָזיקן ריינעם, פאָלקיסטישן „דעמאָקראַטיזם". נאָך דער
סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ זענען אויך געגאַנגען אַרבעטער,
וועלכע האָבן פון איר מויל געשעפּט זייערע פּאָליטישע בליקן. פון
דאַנען דרינגט דער לאָגישער אויספיר, אַז נאָר פון זיג פון די
רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן די יידן דערוואַרט אַן ענדערונג אין
זייער גורל. אין דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן האָט קיינער פון
זיי נישט געגלויבט, האַלטנדיק זי פאַר אַן אַבסאָלוטער כימערע.
זיי האָבן דערביי נאָך פאַר איר מורא געהאַט צוליב דעם געשפּענסט
פון יעזואיטיזם, אינקוויזיציע און שייטערהויפנס, וועלכע די רייכע
פאַנטאַזיע האָט זיי געמאָלן אַלס איבּיקע באַגלייטער פונם פּאָליאַס.
אויב אַזעלכע באַציאונגען זענען געווען לחלוטין אומנאָרמאַל
אַפילו מיט אַן אַנדערטהאַלבן צענטליק יאָר צוריק, ווען די פּוילישע
סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז ערשט געווען אין די וויקעלעך, איז
עס נאָך מער אומנאָרמאַל היינט צו טאָג. אין דער צייט, וואָס די
רוסישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זינט עטלעכע יאָר נישט
אַרויסגעגעבן במעט קיין שום מערקווירדיקעס און אירע אָנהענגער
מוזן זיך שפּייזן אָדער מיט אַלטע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן פון
פאַרדעכטיקן ווערט, אָדער מיט דער שוואַך־פאַרשפּרייטער סאָציאַל־
דעמאָקראַטישער ליטעראַטור, וועלכע אַנטהאַלט פיל קאָסטבאַרע
זאַכן, אָבער אויך נישט ווייניקער פולשטענדיק ־ פאַרעלטערטן פּאָ־
ליטישן באַלאַסט, איז ביי אונז דערווייל אויסגעוואַקסן און זיך
אַנטוויקלט אַ מעכטיקע פאָלקס־באַוועגונג, וועלכע איז רייך סיי אין
מענטשן און סיי אין אויסגאַבן. ס'איז אָבער אומגעהויער שווער
איינצוברעכן די איינגעוואָרצלטע געוואוינהייטן און אונזערע חברים־
יידן האָבן דעריבער, אַנשטאָט צו שעפּן אָנווייזונגען און גייסטיקע
שפּייז פון אונזערע אויסגאַבן, ווייטער איבערגעקייט די רוסישע
רעוואָלוציאָנערע שאַפונגען פון נייצטן, אַכטן און אַפילו זיבעטן

יאָר - צענטליק, אָדער זיך געקוויקט מיט גאָלדענליך־געשאַצטע עקזעמפּלאַרן פון טשערנישעווסקים, שעלגונאָווס און טיילמאָל אויך פּיסאַריעווס אָדער ביעלינסקים ווערק. נאָך וווּנדערלעך איז דער אומשטאַנד, אַז אַפילו זשאַרגאָנישע אויסגאַבן האָבן נישט געפונען קיין ליטוועליקייט אין די אויגן פון נישט איינעם, וועלכער האָט איינגעזען אינם באַנוצן זשאַרגאָן א ווענדונג צום „נאַציאָנאַלן" שטאַנדפּונקט און ער האָט דעריבער מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון די גרענעצן פון דער משיחישער רוסישקייט. אָבער אַפילו די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור קען דערווײַלע היינט זיך שוין אויסגלייכן מיט דער רוסישער, אויב זי שטייגט נישט איבער אין היגזיכט פון דער צאָל ריין־סאָציאַליסטישע אויסגאַבן.

מיטן וווּקס פון אונזער באַוועגונג אין דער ליטע איז אָבער די דאָזיקע פראַגע געשטעלט געוואָרן ברייטער: ס'האָט זיך שוין נישט געהאַנדלט בלויז וועגן דעם, צי די יידישע סאָציאַליסטן דאַרפן נעמען א מוסטער פון דער אויפפירונג פון די פּוילישע סאָציאַליסטן צי פון די רוסישע, נאָר וועגן דעם, וואָס זיי איז נוצלעכער: צי דאָס אָפּרייסן ליטע און פּוילן פון רוסלאַנד, צי די דעראָבערונג פון א רוסישער קאָנסטיטוציע?

ס'איז א קלאָרע זאַך, אַז מיר האָבן אין דעם פאַל, האַלטנדיק זיך ביי אונזער פּראָגראַם, זיך באַמיט איבערצוצייגן אונזערע יידישע חברים, אַז דער ערשטער אויסוועג פון דער היינטיקער לאַגע איז פאַר זיי גינסטיקער, אָבער מיר האָבן זייער אָפט אָנגעטראָפן אויף א פאַרביסענעם ווידערשטאַנד. צוליב דעם, וואָס דאָס איז פאַר אונז א זייער וויכטיקער ענין, וועל איך זיך דערלויבן פאַרצושטעלן מיין בליק אין דער דאָזיקער פראַגע.

נאַטירלעך מוז דאָ אַריינגיין אין חשבון די פראַגע פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וועלכע לאָזט זיך היינט שפּירן די יידן אין אַזאַ גרויסער מאָס, ווי אויך די פראַגע, וועלכער פון די דערמאָנטע צוויי אויסוועגן גיט אין דער היגזיכט בעסערע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט. מען דאַרף געדענקען, אַז קודם־כּל איז רוסלאַנד במשך פון דורות געווען א דורכאויס־אַנטיסעמיטישע מלוכה. פון איין זייט אונטער דער השפּעה פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם, וועלכער שפּילט

אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער דאָזיקער צאַריסטיש־פּויפּסטלעכער מלוכה, און פֿון דער צווייטער זייט, כּדי צו באַשיצן די אייגענע סוחרים, האָבן די מאָסקווער צאַרן תּמיד פֿלייסיק זיך געשיצט קעגן אַ יידישן אַנלויף, די ווירקונג פֿון דער דאָזיקער דורותדיקער פּאָליטיק לאָזט זיך היינט פֿילן און ס'וועט נאָך אָפּפֿליסן פֿיל וואַסער, איידער אַ דורכשניטלעכער גרויס־רוסישער „בירגער" וועט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק צו טאָלערירן נעבן זיך גרעסערע מאַסן „ניט־קריסטן". אויב מיר וועלן זיך באַקענען מיט דער רוסישער געזעצגעבונג אויף דער פּוילישער ערד זינט דער צעטיילונג פֿון פּוילן, וועלן מיר דאָ געפֿינען בלויז אַן אומענדלעכע רייע פֿאַרשיידנאַרטיקע פֿאַרבאָטן און גזירות. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דער פֿאַקט, אַז די אַלע פֿאַראָרדנונגען פֿון דער רעגירונג זענען שטילערהייט געשטיצט געוואָרן דורך די קאָנסערוואַטיווע יידישע נגידים, ווייל די דאָזיקע פֿאַראָרדנונגען האָבן פֿאַרייביקט די אָפּגעשטאַנענקייט און פֿאַנאַטיזם פֿון די מאַסן און האָבן דערלויבט די רייכע עלעמענטן אומבאַגרענעצט צו הערשן איבער דעם פֿאָלק. די דאָזיקע צוויי כּוחות: די רעגירונג און די יידישע פּני, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין פֿאַרשיידענע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, האָבן געבילדעט די כינעזישע וואַנט, דורך וועלכע קיין שום ליכט־שטראַל האָט זיך נישט געקענט דורכרייסן. ביז דער לעצטער צייט איז די דערמאָנטע פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג נישט נאָר נישט געענדערט געוואָרן, נאָר זי איז אַפֿילו נאָך פֿיל בולטער געוואָרן, און דאָס אַרויסשיקן די יידן פֿון דער טעריטאָריע פֿון פֿאַקטישן רוסלאַנד, איז געווען נאָר איין פֿאַקט פֿון דער דאָזיקער גרויסער דראַמע. דאָ מוז איך אונטערשטרייכן, אַז סיי דאָס אַרויסשיקן די יידן און סיי דאָס באַגרענעצן זייער צאָל אין די לערן־אַנשטאַלטן איז אומבאַדינגט פֿאַרבונדן מיט די אַספּיראַציעס פֿון דער רוסישער בורזשואַזיע, וועלכע וואָלט וועלן אומבאַגרענעצט הערשן איבער די צאָלרייכע קוואַלן פֿון רייכקייט אין רוסלאַנד און באַמיט זיך דעריבער זיך צו באַפֿרייען פֿון קאָנקורענץ סיי אויפֿן געביט פֿון דער אינדוסטרי, ווי אויך אין דער אַדוואָקאַטור און אין אַנדערע אַזוי־גערופֿענע פֿרייע פּראָפֿעסיעס.

צי וואָלט אַ קאָנסטיטוציע און דאָס גלייכצייטיקע קומען פֿון

דער בורזשואזיע צו דער מאכט אריינגעבראכט אין דער היינטיקער וואסערע נישט איז ענדערונגען, איז לייכט פארויסצוזען. אויפן ארט פון דער היינטיקער בלויזער רעגירונג־פאליטיק, וואלט זיך אנגעהויבן א נ א צ י א נ א ל ע פאליטיק און די רעגירונג וואלט, שטיקנדיק אלע פרעמדע עלעמענטן, באקומען אונטערשטיצונג פון דער גאנצער בורזשואזיע. די מורא פארן פרעמדן קאנקורענט, וועלכער איז אפטמאל אינטעליגענטער און וועלכער באזיצט א העכערן זאפאס קולטור און סוחרישע טעכניק, וואלט דאן באפוילן דער רוסישער בורזשואזיע ארויסצוגיין מיט א נאציאנאלער העצע פון קאלאסאלן פארנעם, געווענדעט סיי קעגן די פאליאקן און סיי קעגן די יידן. דער חשק צו דערהאלטן אין די אייגענע הענט אלע רעגירונג־אמטן אין די מערבדיקע פראווינצן פון לאנד, וואלט געטאן דאס איבריקע און ס'וואלט זיך איבערגעחזרט דאסזעלבע שפיל, וואס מיר זעען היינט אין אונגארן, נאר אין א פיל ברוטאלערער פארם. קעגן דער יידישער באפעלקערונג וואלטן אזויארום ארויסגעטראטן נישט נאר די סוחרים און אינדוסטריעלער, הונגעריקע אדוואקאטן, דאקטוירים און יעגער אויף רעגירונג־פאסטנס, נאר בכלל אלע פאטריאטן, וואס זייער צאל וועט אומגעהויער אויסוואקסן נאכדעם, ווי ס'וועט איינגעפירט ווערן א קאנסטיטוציאנעלע הערשאפט. פארטיידיקער וואלטן די יידן דאן געהאט, אויב מ'זאל אורטיילן פון דער ביז־איצטיקער געשיכטע פון רוסלאנד, איינס היפעלע ליבעראלע אידעאלאגן, וועלכע וועלן זיין פונקט אזוי אוממעכטיק, ווי היינט, ווייל זיי שטיצן זיך נישט אויף קיין שום קלאס, און אויך אין די... סאציאליסטן, אויב זייער צאל וועט דאן זיין גרעסער, ווי היינט.

איבערגייענדיק צו פוילן, וועל איך, פארשטייט זיך, נישט צולאזן דעם געדאנק, אז אונזער בורזשואזיע פלאקערט מיט נישט־געפעלשטער ליבשאפט צו אירע באבערדיקטע מיטבירגער. כ'וועל זיך אויך נישט פארופן אויף דער „פריווילעגיע"*) מיט וועלכער דער קאלישער פירשט באלעסלאוו האט אין 13־טן יארהונדערט גא־

*) אן אלט קעניגלעך געזעץ.

ראַנטירט די יידן גרויסע רעכט, בשעת מען האָט זיי ערגעץ אַנ־דערש געבּרענט און געטרונקען. ס'איז נאָך שווערער אויף דעם זיך צו פאַררופן, ווייל פון 17־טן יאָרהונדערט אָן טריומפירט פּאַקטיש אין פּוילן די קאַטוילישע רעאַקציע און די רעכט פון די יידן ווערן פאַרשמעלערט, הגם פון דער צווייטער זייט האָבּן זיי אַליין אין אַ גרויסער מאָס דערצו גורם געווען, איבּערגייענדיק גוטווילליק פון אונטער דער קעניגלעכער אויפזיכט אונטער דער אויפזיכט פון דער „שליאַכטע". ווען מיר וועלן אָבּער איבּערגיין צו די נייערע צייטן, וועלן מיר זען, אַז ווי נאָר די רעפאָרם־ריכטונג הויבּט אָן אין סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט נעמען די אויבּערהאַנט, אַרבּעט זי גלייך אויס אַ פּראָיעקט צו ענדערן די געזעצגעבּונג אין באַצוג צו די יידן — אַ פּראָיעקט, ווי פאַר יענע צייטן, אַ זייער פּראָגרעסיווער. אין 19־טן יאָרהונדערט זענען די מוחות געווען צופיל פאַרנומען מיט דער פראַגע פון אומאָפּהענגיקייט און פויערן־רעפאָרם, אַז זיי זאָלן ערנסט קענען טראַכטן וועגן דער פאַרבּעסערונג פונם גורל פון די יידן אַלס פאָלק. אָבּער פונדעסטוועגן, באַלד, ווי נאָר קרוינפּוילן האָט דערגרייכט אַ געוויסע פאַקטישע אויטאָנאָמיע, האָט דער דע־מאָלטיקער דיקטאַטאָר, דער קאָנסערוואַטיסט וויעלאָפּאָלסקי גלייך זיך גענומען אָפּשאַפן אַלע באַגרענעצונגען, וועלכע האָבּן פאַרוואַנדלט די יידן אין בּירגער פון דער צווייטער מדרגה. און ס'איז אים באמת טאַקע געלונגען פיל אויפצוטאָן, און אים האָבּן טאַקע די יידן צו פאַרדאַנקען דעם חילוק אין זייער לאַגע אויף דער זייט און יענער זייט פון טייך בּוג. און וויעלאָפּאָלסקי איז לחלוטין נישט געווען עפּעס אַ רעפאָרמאַטאָר, וועלכער גייט קעגן דעם ווילן פון די מאַסן, ווייל דאָס בּרודערן זיך פון די יידן מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק בשעת די גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, האָט דאַן אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם שטראָם אין דער דאָזיקער ריכטונג.

ווען מיר וועלן איבּערגיין צו די נייסטע צייטן, וועלן מיר דער־זען נאָך איין פאַקטאָר, אַ נאָך שטאַרקערן פון די פריערדיקע, וועל־כער הייסט די יידן גיין האַנט־אין־האַנט מיט אונז — דאָס איז די סאָלידאַריטעט פון פּוילישן און יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע,

וואוינענדיק נעבנאנאנדער און ליידנדיק דעמזעלבן און דורך די זעלבע מענטשן געטריבענעם דרוק און אויסנוצונג, דארפן פאריי־ניקן זייערע כוחות, און זיי וועלן עס בלי־ספק אמאל טאן. די דאזיקע אינטערעסן־סאלידאריטעט גיט גלייכצייטיק די גאראנטיע, אז ווען ס׳וועט דערגרייכט ווערן די אומאפהענגיקייט אפילו ביי דער דערהאלטונג פון דער בורזשואזער ארדנונג, וועט דער יידישער פראלעטאריאט האבן אין דער פוילישער רעפובליק א זיכערן און שטארקן פארבינדעטן אין דער פערזאן פון באוווסטזיניקן פוילישן ארבעטער, וועלכער וועט ביזן טאג פון נצחון נישט אויפהערן צו פירן א קאמף אויף לעבן און טויט מיט יעדן אומרעכט — סיי נאציאנאלער, סיי עקאנאמישער אדער פאליטישער. דער אפטי־מיסטישסטער פריינט פון רוסלאנד מוז אבער אין דער זעלבער צייט מודה זיין, אז די פארהעלטנישן אין דער הינזיכט זענען דארט און מוזן דארט זיין באדייטנדיק־ערגערע, ווייל דער כח פון פראלעטאר־יאט און זיין באוווסטזיין וועלן דארט זיין, אין פארגלייך צו דער מאכט פון דער מלוכה, פיל קלענער ווי ביי אונז.

סיי, אלזא, אין נאציאנאלער הינזיכט, ווי אויך אין קלאסן־הינזיכט פאדערן די אינטערעסן פון יידישן פראלעטאריאט, אז ס׳זאל גיכער אנגענומען ווערן אונזער פראגראם, איידער אנווענדן כוחות אויף צו דעראבערן א רוסישע קאנסטיטוציע. דא וועל איך דערמאנען נאך איין זאך: אין פוילן עקזיסטירט א פארטיי מיט א באשטימטן פראגראם און אויפגאבן, א פארטיי, וואס וואקסט אין כוחות און באדייטונג — די פוילישע סאציאליסטישע פארטיי. ס׳איז דעריבער באוואוסט מיט וועמען מען האט דא צו טאן: אן עווענטועלע פארפליכטונג פון די פוילישע סאציאליסטן צו עפעס איז נישט קיין ווארט, וועלכעס ווערט ארויסגעווארפן אויפן ווינט און יעדע פארגרעסערונג פון זייערע רייען שלאגט זיך תיכף אפ אויף א קענטיקן אופן אויף דער פארשטארקונג פון דער פארטיי־טעטיקייט. אין רוסלאנד אבער איז קיין שום ענלעכעס נישט פאראן. ביי דער גאנצער סימפאטיע, וואס איך פיל צו די רוסישע סאציאל־דעמאקראטן, מוז איך מודה זיין, אז איך וואלט געווען אין נישט קיין קליינער פארלעגנהייט, ווען ח׳וואלט מיר אויסגעקומען צו

האבן מיט זיי צו טאן, ווי מיט א פארטיי, ווייל אין דער פאר־
פליצונג פון ,,פלעכאנאווצעס'' און ,,סאציאל־דעמאקראטן אן
פלעכאנאוון'', ,,יונגע נאראדאוואלצעס'' און ,,אלטע'', אדער ,,אזעל־
כע, וואס אנערקענען נישט די שטרעבונג צו דיקטאטור (,,זאכוואט
וולאסטי'') און דעם עקאנאמישן פראגראם'' און דעמגלייכן —
באמת, כ'וואלט נישט געוואוסט, מיט וועמען כ'קאן רעדן ערנסט.
ס'איז איינע פון די סיבות פון דער פרוכטלאזיקייט פון דער רוסישער
רעוואלוציאנערער ארבעט, וועלכע באגרענעצט זיך צו שאפן קרייז־
לעך און ,,איינשטעלן באציונגען'', וואס פירט געווייגלעך צו
ארעסטן. פארשטייט זיך, אז איך האלט דאס נישט פאר א גע־
נוגנדיקן ארגומענט אויף צו באוועגן די יידישע סאציאליסטן אנ־
צונעמען אונזער פראגראם, אבער אז מען רעדט וועגן אלע דער־
מאנטע זאכן, האט אויך דאס זיין באדייטונג.

כ'גיי איצט איבער צו די וויכוחים, וועלכע ווערן געפירט, דא,
אין דער ליטע, צווישן די סאציאליסטן־פאליאקן און יידן.

כ'קען נישט זאגן, אז די ארבעט, וואס מיר פירן, כדי אויפ־
צוקלערן די יידישע חברים פראגראמאטיש, האט נישט געבראכט ביז
איצט קיין שום פרוכט. בלי־ספק, זיי זענען אומבאדינגט פאראן,
און אונזער בעסטער פארבינדעטער איז אין דער הינזיכט די מאסן־
פארשפרייטונג פון אונזערע און פון די זשארגאנישע אויסגאבן. די
לעצטע ווייזן אויף דעם יידישן ארבעטער, אז ס'זענען פאראן אויף
דער וועלט אינטערעסאנטערע זאכן, ווי ,,אבשטשינא'' און
,,ארטיעל'', און זיי מאכן פון אים אן אמתן סאציאליסט, וואס ס'איז
דער ערשטער באדינג אויף צו קענען גוט פארשטיין פאליטישע
פראגן.

אבער ווי גרויס איז נאך די צאל פון יענע, וואס ווילן נישט
איבעררייסן מיט די אלטע טראדיציעס! און וואסערע ארגומענטן
מען קאן אלץ הערן בשעת פראגראמאטישע דיסקוסיעס!

אט, למשל, האט איינער פון מיינע דיסקוטאנטן גאר ערנסט
מיר געענטפערט, אז אויב איך באגרינד די באדערפענישן פון אן
אומאפהענגיקן פוילן פאר יידן מיט דער גרעסערער מאכט פון די
דעמאקראטישע עלעמענטן אין פוילן, ווי אין רוסלאנד, וואלט שוין

געווען אמבעסטן אריינצושרייבן אין פראגראם, אז ליטע דארף זיך פאראייניקן מיט ענגלאנד, ווייל דארט איז די פרייהייט גרעסער און די דעמאקראטיע איז נאך שטארקער, ווי אין פוילן.

אן אנדערער האט געמאכט אזעלכע אויספירן: דאס פאקטישע פוילן איז אן אינדוסטרי־לאנד, אבער רוסלאנד איז אן אגראר־לאנד, און דעריבער דארף ליטע, וועלכע איז אויך אן אגראר־לאנד און פארמאגט במילא דיזעלבע עקאנאמישע באדינגונגען, פאראייניקט ווערן מיט רוסלאנד. בכלל, דאס מיסברויכן מיטן באגריף „עקאנאמישע באדינגונגען" אין אונזערע דיסקוסיעס איז אפט סקאנדאליעז. געוויינלעך פארשטייט מען אונטערן דאזיקן באגריף די אינטערעסן פון פראדוצענט און אויף זיי שטיצן זיך פראגראמאטישע אויספירן. אבער אפילו אין דעם פאל איז ווילד אזוי אויסצוטייטשן די געמיינשאפט פון עקאנאמישע באדינגונגען, ווייל די ליטווישע גרויסע פריצים וואלטן מיט פארגעניגן זיך באפרייט פון דער קאנקורענץ פון רוסישער תבואה.

כ'האב שוין געהאט די געלעגנהייט צו הערן אזעלכע ארגומענטן ווי: צו וואס דארפן מיר האבן פאליטישע פרייהייט? אין אזא פאל ווערט די דיסקוסיע אינגאנצן אוממעגלעך, ווייל א מענטש, וועלכער האט ביז איצט נישט באנומען די באדייטונג פון פאליטישער פרייהייט פארן ארבעטער־קלאס, איז פונקט אזוי שווער עס אויסצוטייטשן, ווי שווער ס'איז אויסצוטייטשן א בלינדן די באדייטונג פון קאלירן.

פארשטייט זיך, אז נישט שטענדיק הערט מען אזעלכע ארגומענטן, אבער אויך די אנדערע ארגומענטן שטיצן זיך הויפטזאכלעך אדער אויף דער אומבאקאנטקייט מיט אונזערע פארהעלטנישן, אדער אויף דער נישט גענוגנדיקער פאליטישער געשולטקייט.

און אין דער צייט, ווען אונזערע יידישע חברים פטרן זייערע כוחות אויף פרוכטלאזע קרייזן־ארבעט, וואקסט און מעכטיקט נעבן זיי די פוילישע ארבעטער־באוועגונג: יאר־יערלעך ווארפן צענטליקער־טויזנטער מענטשן זייערע פאבריקן און ווארשטאטן, כדי צו מאניפעסטירן זייערע פאליטישע איבערצייגונגען; ס'אנטשטייען נייע אויפגאבן, און די סאציאליסטישע פארטייען, וועלכע עקזיסטירן

אין אַלע דריי „זאַבאַחן״, אָרגאַניזירן זיך אַלץ שטאַרקער און טרעטן צו אַלץ דרייסטער צו פּאָליטישער טעטיקייט. ס׳וואָלט געווען טרויעריק, ווען דער יידישער פּראָלעטאַריאַט זאָל אויך ווייטער פאַרבלייבן אַ שטומער צושויער פון קאַמף, וועלכן מיר פירן מיט די פּאַרטיידיקער פון דער אַלטער אָרדנונג, און בּמילא געקרייצט אונזערע באַמיונגען, ווי דאָס איז געשען מיט די פּאַסיווע יידישע מאַסן בשעת די פריערדיקע אויפשטאַנדן. די צייט און דער קלאַסן־קאַמף וועלן אַמאָל טאָן זייערס און אַ שטויס־טאָן די יידישע אַרבעטער אין אונזערע רייען. מיר ווידער, וועלן פון אונזער זייט טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, כּדי צוצואיילן דעם האָזיקן פּראָצעס.

פינפטע בײלאַגע

די יידן־פראַגע אין דער ליטע

(יוזעף פילסודסקיס אַן אַרטיקל פון יאָר 1903 וועגן דער יידן ־ פראַגע. דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין נו־מער 3 פון אומלעגאַלן אָרגאַן פון דער פּ. פּ. ס. אין ליטע ,,וואַלקאַיי" (נאָוועמבער 1903). דער אַרטיקל האָט נישט אונטער זיך קיין שום אונטערשריפט, אָבער דער מחבר פון דאָזיקן אַרטיקל איז זיכער פילסודסקי, ווייל ער האָט רעדאַגירט און אַליין פ ו ל ש ט ע נ ד י ק אויסגעפילט די ערשטע 3 נומערן פון דער דאָזיקער אויסגאַבע. שפּעטער איז דער דאָזיקער אַרטיקל אויך דערשינען אַלס אַ באַזונ־דערע אויסגאַבן אין רוסיש).

די יידן זענען אַן אכטל פון דער באַפעלקערונג אין ליטע. אָבער אין די אַנדערע שטעט בילדן זיי אַ מערהייט. אין די קלענע־רע קרייז־שטעטלעך איז די קריסטלעכע באַפעלקערונג טיילמאָל אַ פאַרשווינדנדיק־קליין טיילכל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און אין דער אַממייסטן קריסטלעכער פון אַלע ליטווישע שטעט — אין ווילנע — זענען יידן 2 דריטל פון דער באַפעלקערונג. צוליב דעם, וואָס די שטעט שפּילן אין מאָדערנעם לעבן אַ וויכטיקע, און אַלץ וויכטיקערע ראָל; צוליב דעם, וואָס זיי ווערן די פירנדיקע פאַקטאָרן אין דער ציוויליזאַטאָרישער באַוועגונג, איז פאַרן גאַנצן לאַנד נישט גלייכגילטיק אַזוי אָדער אַן אַנדער האַלטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז ביי אונז דער וויכטיקסטער שטאָטישער עלעמענט.

דער אַקטיווער אָנטייל פון די יידן אין עפנטלעכן לעבן פון

אונזער לאנד דאטירט זיך פון יאר 1863. ביז יענער צייט האבן די יידן פארגעשטעלט מיט זיך א פאסיווע מאסע, וואס איז גלייכ־גילטיק צו אלע געשעענישן, צו די אדער אנדערע פאסירונגען, וואס ליטע האט דורכגעמאכט אין איר געשיכטע. זיי האבן פארגעשטעלט מיט זיך א מאסע, וואס ווערט אויסגענוצט און וואס פארקויפט איר הילף יענעם, וועלכער איז שטארק און רייך, און ווערט אינערלעך גע־פירט דורך א שטארקער ארגאניזאציע, דער קהלה, וואס רעגירט מיט די יידן אויפן גרונט פון געזעצן, וואס זי אליין האט געשאפן, אומאפהענגיק פון די געזעצן, ביי וועלכע ס'האט זיך געהאלטן די איבעריקע טייל באפעלקערונג. די יידן האבן פארגעשטעלט מיט זיך א באזונדערע געמיינשאפט, וועלכע איז געווען פארבונדן מיטן ארום דורך שוואכע פעדעם פון האנדלס־באציונגען. דאקעגן האט א כינעזישע מויער פון אייגענע ווילדע פארורטיילן און פון פארור־טיילן צווישן דער קריסטלעכער באפעלקערונג אפגעטיילט זיי פון דער איבעריקער געזעלשאפט. מען האט זיי גערודפט און פאר־אכטעט און אפגעצאלט האבן זיי דערפאר מיט אומווילן און האס.

נאך די רעפארמען, וועלכע זענען דורכגעפירט געווארן אין דער רוסישער מלוכה, האבן די יידן אביסל אפגעאטעמט. דאס פארטיילן צווישן די פויערן ערד, די אנטוויקלונג פון דער אינדוסט־רי, דאס איינפירן א געוויסן יושר אין די געריכטן, ווו מען האט איינגעפירט גלייכע רעכט פאר דער גאנצער באפעלקערונג — דאס אלץ האט געעפנט פאר פיל יידן דעם וועג ארויסצוגיין פון דער ביז־איצטיקער לאגע. א מיטל דערצו איז געווען רייכטום אדער בילדונג. די לעצטע האט אומבארחמנותדיק אויסגעראט די יידישע פארורטיילן, דערנענטערנדיק די יידן צו דער קריסטלעכער גע־זעלשאפט.

אויסערדעם האט די מאדערנע אינדוסטרי און די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם פאמעלעך אבער סיסטעמאטיש פאנאנדערגעריסן די יידישע געזעלשאפט גופא און די נאציאנאלע סאלידאריטעט. צווישן די יידן, ווי צווישן אנדערע פעלקער, האבן זיך אויסגעביל־דעט סאציאלע קלאסן — אויסגענוצטע און אויסנוצער—מיט באַ־זונדערע און קעגנזייטיקע אינטערעסן. אויב די רייכערע האבן

אונטערן איינפלוס פון בילדונג גענומען שטרעבן זיך צוזאמענצוגיסן מיט דער קריסטלעכער געזעלשאפט, האט צווישן דער מאסע אויסגענוצטע פראלעטאריער זיך אנגעהויבן אנטוויקלען דער סאציאליזם, וועלכער צעזעצט פונקט אזוי ווירקזאם אבערגלויבנס און פינסטערניש און פילט אויס פונקט אזוי גרינטלעך דעם תהום, וואס טיילט אפ פראלעטאריער פון פארשידענע נאציאנאליטעטן, פאראייניקנדיק זיי אין איין משפחה, וואס האט איין געמיינזאמע אידייע.

די דאזיקע אלע פאקטארן האבן אין אנדערע געזעלשאפטן דערפירט כמעט צו פולשטענדיקער צוזאמענגיסונג פון די יידן מיטן ארום. אין פוילן און ליטע איז געשען אנדערש.

ערשטנס, איז דא יידן געווען באדייטנדיק מער, ווי ערגעץ־אנדערשווו, און צווייטנס האבן בילדונג און סאציאליזם דא אנגעטראפן א שטערונג, וועלכע איז אין אנדערע לענדער נישט באקאנט — דעם רוסישן צאריזם. דאס ליכט, וואס איז פארשפרייט געווארן דורך דער וויסנשאפט, איז צוליב דער דאזיקער שטערונג געווען פארטונקלט, און די בילדונג אליין, צוגעפיקסט דורך קריטישע שרייבערס, האט אפטמאל געפיפט נישט ערגער פון דער אמאליקער פינסטערניש. ענדלעך — דאס האט הויפטזאכלעך א שייכות צו ליטע — איז דער איבערברוך אין לעבן פון די יידן און זייער דערנענטערונג צו דער קריסטלעכער באפעלקערונג געקומען אין א מאמענט פון כמעט פולשטענדיקער מאכטלאזיקייט פון דער געזעלשאפט, וואס רינגלט ארום די יידן. — די פוילישע קולטור, א פארניכטעטע אין די שטעט נאך דער מפלה פון יאר 1863; די ליטווישע, וועלכע האט זיך געפונען אין קיימענדל; לסוף די ווייסרוסישע, וועלכע איז ביז איצט נישט ארויס פון די וויקעלעך — האבן נישט געקענט מיטציען מיט זיך די יידן און זענען נישט געווארן קיין בריק, איבער וועלכער די יידן וואלטן געקאנט אריינגיין אין באשטאנד פון דער ליטווישער געזעלשאפט.

די רוסישע שולן דאקעגן, וועלכע מען האט איינגעפירט ביי אונז אין לאנד, און די האפענונג אריינצוקומען אין דער טריומפירנדיקער רוסישער געזעלשאפט, האבן געטריבן די יידן צו אלעם,

וואָס איז געווען רוסיש. אַ לאַנגע צייט האָבן די יידן אין אונזערע שטעט געוואַלטיק זיך רוסיפיצירט און אַזוי אַרום האָבן זיי, אַנשטאָט דער אַמאָליקער מויער, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פון זייער אַרום, אַליין געגראָבן אַ תהום צווישן זיך און דער אַרומיקער סביבה. די קעגנזייטיקע באַציונג פון ביידע טיילן באַפעלקערונג האָט זיך נישט פיל געביטן. פונקט ווי פריער, זענען די יידן און קריסטן אין דער ליטע געווען פרעמד און אומבאַקאַנט צו זיך, נישט פאַרבונדן מיט איין געמיינזאַמען געדאַנק. אָבער אין לעבן פון לאַנד איז דאָס שוין נישט געווען קיין פּאַסיווע מאַסע. אַדרבא, פּנים אל פּנים מיט דער ענערגיש־געפירטער רוסיפיקאַציע פונם לאַנד, האָבן די יידן, וועלכע האָבן זיך אונטערגעגעבן דער דאָזיקער רוסיפיקאַציע, געבילדעט אַן עלעמענט, אויף וועלכן די רעגירונגס־פּאָליטיק האָט זיך געקענט שטיצן, אַן עלעמענט, וועלכער האָט אויסגעברייטערט די רוסישע איינפלוסן אין ליטע.

אויפן דאָזיקן פאָן האָט זיך אַנטוויקלט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער ליטע. אַדאַנק דעם, וואָס די יידן שטעלן פאָר מיט זיך אַן אויסשליסלעך־שטאָטישן עלעמענט; אַדאַנק דער אומגעהויערער נטיה, וועלכע זיי ווייזן אַרויס צו בילדונג און וויסן; און לסוף אַדאַנק דער ענערגיע פון יידישער אָרגאַניזאַציע און אַ דאַנק דער רירעוודיקייט פון דער ראַסע, האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די יידן זיך גיך אַנטוויקלט, איבערטראָגנדיק זיך פון די גרעסערע שטעט אין אַלע קלענערע שטעטלעך. און ווען די רעגירונג האָט זינט אַ 10 יאָר אָנגעהויבן אויפסניי רודפן די יידן אין רוסלאַנד, פאַרמאַכנדיק פאַר זיי די טויערן פון די שולן און אַראָפּשטויסנדיק זיי צו דער מדרגה פון אַממייסטן באַעוולטע מענטשן, נאָר צוליב דעם, וואָס זיי זענען יידן — האָט די באַוועגונג זיך נאָך מער צעפלאַקערט און באַקומען אַ רעוואָלוציאָנערע, רעגירונג־פיינטלעכע באַפאַרבונג.

ליידער האָט דער סאָציאַליזם נאָר אין אַ קליינער מאָס באַוויזן ביז איצט צו פאַרפולן דעם תהום, וואָס טיילט אָפּ די קריסטן פון די יידן. פון איין זייט אַנטוויקלט זיך ביז איצט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די קריסטן פּאַמעלעך און זי האָט

נישט דערגרייכט אַזוי טיף צו די פֿאָלקס־מאַסן, ווי צווישן די ייִדן. דער הויכער פּרינציפּ פֿון מענטש־פֿאַרברידערונג און פֿון סאָלידאַריטעט פֿון אַלע אַרבעטנדיקע אָן אונטערשיד פֿון נאַציאָנאַליטעט האָט, אַלזאָ, נישט צעקלאַפּט ביז איצט די פֿאַרשידענע פֿאָרורטיילן וועגן ייִדן צווישן די קריסטלעכע פּראָלעטאַריער. פֿון דער צווייטער זייט ווידער לאַסטעט ביז איצט אויף דער ייִדישער באַוועגונג ביי אונז אין לאַנד, ווי אַ קללה, דאָס אָפּזונדערן זיך פֿון דער סביבה און דער אומווילן אַפֿילו בלויז צו פֿאַרשטיין די אינטערעסן און באַדערפֿענישן פֿון דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג. דער „בונד”, וועלכער איז דער הויפּט־פֿאָרשטייער פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדן אין דער ליטע, וויל נישט ביז איצט באַריקזיכטיקן און זיך סאָלידאַריזירן מיט די פֿאַרלאַנגען און באַדערפֿענישן פֿון דער פּוילישער און ליטווישער באַפֿעלקערונג, ער האָלט נישט ביז איצט אַפֿילו פֿאַר נויטיק צו באַקענען די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן מיטן לעבן, פֿאַרגאַנגענהייט, ווייטיקן און האָפֿנונגען פֿון זיינע ברידער אין לייד און אָפּטמאָל אין אַרבעט. בלויז אַ קלענערע טייל ייִדישע באַוווסטזיניקע חברים האָבן זיך געשטעלט אונטער אַ געמיינזאַמער מיט אונז פֿאָן, בילדנדיק אין אונזער פּאַרטיי אַן אויטאָנאָמע ייִדישע אָרגאַניזאַציע.

און אָט פֿאַרייניקט זיך דער סאָציאַליסטישער באַוווסטזיין צווישן פּוילישן און ליטווישן פּראָלעטאַריאַט מיטן געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט צוצעקלאַפּן די שקלאַפֿן־קייטן, אַראָפּצוואַרפֿן פֿון זיך די אָקופּאַציע, וועלכע שטערט אונזער אַנטוויקלונג. דאַקעגן די ייִדן — קינדער פֿון דער זעלבער ערד — פֿאַרייניקט דער זעלבער סאָציאַליסטישער באַוווסטזיין מיט אַ לאַנד, וואָס איז אונז פֿרעמד, ער לערנט זיי און געוואוינט זיי צו צו זיין אָפּהענגיק פֿון דעם, וואָס קומט פֿאָר ערגעץ אין דער פֿרעמד, אָפּציענדיק דעם געדאַנק פֿון דער נאָענטסטער סביבה. די דאָזיקע צווייאַיקייט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן פּראָלעטאַריאַט אין דער ליטע ברענגט שאָדן ביידע צדדים. די קראַפֿט און דער איינפֿלוס פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ווערט שוואַכער; די קאַמפֿן, וואָס מיר פֿירן, זענען נישט קיין סאָלידאַרישע באַוועגונג פֿון אַ גרויסער סאַ־

ציאליסטישער ארמיי, זיי פארוואנדלען זיך אין א קליינקאמף, אין א פארטיזאנער־קאמף. פונקט ווי די יידישע באוועגונג, נישט פארייניקט מיט דער קריסטלעכער, איז אוממעכטיק לגבי דער איבערמאכט פון שונא און מוז טיילמאל בלייבן שווייגן ביים מינדעסטן אנטיסעמיטישן בלאז, פונקט אזוי פארלירט די באוועגונג צווישן דער קריסטלעכער מינדערהייט פון די ארבעטנדיקע מאסן אין די שטעט פון איר פאליטישער וואג.

חברים! מיר מוזן ענערגיש ארבעטן, כדי אויסצובעסערן די דאזיקע פארהעלטעניש. קודם־כל לאמיר אנהויבן היטן זיך אליין. וואס שטארקער ס׳וועט זיין דער באוווסטזיין צווישן אונז אליין, אלץ זעלטענער וועלן זיך טרעפן אזעלכע פאקטן, ווי די ארויסטרעטונגען פון די ווילנער גארבער קעגן זייערע יידישע פאך־חברים. וואס ווייניקער אנטיסעמיטיזם ס׳וועט זיין צווישן די קריסטן, אלץ לייכטער וועט אונז אנקומען די פארייניקונג און דער צוזאמען־שלום פון די סאציאליסטישע כוחות אין דער ליטע, אלץ אפטער וועט אנהויבן הערשן צווישן אונז אן ערלעכע ארבעטער־סאלידאריטעט, די סאלידאריטעט פון עקספלואטירטע און באוואלטע. ייד, פאליאק, ליטווינער — אלע זענען מיר גלייך עקספלאטירט דורך אונזערע אייגענע, היימישע אויסנוצערס. אלע זענען מיר גלייך באוואלט דורך דער מאסקווער רעגירונג, וועלכע רויבט צו ביי אונז די מענטשלעכע רעכט און שמידט אונז אין שענדלעכע שקלאפן־קייטן. אלע זענען מיר גלייך פאראינטערעסירט דעריין, אז לעבנדיק בשלום צווישן זיך, זאלן מיר מיט געמיינזאמע כוחות און פארן געמיינזאמען וואויל צערייסן די קייטן און איינשטעלן אויף אונזער ערד גערעכטיקייט, ארדענונג און רו. צו דעם טאקע לאמיר צורעדן די יידישע חברים ביי יעדער בארירונג מיט זיי.

רעגיסטער פון נעמען, וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך

א

אַן אַלטער באַקאַנטער — זע יצחק פּסחזאָן.
אוליאַנאָוו אַלעקסאַנדער — 25.
אונשליכט פּרל. — 190.
אַזעף — 89.
איוואַניוקאָוו — 251.
אַלדאָנאַ — 19.
איילע פּולק. — 241.
אַקסעלראָד — 116, 117, 118.
אַנגליק — זע דייר פעליקס זאַקס.
אָרזשעוווסקי גענ.־גובערנאַטאָר — 91, 92, 256.
אַלעקסאַנדער דער דריטער — 19, 25, 43, 253.
אַנווש אַנטאָני — 230.
איינאָויגלער קאַרל דייר — 8

ב

בראָניש — זע בראָניסלאַוו פּיל־סודסקי.
בורצעוו — 33, 59.
בורגין — 190, 220.
ברוזעל ליבע — 190.
ברוזעל פרומע — 190.
ברוזעל פסח — 190.
בראָניסלאַוו — זע סולקעוויטש.
בערטראַנד — זע באַלעסלאַוו טשאַרקאָווסקי.
באַלאַבאַן מאיר פּראָפ. — 241.
ביבער ש. — 221.
בוכבינדער נ. — 136, 137.
בוינאַ אַדאַם — 205, 224, 230.
ביעלינסקי — 151, 273.
באָלעסלאַוו דער פירשט — 275.

ג

גאָטליב לעאָן — 8, 170.
גוסטאַוו — זע הירש ראָגאָוו.
גאָלדע עסטעראַ דייר—229, 230.
געץ ברוך — 192.
גאָלוב מרדכי — 192.
גיןאַטאָוויטש באַרטלאָמיי— 13.
גואַטאָווסקי אַנטאָני — 27.
גראָבער דער — זע בורגין.

ד

דאַרווין — 59.
דיאַמאַנד — 125.
דיקשטיין ש. — 86, 253.
דאָבראָדזשיצקי — 66.
דיאַנונציאָ — 74.
דאַשינסקי — 61, 125.
דעגענפיש שאול — 190.
דיאָנעאָ — זע שקלאָווסקי.
דאָבראָליובאָוו — 251.
דעמבאָ איזאַק — 27.

ה

האַרטמאַן — זע לעאָן גאָטליב.
האַרקוו — 25, 26.
האַרעוויטש — 233.
האַרוויץ מאַקס — 131, 141, 169, 190, 203, 229, 230.
האַרוויץ קאַמילאַ דייר — 219.
הורוויטש מינע — 192, 220.
הירשהאָרן ש. — 237.
הערצל דייר — 199, 208.

וו

וואַשילעווסקי — 6, 8, 37, 39, 41, 51, 56, 71, 72, 89, 97,

טראָמפּטשינסקי—זע פּראָפ. לוד־
וויק קולטשיצקי.
טשאַרקאָווסקי באָלעסלאַוו—191,
205.
טאָמאַסאָן — 203.
טשערנישעווסקי — 251, 273.

י

יאַן — זע דייר פעליקס זאַקס.
יוכים—זע יאָאַכים ס. פרענקעל.
יעזשי — זע אַדאַם בוינאָ.
יוליוש — זע פעליקס פערל.
יאַשינסקי פּראָפ. — 67, 68.
יאַסני וו. — 8.
יאָדקאָ דייר — זע וויטאָלד יאָד־
קאָ־נאַרקעוויטש.
יאָדקאָ־נאַרקעוויטש וויטאָלד —
39, 153, 176.
יאָוויש — זע וויטאָלד יאָדקאָ־
נאַרקעוויטש.

כ

כווילעוויצקאַ — 192.

ל

לאַנדע — 255.
לאַווראָוו — 252.
ליבקנעכט — 253.
לאַוואַליי — 251.
לעווינסאָן — 221.
לעווינסאָן פּאַוועל — 230.
ליליענפעלד־קזשעווסקי — 241.
ליאַלקע — זע דוד פערלמוטער.
לעאָן — זע באָלעסלאַוו טשאַו־
קאָווסקי.
לעקערט הירש — 203.
לימאָני יענקל — 192.
ליפּמאַן סטעפאַניאַ — 21.
ליניעוויטש גענ. — 67.
לעוו אַבע — 88.
לוקסעמבורג ראָזאַ — 40, 122,
164.
לושניאַ—זע קראַוז קאַזשימיעזש.

99, 126, 134, 168, 170, 171,
178, 179, 180, 182, 194,
195, 202, 238.
וואָיטשעכאָווסקי סט. — 36, 41,
120, 149, 169, 191.
וואָלאָכאָוו — 27.
וואַצעק — זע סט. וואָיטשעכאָוו־
סקי.
וויעטשאָרקעוויטש אַנטאָני— 15.
ווזשאָס קאָנראַד — 65.
וויעניאַוואַ — זע גענ. וויעניאַוואַ־
דלוגאָשעווסקי.
וויעניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי גענ. —
17, 21, 66, 67, 68, 69.
ווײַנער מנחם — 192, 193.
וואָיטעק — זע מאַריאַן מאַלי־
נאָווסקי.
וואַלעצקי הענריק — זע מאַקס
האָרוויץ.
וולאַדעק — זע אַלעקסאַנדער מאַ־
לינאָווסקי.
וואַלענראָד קאָנראַד — 19, 23.
וויצעק — זע יאַן רוטקעוויטש.
וואָהלמאַן יוזעף — 111.
וויעלאָפּאָלסקי — 276.

ז

זאַקס פעליקס דייר — 170, 190,
191, 192, 196, 200, 201,
202, 203, 204, 205,
207, 224, 30—229.
זיידקע — זע מנחם ווײַנער.
זשעליגאָווסקי גענ.—73, 74, 75.
זובאַטאָוו — 154, 176, 177.
זשאָפר מאַרשאַל — 70.

ט

טאַטאַראָוו ניקאָליי — 183, 185,
186, 187, 188.
טאָקאַזש פּראָפ. — 8.
טזשטשינסקי וויטאָלד — 37.
טימאָפיי — זע צמח קאָפּעלזאָן.

לוקאַשעוויטש יאָסיף — 26, 27.
לענין — 25, 38.
לוריע משה — 184.
לעפּעצקי מ. ב. — 18, 63.

מ

מאַלעשעווסקי יאַן — 14, 15.
מאַנטלאַק — 146.
מענדעלסאָן סט. — 35, 36, 39, 126, 127.
מעזריטשער משה — זע משה קופּמאַן.
מאַרטאָוו — 135, 136.
מילל יוסף — 132, 137, 146, 165.
מאַלינאָווסקי אַלעקסאַנדער— 37, 131, 132, 149, 189, 216, 224.
מיקלאַשעווסקי באַלעסלאַוו — 146, 147.
מיכאַלאָווסקי — 251.
מיכאַלעוויטש ב. — 124, 125, 184.
מיכאַלאָווסקאַ יאַדוויגאַ—63, 64.
מעניאַ — זע סט. מענדעלסאָן.
מאַריאַן — זע אַנאַסטאַזי קאַזשימיעזש רוג.
מאַצקעוויטש סט. — 53.
מאַלינאָווסקי מאַריאַן — 56, 57.
מילעוויטש פּרוי — 21.
מיכעלסאָן — זע מענדל רובינשטיין.
מוסניק גליעב — 175.
מאַטקע — זע מרדכי גאָלוב.
מינקאָווסקי — 241.
מאַסטבוים גוטשע — 220.
מאַסטבוים יואל — 220.
מאַראַטשעווסקי — 238.
מינקעוויטש הענריק — 224.
מירעצקי — 233.
מאַנטוויל — זע מירעצקי.
מיצקעוויטש — 19, 248.
מלאָט — זע ש. דיקשטיין.
מאַרקס קאַרל — 23, 41, 59, 253, 254.
מוראַוויאָוו — 262, 263.

נ

נאַפּאָלעאָן — 18, 78, 247.
נאַרוטאָוויטש פּרוי — 18.
נאַרוטאָוויטש פּרעזידענט — 18.
ניקאָליי דער צווייטער — 43.
נאָוואָראָסקי מיכאַיל — 26.

ס

סאָול — זע שאול דעגענפיש.
סטרוזשעצקי יאַן — 119.
סטיד וויקעם — 58.
סולקעוויטש — 186, 191.
סטודניצקי וול. — 15.
סלאָוועק וואַלערי—62, 71, 224.
סוכאַזשעווסקאַ — 65.
סאָרסקי אריה — 84, 85.
סאָרסקי שמואל — 84.
סאָסנקאָווסקי גענ.—55, 62, 66.
סאָקאָלניצקי — 62.
סעגאַל משה נאָטע — 192.
סאַווינקאָוו באָריס — 188.
סטאַמיראָווסקי — 238.
סאָס — זע האָרעוויטש.
סלאָוואַצקי — 214, 247, 248.
ספּענסער — 254.

ע

עקשטיין ש. — זע ש. ע—ן.
ע—ן ש. — 222, 223.
עדמונד — זע סט. וואַיטשעכאָווסקי.

פּ

פּאָבוג־מאַלינאָווסקי וו. — 15, 19, 20, 140, 169, 173, 197, 230.
פּערל פעליקס — 37, 39, 57, 95, 165, 166, 170, 205, 234, 235.

פּיעטקעוויטש קאַזשימיעזש —
59, 60, 184.
פסחזאָן יצחק — 121, 132, 137.
פּילסודסקי בראָניסלאַוו—19, 20,
22, 25, 26, 27, 85.
פּילסודסקי פּרוי — 15, 20.
פּילסודסקי סטעפאַן — 14, 15.
פּילסודסקאַ מאַריאַ — 22.
פלעכאַנאָוו — 278.
פּרושינסקי קסאַווערי — 83.
פּסח — זע פּיאָטר שומאַוו.
פלעווע פאָן — 199, 208.
פּערלמוטער דוד — 190.
פאַדערעווסקי — 239.
פּיסאַריעוו — 251, 273.
פּיערעלאַיעוו — 272.
פּרילוצקי נח—8, 237, 238, 239.
פּאַשקאָווסקי טיטוס — 27.
פּושקין — 152.

פ

פרענקעל יאָאַכים ס.—111, 124,
125, 126, 130, 134, 138.
פּייערשטיין־קזשעמיענסקי גענ. —
240.
פריימאַן וואַסילי — 191.
פּיליפּאָוויטש טיטוס — 60.
פירסט — זע ניקאָליי טאַטאַראָוו.
פאַקיר — זע קאַזשימיעזש פּיעט־
קעוויטש.
פייגנבוים ש. ב. — 146.

צ

צעטערבוים מאַקס — 164.
צאָל פרידריך פּראָפ. — 18, 22.
צעפּניק ה. — 15.

ק

קאַשטשושקאָ — 18.
קראַשינסקי — 247.
קאָן פעליקס — 229, 230.
קאַספּזשאַק מאַרטשין — 217.
קזשעמינסקי גענ. — זע גענ. פּיי־
ערשטיין־קזשעמינסקי.
קאַפּעלנער־קאַפּליצקי דייר—240.
קאַפּליצקי דייר — זע דייר קאַ־
פּעלנער־קאַפּליצקי.
קאַפּולסקי שלמה — 192.
קאָנאָפּניצקאַ מאַריאַ — 192.
קאַסאָווסקי וול. — 155, 175,
177.
קולטשיצקי לודוויק פּראָפ. — 47.
קורסקי פּ. — 8, 88.
קויטסקי קאַרל — 38, 164.
קראַוז קאַזשימיעזש — 39, 165.
קאַדענאַץ זולאַ — 17, 21, 35.
קיזשאַ — זע סולקעוויטש.
קאָפּעלזאָן צמח — 87.
קאַדען־באַנדראָווסקי — 66.
קערן עלגאַ — 22.
קאַנטשער — 25, 26, 27.
קרול מיכאַל אינזש.— 200, 219,
220, 232.
קאַרמאַן זשאַננאַ — 233.
קזשעסלאַווסקי י. — 57.
קראַנץ פיליפּ — 146, 202, 233,
234.
קאַטעלבאַך טאַדעוש — 15, 16,
21, 85.
קרעמער אַרקאַדי — 8, 87, 110,
131, 132, 133, 135, 154,
155, 175, 177, 195.
קויפמאַן משה—114, 132, 133,
135, 168, 211, 218.
קאָכאַנאָוו גענ.־גובערנאַטאָר —
160, 199, 256, 259, 263.

ר

ראַזשדזשעסטווענסקי — 272.
רוג אַנאַסטאַזי קאַזשימיעזש —
131, 132, 133, 135,
136, 200.
ראַמבראַ יעקב—זע פיליפּ קראַנץ.

ראַפּאָפּאָרט שאַרל — 26, 85.
רוטקעוויטש יאַן — 8, 140, 205, 224, 230—231.
ריידין אברהם — 220.
ריידין ז. — 233, 234.
ראָגאַלסקי — 18.
רינצאַ וול. — 22.
ראַדלינסקאַ פּראָפ. — 8.
ראַבינאָוויטש ס. פּ. — 88.
רופּפּערט דייר — 66.
רעס — זע פעליקס פּערל.
ראָמער אַדאַם — 74, 75.
ראַדעק קאַרל — 70.
רובינשטיין מענדל — 190, 219, 220.
רעזניקאָווסקאַ טערעזאַ — 170.
ראָבערט — זע סולקעוויטש.
ראָגאָוו הירש — 233.

ש

שאַצקי י. דייר — 8, 241.
שאַפּיראָ בערנאַרד— 229—230.
שליווינסקי אַרטור — 62.
שעדלעצקי סטאַניסלאַוו — 72.
שעלגונאָוו — 273.
שקלאָווסקי — 54.
שיקאָרסקי וולאַדיסלאַוו גען.—75.
שאַבאַד צמח דייר — 85.
שעראָשעווסקי וואַצלאַוו — 19, 20.
שומאָוו פּיאָטר — 184, 185, 191, 196, 203.

באמערקטע דרוק-גרייזן

זייט 18 שורה 2 פון אונטן דאַרף זיין מ י ע ט ש י ס ל א ו
זייט 91 שורה 16 און 17 פון אויבן דאַרף זיין: „אַ שרייענ־דיקער ביישפּיל פון דער דאַזיקער באַציונג איז פיל־סודסקיס אַרטיקל וועגן נייעם גענעראַל־גובערנאַטאָר אין ווילנע".
זייט 147 שורה 7 פון אויבן דאַרף דאָס ערשטע לאַטייניש וואָרט זיין „טימעאָ" און נישט „ימעאָ".
זייט 153 ערשטע שורה פון אויבן דאַרף זיין כ ו ח ו ת און נישט „תוחות"

א י נה א ל ט:

זייט

פ אָ ר װ אָ ר ט — — — — — 3

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

שטריכן צו א כאראקטעריסטיק

1. גענעאלאָגיע — — — — — 13
2. ערשטע נייגונגען — — — — 17
3. דער װעג צום סאָציאַליזם — — — 23
4. דער ציל פון אַלע צילן — — — — 29
5. פ. פ. ס. — — — — — — 35
6. בויגעװדיקייט — — — — — 40
7. רוסלאַנד — — — — — 44
8. אומװילן — — — — — 49
9. מיליטערישע פאַרנטערעסירונגען — — 53
10. גלויבן אין זיך — — — — — 59
11. מיסטיק — — — — — — 63
12. ספיריטיזם — — — — — 66
13. געשעענע פאַקטן — — — — 71
14. אַ גרונט־שטריך — — — — — 76

צווייטער טייל

אין קאמף קעגן „בונד"

זייט

1. ערשטע איינדרוקן — — — — 83
2. אויף דער שוועל — — — — 86
3. די ערשטע צוזאמענשטויסן מיט די יידישע סאציאליסטן 89
4. טענות וועגן רוסיפיקאציע — — — 94
5. אומאפהענגיקייט — — — — 101
6. הבטחות דעם יידישן ארבעטער־קלאס— — 106
7. זשארגאן — — — — — 109
8. צוזאמענארבעט מיט די „זשידקעס" — — 115
9. אילוזיעס — — — — — 119
10. ווילנע — לעמבערג — — — — 124
11. אן אינטערעסאנטער דאקומענט — — 128
12. אונטערהאנדלונגען צווישן אנאסטאזי דוג און ארקאדי קרעמער 131
13. ערב דער גרינדונג פון „בונד" — — 135
14. ווען ס'איז פארגעקומען דער ערשטער צוזאמענפאר פון „בונד"... 139
15. די יידישע סאצ. פאסט פון אמעריקע קיין פוילן 145
16. די קריג־דערקלערונג פון פ. פ. ס. — — 149
17. דער ענטפער פון „בונד" — — — 154
18. ווי אזוי איז עס געווען אויף אן אמת? — 163
19. „דער ארבייטער" — — — — 167
20. דער ערשטער מאסן־ארעסט אין „בונד" און פילסודסקי 173
21. הינטער די קוליסן — — — — 178
22. טאטאראוו — — — — — 183

זייט

23. ווען פּילסודסקי איז געזעסן אין תפיסה — 189
24. נייע ווינטן — — — — — — 194
25. 1903—1902 — — — — — — 201
26. פּילסודסקיס אַרויסטרעטונג וועגן „בונדיי
אין יוני 1903 — 204
27. קאַפּיטולאַציע — — — — — — 208
28. חשבון־הנפש — — — — — — 212
29. פּילסודסקי זוכט די מיטאַרבעט פון „בונדיי — 215
30. קנאה — — — — — — — 219
31. דער בונט פון די „יינגעיי — — — 222
32. די צוזאַמענפאָרן פון פּ.פּ.ס. און „בונדיי
אין יאָר 1905 — 225
33. די פּ. פּ. ס. שפּאַלט זיך — — — 228
34. ליקווידאַציע — — — — — 232
35. לעצטער בריוו ־ אויסטויש — — — 236

דריטער טייל

דאקומענטן (ביילאַגעס)

1. פּילסודסקיס אויטאָביאָגראַפיע (1903) — 245
2. פּילסודסקיס ערשטער אַרטיקל וועגן דער
יידן־פראַגע (1893) — 256
3. פּילסודסקיס אויפרוף „צו די חברים סאָציאַ־
ליסטן יידןיי (1893) — 260
4. פּילסודסקיס צווייטער אַרטיקל וועגן דער יידן־
פראַגע (1894) — 269
5. פּילסודסקיס אַרטיקל וועגן דער יידן־פראַגע
אין דער ליטע (1903) — 281

רעגיסטער פון נעמען — 287

Free Public Library, Newark, N. J.